STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03986

NOKHN SAKHAKL, FIR

Meir Charatz

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

AMHERST, MASSACHUSETTS

413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG

WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY

WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust

Arie & Ida Crown Memorial

The Seymour Grubman Family

David and Barbara B. Hirschhorn Foundation

Max Palevsky

Robert Price

Righteous Persons Foundation

Leif D. Rosenblatt

Sarah and Ben Torchinsky

Harry and Jeanette Weinberg Foundation

AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE

National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מאיר חרץ

נאָכן סך־הכּל — פֿיר

(לידערזאַמלונג)

*

פֿון מײַן ביסל פּראָזע

*

סענטענצן

*

אויף מײַן חשבון

*

אָפּגעהיטע ווידמונגען אויף מײַן אַדרעס

מאיר הרץ

נאָכן סך־הכל

נײַע לידער

כּרך

אַ ביסל

פּראָזע

עטלעכע

סענטעצן

אויף מײַן חשבון

פֿאַרלאַג "אײגנס" ירושלים
תשנ"ד — 1993

מאיר חרץ

אחרי הסך הכל — ארבעה

MEIR HARATZ

NOCHN SACH HAKL — FIR

הילע און שער־בלאַט — איזיו שערף

©

כל הזכויות שמורות

דפוס צור־אות, ירושלים

מאיר חרץ — 1939

דער סאַמע "לעצטער סך־הכּל"

דעם גאַנצן מאַטעריאַל, וואָס גייט אַרײַן אינעם איצטיקן באַנד, האָט מײַן מאַן ז"ל איבערגעגעבן אין דרוקערײַ צוויי חדשים פֿאַר זײַן פּטירה, דעם 30סטן יוני 1993 — י"א תּמוז תשנ"ג. דער גורל האָט ניט דערלאָזט, ער זאָל קענען האַלטן אין די הענט דאָס פֿאַרטיקע בוך, און עס גייט אַרויס שוין נאָך זײַן טויט.

ער האָט געהאַט אַ פֿאָרגעפֿיל אַז זײַנע טעג זענען געציילטע. אַ קורצע צײַט איידער ער איז אַרײַן אין שפּיטאָל, פֿון וואַנען ער איז שוין ניט צוריקגעקומען, האָט ער מיר געזאָגט: "כ'האָב אָנגעשריבן מײַן לעצטע ליד". אָט איז זי:

גאָט, מײַן גאָט

איך וויל חלילה, דיך נישט בעטן, זאָלסט מיך גלעטן,
דו האָסט עס קיין מאָל נישט געטאָן צו קיין פּאָעטן,
איך וויל פֿון דיר נאָר איינס, אַ קורצע תּשובֿה, איינע,
וויל הערן פֿון דײַן אייגן מויל: **הנני**.

און איך וועל דיך לויטן קול דערקענען,
וואָס איך קען עס פֿון מײַן מאַמעס צאינה וראינה,
בשעת זי האָט געלייענט דײַנע געבאָטן
און פֿאַרבאָטן.

נאָך דעם האָבן דײַנע שליחים, דײַנע דײַטשן
אומגעבראַכט מײַן מאַמען צוזאַמען מיט עבֿרי־טײַטשן
און די קינדער מײַנע קענען נישט איר לשון
און איך אַליין גיי דיך באַלד פֿאַרלאָזן.

מאיר חרצעס ליטעראַרישע צוואה איז אויסגעקריצט אויף זײַן מצבֿה:

ווי לאַנג די מענטשן וועלן נאָך מיט ווערטער לעבן,
וועט אויך מײַן וואָרט אַרומגיין צווישן זיי...

מאַגדאַ ט. חרץ

אויגוסט 1993

אינהאַלט

מיר לידער

מיר 15
מיר באַזיגטע 15
מיר, באַסאַראַבער 16
מיר גייען צו דער אַרבעט 17
מיר, געקרייציקטע 18
מיר גראַמען 19
מיר, די גראַפּאָמאַנען 19
מיר, די פּאָעטן און עסייִסטן 20
מיר, די פֿאַרגווייִשטע ייִדן 21
מיר האָבן באַקענט זיך 22
מיר האָבן געאַקערט 23
מיר האָבן געבלאָנדזשעט 23
מיר האָבן דערגרייכט 24
מיר ווייסן ניט פֿאַר וואָס 25
מיר זיצן אַ כאַפּע 26
מיר זענען אַלע פֿון דער שטוב אַרויס 27
מיר זענען אַ פֿאָלק פֿון גרים 28
מיר זענען געגאַנגען צום זונפֿאַרגאַנג 28
מיר זענען געזעסן 29
מיר זענען דער דרײַצנטער שבֿט 29
מיר זענען פֿאַרמישפּט 30
מיר זעען ניט דעם ווינט 31
מיר טאַפּן אָן 31
מיר נעמען אַרום 32
מיר פֿאָרן 33
מיר קומען צו זעכציק 34
מיר קענען שוין אונטערשיידן 34
מיר שטאַרבן נישט 35

נײַע לידער

א. נאָך מײַן ערשטן טראָט

מײַנע צוואַנציק יאָר אין לאַנד 39
ס'ווערט שווערער און שווערער 39
נאָך מײַן ערשטן טראָט 40
איך האָב הײַנט 41
כ'האָב מײַן לעבן דורכגעשמוגלט 42
כ'האָב אָנגעשריבן הײַנט 42
זכרונות 43
ווען איך לייג זיך 44
דער גאָט, וואָס באַשאַפֿן 45
דער סוד 46
מיר האָבן געחלומט זיך 47
נישט 48
מיר האָט זיך געחלומט 49
שטייט די נשמה קעגן שפּיגל 49
קעסאָקע אויגן 50
צווישן פֿעסלעך מיט געזײַערטס 51
עמעץ 53
סע פֿעלט מיר 53
איך בין דײַן מזלדיקער שטערן 55
ווי ער שרײַבט אין זײַנע לידער 56

ב. ווי קומט עס?

צוויי ברידער 57
אַן אויפֿשטאַנד 58
די קרומע וועגן 58
גורל 59
אַן עין־הרע 59
אָט זיצט ער 61
איך האָב געקלאָגט זיך 61
טעקסט פֿאַר אַ ווידוי פֿאַרן
סאָוועטישן שרײַבער 62
ווי קומט עס? 63
האַלבע און פֿערטל און צענטל
שאָטנס 64
וואָס ביסטו, פֿרעג איך, אויסן 64
כ'האָב אָנגערופֿן איינעם 66
מאָלדאָווע 66
נישט יעדער עפּלבוים 68

צום 50סטן יאָרטאָג פֿון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע 68

ג. שרײַב מיר אָן

אַזוי פֿיל 70
צײַט 71
שרײַב מיר אָן 72
גיי אין לאָמבאַרד 73
אַזוי פֿיל חידושימדיקע 73
ירושה 74
אייביק 75
די שלעכטע שטימונג 76
די איבעריקע שטיקער שטיין 76
גרינג ווי אַ פֿעדער 77
בין געלעגן 78
בין אויפֿגעשטאַנען 79
אַ פֿויגל האָט פֿאַרלוירן 80
צעבראָכן דער פֿידל, די סטרונעס צעריסן 80
כ'האָב יענע וואָך 82
לייג 83
ס'איז יעדער מענטש 83
כ'האָב יאָרן לאַנג געוואַרט 84
* שלום 85
לזכר אפֿרים שעדלעצקי 86
איציק שוואַרץ (י. קאַראָ) 87
אליעזר פּאָדריאַדטשיק 88
בערל שנאַבל 88
דער נסתּר 89
חיים גיניגער 89
יוסף בורג 90
יעקבֿ גראָפּער 91
יעקבֿ פֿרידמאַן 92
שׂמחה שוואַרץ 92

פֿון מײַן ביסל פּראָזע

אַ וואָרט וועגן יוסף קערלער צו זײַן 50סטן געבוירן־טאָג 97
35 יאָר ליטעראַרישע טעטיקייט פֿונעם דיכטער יאָסל לערנער 102
צום דערשײַנען פֿון לידערבוך "צעאָטענע קרעלן" פֿון רבֿקה באַסמאַן 107
וועגן אַלכּסנדר שפּיגלבלאַטס לידערביכל "וואָלקנבערעמען" 108
וועגן יאָסל לערנערס נײַ ביכל "לידער און מעשׂהלעך מיט אַ גוטן מיין" 110
ברוך מרדכי ערליך / "בעלעמער דערציילונגען" 111
וועגן חיים מאַלטינסקיס "דער מאָסקווער משפּט איבער די בירעבידזשאַנער" 113
וועגן חיים מאַלטינסקיס פּראָזע־בוך "אין זיבן זונען" 114
וועגן פּאַריזער יִידישן שרײַבער יחזקאל קאָרנהענדלער צום דערשײַנען פֿון זײַן ביכל דערציילונגען "דרײַ איבערלעבונגען" 116
וועגן דיכטער מאָטל סאַקציער 117
צום דערשײַנען פֿון חיים זעלצערס פֿינפֿטן לידערבוך "זיבן פֿון איין שיף" 118
וועגן אַבֿרהם רייזין דעם דיכטער 120
אויף אייגענע יאָרן 122
אַ וואָרט וועגן שירע גאָרשמאַן צו איר 85סטן געבוירן־טאָג 124
בערל רויזן ז"ל 127
וועגן די אַרבעטן פֿון בערל רויזן 129
וועגן "ווי אַ זאַך מאַכט זיך" פֿון איזיו שערף 132
וועגן סאַמע עיקר — וועגן עליה פֿון "אייניקייט" צוריק צו "סאָוועטיש היימלאַנד" 135
140
פֿון מײַן נאָטיצביכל 143
אַ בליק צוריק 146
אומזיסטע שרעק 151
הערץ ריווקין (הײַסינער) 154

סענטענצן 161

אויף מײַן חשבון

י. קאַראָ / אַ צאַרטער ליריקע, רעאַליסט און וויזיאָנער 167

ישׂראל עמיאָט / אַ האַרציקער פּאָעט! 170

יאָסל לערנער / צענדליקער יאָרן מיט מײַן פֿרײַנד דעם דיכטער מאיר חרץ 172

רבֿקה כּהן / שטערן אין הימל, לידער אויף דער ערד 178

חיים זעלצער / "דאָס פֿינפֿטע ראָד" — אַן ערשט פֿידל 184

שלמה רויטמאַן / גרינס פֿאַר אַ טרייסט 186

י. קאַראָ / מאיר חרץ — 50 יאָר ליטעראַריש שאַפֿן 188

יוסף קערלער / אַ וואָרט וועגן מאיר חרץ 206

הערש סעגאַל / וועגן מאיר חרץ און זײַנע לידער 210

דוד וואָלפּע / מאיר חרץ — אין פֿולקייט און פֿילקייט 245

א. שעדלעצקי / מאיר חרץ — צו זײַן ווערן אַ בן־שמונים 250

פּנחס ערליך / מאיר חרץ צו זײַנע גבֿורות און צום דערשײַנען פֿון זײַן "נאָכן סך־הכּל — דרײַ" 253

אָפּגעהיטע ווידמונגען אויף מײַן אַדרעס

מ. אָליצקי / איך וועל שטאַרבן אין דער שטאָט ניו־יאָרק 259

רבֿקה באַסמאַן / פֿאַר מאיר חרץ, צו זײַן ווערן אַ פֿינף און ציבעציקער 259

נחמן בליץ / דער זקן און דאָס יינגל 260

פֿריד ווײַנינגער / דווינע, דווינע 263

חיים זעלצער / דער נס פֿון קאַרטאָפֿל 265

יאָסל לערנער / ווי אַ קינד 266

יאָסל לערנער / דער דיכטער 267

יוסף קערלער / דאָס דינע 267

יוסף קערלער / ווידער פֿרילינג 268

רבֿקה קאָפּע / געמיטלעך 270

רבֿקה קאָפּע / נוסח חרץ... 270

רבֿקה קאָפּע / לייענענדיק "גרינער ווינטער" און "מאַרקולעשט" פֿון מאיר חרץ 271

רבֿקה קאָפּע / מאַרקולעשט לעבט 271

אפֿרים רויטמאַן / דער מענטש וואָס גייט 272

נאָכן סך־הכּל — פֿיר

מיר לידער

מיר

מיר, די אָפּגעשטאַנענע, די ייִדישע פּאָעטן,
מיר, די נישט פֿאַראַנענע אין לאַנגן שרײַבער־צעטל,
מיר, די נישט פֿאַרשטאַנענע פֿון מאָרגנדיקע פֿאָרשער,
פֿאָרשער ירושלימער, מאָסקווער צי ניו־יאָרקער.

מיר, די אויסגעוואַקסענע ביזן העכסטן שטאַפּל,
מיר, די נישט געראַטעוועטע בעתן גרויסן מבול,
מיר, די אויסגעשלאָסענע פֿון שפּיל נאָך פֿאַרן פֿיניש,
מיר, די אויסגעשאָסענע בײַם ליקווידירן ייִדיש.

מיר, די באַלד־פֿאַרגעסענע געדענקען זיך אַליין נישט,
יעדערער פֿון אונדזערע זאָגט אַליין זיך: וויין נישט
און צעוויינט זיך אויף אַ קול פֿאַר בושה און פֿאַר ווייטיק —
ווען פֿעלן מיר נאָך אויס? ווען זע׳מיר נייטיק?

ירושלים, 19טער יולי, 1989

מיר באַזיגטע

מיר באַזיגטע פֿונעם שטאַרקן, וואָס באַפֿעלט,
מיר צעקריגטע מיט די פֿירערס פֿון דער וועלט,
מיר, די אומצופֿרידענע פֿון אומעטום,
מיר פֿאַרשידענע, מיר נעמען זיך אַרום.

מיר צעוויגטע פֿון די ווינטן פֿון דער ווײַט,
מיר צעווייקטע אין דער רעגן־צײַט,
מיר, די אומצופֿרידענע פֿון אומעטום,
מיר פֿאַרשידענע, מיר נעמען זיך אַרום.

מיר געשיקטע פֿונעם פֿלאָם צום ים,
מיר באַגליקטע פֿון אַ פּוסטן טאַראַראַם,
מיר די אומצופֿרידענע פֿון אומעטום,
מיר פֿאַרשידענע, מיר נעמען זיך אַרום.

ירושלים, סעפּטעמער 1990

מיר, באַסאַראַבער

מיר, וואָס מיר פֿאָרן אַרויס אין פֿאַרטאָגן,
פֿירן דאָס גאַנצע פֿאַרמעגן אין וואָגן,
שלעפּן די ברויטן פֿון טאָרבעס פֿון גראָע,
עסן געזאַלצנס און האָבן הנאה.

מיר מאַרקולעשטער, זגוריצער, ליפּקאַנער,
בעלצער, סאָראָקער, פֿאַלעשטער, בריטשאַנער,
מיר די אונגענער, סקולענער, רישקאַנער,
מיר די באַנאַרס, סאַפּונאַרס און באַלצאַנער.

מיר, וואָס מיר ווייסן אַליין ניט פֿון וואַנען,
אונדזערע מאָדנע פֿאַמיליעס שטאַמען,
אפֿשר פֿון אייביק אָן פֿון דאַנען,
פֿון די פֿעלדער פֿון בריטשעוואַנען?

מיר, וואָס מיר סאַמעווען איינער אין צווייטן
סײַ מיט די פּנימער, סײַ מיט די קלייטן,
סײַ מיט די מעלות, סײַ מיט די פֿעלערס,
סײַ מיט די גאַנעקעס, סײַ מיט די קעלערס.

מיר, וואָס מיר האָבן מיט בײַטשן געפּאָכעט,
לעמער געפּיטערט און פֿערדלעך געקאָוועט,

קי געמאָלקן און קעלבלעך געכאָוועט,
שטאַלן געריייניקט אין עושר און כּבֿוד.

מיר, וואָס מיר האָבן געזייט און געשניטן,
לעמער געשוירן און פֿערדלעך געביטן,
איבערגענומען מאָלדאַווישע זיטן
זומער צו טראָגן אַ שאָפֿן היטל.

אָן קאַפּריזן, אָן יעדער שגעון,
ווײַט פֿון דער וועלט פֿונעם ווילנער גאון,
ניט קיין צדיקים און ניט קיין רשעים,
קליינע למדנים מיט קליינע חטאים.

עסן, פֿאַרטרינקען מיט רויטן, מיט ווײַסן,
נאָכן טרינקען איז ווידער פֿאַרבײַסן,
אויב מע וועט אויף יענער וועלט שמײַסן,
וועט זיך אויף אונדז די בײַטש צערײַסן.

מיר, באַסאַראַבער, קומען זיך מעלדן:
ניט קיין פּחדנים און ניט קיין העלדן,
ייִדן אַזוי זיך, מע לעבט אין אַ זײַט זיך
פֿון ד'אַנדערע ייִדן, ביז וואַנען מע בײַט זיך.

מיר גייען צו דער אַרבעט

מיר גייען צו דער אַרבעט לויטן זייגער
און שרײַבן לידער לויטן קאַלענדאַר,
דער רעגן האָט אונדז אויפֿגעדעקט אַ פּגר,
איז מוז דער שניי אים צודעקן דערפֿאַר.

מיר טרעטן אויף די שנייען מיט די שטיוול,
פֿאַרטרעטן אַלצדינג, וואָס דער שניי פֿאַרשיט,

מיר שרײַבן אויף דער גאַס זיך אָן אַ בריוול
און קומען היים, דערפֿרייען זיך דערמיט.

מיר עפֿענען דאָס בריוול און מיר שטוינען,
דערקענען ניט דאָס אייגענע כּתבֿ.
מיר בלײַבן אויף די ערטער, ווו מיר ווײנען
און בוקן זיך צום אייגענעם באַשאַף.

מיר, געקרייציקטע

מיר, געקרייציקטע פֿון רוימער און פֿון דײַטשן,
מיר, די אויפֿגעלעבטע, מע זאָל אויף ס׳נײַ אונדז קרייצן,
מיר, אַרויסגעטריבענע מיט ריטער און מיט בײַטשן,
מיר, אַרײַנגעטריבענע די קרעמאַטאָריעס הייצן.

מיר, פֿאַרברענטע אין די גאַז־אויוונס טרעבלינקער,
מיר, די בילדער פֿון אַפּאָסטאָלן אין זייערע קלויסטערס,
מיר, די אויסגעליפֿערטע, ווען די גלאָקן קלינגען
און פֿאַרטויבן דאָס דערמאָרדן אונדז — די דודס און די שלמהס.

מיר, די אויסגעשמדטע קעגן אונדזער ווילן
נאָכן טויט שוין, ווען מע דאַרף בײַ אונדז נישט פֿרעגן
און סע קען די שיינע וועלט זיך אַלץ נישט שטילן —
וואָס וועט זי נאָך צוטראַכטן פֿון אונדזערט וועגן?

ירושלים, מוצאי שבת, 16טער דעצעמבער, 1989

מיר גראַמען

מיר גראַמען די שטאָט
ניט נאָר מיט דראָט,
ניט נאָר מיט ראָד,
נאָר אויך מיט גאָט
און מיט פֿרוכטנסאָד
בײַם ראַנד פֿון דער שטאָט.

מיר זינגען ניט בלויז פֿון לבֿנה־נאַכט
מיט אַזוי פֿיל שטערן, שטערן אַ סך,
מיר זינגען אויך פֿון אַיעדער זאַך,
וואָס וואַקסט אַרויס פֿון מענטשלעכער האַנט,
ווי ס'וואַקסט דאָס ברויט אויף דער ערד פֿונעם לאַנד.

די אייביקייט
גראַמט זיך מיט לײדיקייט
און דער הײַנטיקער לעבעדיקער טאָג
מיט אינהאַלט, מיט וואָג
און די וואָך, דער חודש, דאָס יאָר
זיך גראַמען מיט וואָר,
מיט זײַן
ווי שׂמחות און פֿרײדן מיט אַלטן ווײַן.

מיר, די גראַפֿאָמאַנען

מיר, די גראַפֿאָמאַנען, די פֿאַרשריגענע
זענען שטאַרק מקנא די געקליבענע.
מע פֿאַרפֿלייצט אונדז מיט אַזוי פֿיל אותיות,
מע צערייצט אונדז מיט אַזוי פֿיל גרויסיעס.

מיר, די גראַפֿאָמאַנען, די פֿאַרשאָלטענע
שטייען איצט צוזאַמען מיט פֿאַרהאַלטענע
בײַ די טיר־און־טויער די גן־עדנה,
ווו מע לאָזט אַרײַן נאָר די באַשיידענע.

מיר, די גראַפֿאָמאַנען, די פֿאַרשוויגענע
שטייען מיר צוזאַמען מיט געקליבענע,
נישט אַרײַנגעלאָזטע אויף דער גרויסער חתונה
און מיר לערנען די צעלאָזטע זײַן געלאַסענע.

מיר, די גראַפֿאָמאַנען, די פֿאַרבליבענע
טרייסטן איצט אין גראַמען די געקליבענע:
לעבט נאָך צווישן אײַך פֿון אונדז אַן איינציקער,
אַ לאַנגהאָריקער און אַ ברייטפּלייציקער,
זענט איר נישט אין גאַנצן קיין פֿאַרפֿאַלענע —
לעבן זאָל דאָס וואָרט דאָס גראַפֿאָמאַנענע!

ירושלים, 18טער פֿעברואַר, 1991

מיר, די פּאָעטן און עסייִסטן

מיר, די פּאָעטן און עסייִסטן,
מיר, פּראָזאַיִקער־נאָוועליסטן,
לעבן אַצינד אין אַ צײַט פֿון קריזיס,
די וועלט האָט פֿאַרגעסן דעם פּירוש המלות.

די וועלט, וואָס פֿון ווערטער האָט זיך דערוויַיטערט,
וואַרעמט זיך אַלץ בײַ די ביכער־שײַטערס,
ווערטער ברענען, דאָס גאַנצע לשון,
און די שׂריפֿות נאָך נישט פֿאַרלאָשן.

ווערטער, וואָס האָבן באַשאַפֿן וועלטן,
לערנענדיק תּורה אין די געצעלטן,
האָבן פֿאַרלוירן שוין דעם זכּרון.
וואָס איז דען הײַנט פֿונעם וואָרט געוואָרן?

וואָרט, וואָס באַשריבן, דערציילט און געשילדערט,
הײַנט — אַ צושריפֿט בלויז אונטער בילדער,
אונטער נאָטן פֿון געזונגענע לידער,
בלויז אַ שאָטן צעהאַקט און צעשפּליטערט.

מיר די פּאָעטן און עסייִסטן,
מיר, פּראָזאַיִקער־נאָוועליסטן,
וואָלטן באַדאַרפֿט זיך באַלזאַמירן,
אויף אַ יאָרהונדערט זיך פֿאַרפֿרירן.

ביז פֿונעם אַש פֿון די ביכער־שײַטערס
וועט אַרויס אַ וואָרט אַ געלײַטערטס
און צום דאָזיקן וואָרט דעם הייסן
שטייען מיר אויף תּחית המתים.

ירושלים, 8טער יולי, 1991

מיר, די פֿאַרגווייִשטע ייִדן

מיר, די פֿאַרגוויישטע ייִדן, ייִדן ווי גויִים גלײַך,
ניט קיין פֿישקע דער קרומער און ניט ווי ראָטשילד רײַך,
ניט קיין פֿרומע כניאָקעס און ניט קיין גזלנים פֿון וועג,
מיר, די ייִדן פֿון פּראָסטע וואָכעדיקע טעג,
בעטן אײַך, די יחסנים און הויכגעשטעלטע לײַט,
ווייניקער צו דרשענען און שאַנעווען אונדזער צײַט.

מיר האָבן באַקענט זיך

מיר האָבן באַקענט זיך צו ערדן,
וואָס בײַטן די שנייען אויף זאַנגען,
מיר האָבן געפּאָכט מיט די שווערדן
און זענען אין שלאַכטן געגאַנגען.

דער שׂונא באַוואָפֿנט האָט מערדערס
מיט רויבמעסערס שאַרפֿע צו קוילען,
מיר האָבן דאָך יעדער אַ שוועסטער,
אַ ברודער אין רוסלאַנד, אין פּוילן.

מיר זענען געגאַן אויפֿן שׂונא,
מיר האָבן דעם שׂונא צעבראָכן
און האָבן באַפֿרײַט פֿון די ברוינע
דעם ברודער, די שוועסטער, דעם שכן.

איצט ווילן מיר בויען דאָס לעבן,
מיר האָבן פֿאַרדינט זיך דעם פֿרידן,
מיר שטייען דאָ איינער קעגן
דעם צווייטן — פֿאַרמאַטערטע ייִדן.

איצט ווילן מיר בויען די וואָכן
אין אַלטן אייגענעם האַפֿן
און איז אונדזער שטייגער צעבראָכן,
מיר וועלן אַ נײַעם באַשאַפֿן.

איצט ווילן מיר פּראַווען שבתים,
איר קענט אונדזער שבת־ליד הערן,
איז ווער קאָן אונדז זינגען ניט לאָזן?
איז ווער וויל דעם פֿרידן אונדז שטערן?

מיר האָבן געאַקערט

מיר האָבן געאַקערט
און האָבן געזייט
און האָבן געשניטן
מיט פֿרייד.

מיר האָבן די סערפּן
געשאַרפֿט און געשמידט
און האָבן געזונגען
בײַם שניט.

מיר האָבן געשפּונען
און האָבן געוועבט
און האָבן בײַם וועבשטול
געלעבט.

מיר האָבן געסטאָליערט,
געבלעכערט, געבויט
און האָבן געגעסן
ברויט.

מיר האָבן, ווי זאָגט מען,
געקנאַקט מיט דער בײַטש,
אַ פֿינצטערער חלום
אויפֿן דײַטש.

מיר האָבן געבלאָנדזשעט

מיר האָבן געבלאָנדזשעט אין גלות,
פֿאַבלאָנדזשעט צו זיך אַהיים,

מיר האָבן געבראַכט אין די פּאָלעס
צום זאַמד אַ מעסטל מיט ליים.

מיר האָבן געבלאָנדזשעט אין לענדער,
פֿאַרבלאָנדזשעט צו זיך אין לאַנד,
מיר האָבן פֿון פֿרעמדע געווענדער
אַרויסגעצויגן אַ האַנט.

אַ נאַקעטע האַנט אַ בלאָע
מיט בלוט אונטער בלויער הויט,
ציט זיך די האַנט מיט הנאה
צו אַלץ, וואָס איז ליכטיק און רויט.

ציט זיך די האַנט צו די דעכער
און בויט אויף די דעכער אַרויף
שטיינערנע ווענט מיט לעכער.
וואָס קוקן אַוועק צום אין־סוף.

מיר האָבן דערגרייכט

מיר האָבן דערגרייכט די עלטער מיט דיר.
דו זיצסט בײַם פֿענצטער און איך בײַ דער טיר,
בײַ דער אָפֿענער טיר, מיר קוקן אַרויס,
דו זאָגסט, אַז דער זומערטאָג איז גרויס
און איך — אַז דער זומערטאָג איז הייס.
דו זאָגסט, אַז די היץ איז פֿון דער גרייס
פֿונעם זומערטאָג און איך זאָג, אַז ניין.
ווי קומט עס, אַז דו זאָלסט ניט פֿאַרשטיין,
אַז די היץ קומט פּשוט פֿון דער זון! —
און ס'ווערט צווישן אונדז אַ קריג דערפֿון.

מיר האָבן דערגרייכט די עלטער מיט דיר.
דו זיצסט בײַם פֿענצטער און איך בײַ דער טיר,
דו זאָגסט, אַז די קאַרשן זענען זיס
און מ׳פּילט זייער זאַפֿט פֿונעם ערשטן ביס
און איך – אַז פֿון זיי טוט דער בויך מיר וויי;
איז טרינקט מען, זאָגסטו, לינדנטיי.
איך זאָג, אַז די טיי האָט מײַן באָבעס טעם,
צעוויינסטו זיך, ביסט גערעכט מן־הסתּם,
ווײַל דו ביסט אַ באָבע, נאָר וואָס איז די קלאָג?
איך בין דאָך אַ זיידע פֿונעם זעלבן טאָג.

מיר האָבן דערגרייכט די עלטער מיט דיר.
דו זיצסט בײַם פֿענצטער און איך בײַ דער טיר,
ווײַל פֿון דער טיר איז נענטער אַהין...
צעזשומעסטו זיך אַזוי ווי אַ בין
און נעמסט מיטן זשום דעם קאָפּ מיר אַרום
און טענהסט, דו ווילסט ניט הערן דערפֿון,
דו טענהסט און קלאָגסט און שרײַסט געוואַלד!
מיר זענען דאָך גאָר ניט אַזוי אַלט!
און כּדי מיך אַוועקנעמען פֿון דער טיר
איז בעטסטו באַדײַ זיך איבער מיט מיר –
מיר האָבן דערגרייכט די עלטער מיט דיר.

מיר ווייסן ניט פֿאַר וואָס

אין קילן ווינטל ציטערט אויף דאָס גראָז,
די שווערע וואָלקנס הענגען אויף דער נאָז
און ס׳רעגנט ניט, מיר ווייסן ניט פֿאַר וואָס.

מיר וואַרטן לאַנג, דער רעגן טוט אַ גאָס,
ער גיסט שוין דרײַצן שעה, אַזאַ פֿאַרדראָס,
ער הערט ניט אויף, מיר ווייסן ניט פֿאַר וואָס.

מיר קוקן דורכן נאַסן פֿענצטער־גלאָז,
דאָס גלאָז ווערט העל, עס הויבט זיך אויף דאָס גראָז
און ס׳ווערט אונדז גוט, מיר ווייסן ניט פֿאַר וואָס.

מיר זיצן אַ כאַפּע

איך צי אַרויס פֿון זכּרון אַ חלום,
וואָס חלומט ווײַטער און ווײַטער,
מיר זיצן אַ כאַפּטע מלאכים, טײַוואָלים
אַרום אַ ל״ג בעומר־שייטער.

מיר זיצן נאָענט איינער צום צווייטן,
מיר זענען נאָך חדר־קינדער
און יעדער פֿאַרמאָגט אַ חנוכּה־דריידל
און דרייט מיט אים זומער אוןווינטער.

און יעדער מיט פֿולע קעשענעס ניס
צו שפּילן סוכּות און פּסח,
פֿאַרשפּילן, געווינען, קיין חילוק נישט,
אַבי ס׳איז יום־טובֿ און פֿריילעך.

איך צי דעם חלום אַרויס אויף דער שײַן
ווי סטענגעס פֿון מויל אָן אַן ענדע
און וואָס געוועזן איז חלום נאָך הײַנט
וועט מאָרגן זײַן לעגענדע.

״לעצטע נײַעס״, 19.2.1933

מיר זענען אַלע פֿון דער שטוב אַרויס

הערש סעגאַלן

מיר זענען אַלע פֿון דער שטוב אַרויס,
די טיר פֿאַרשלאָסן און אַראָפּ די טרעפּ,
געבליבן איז אין שטוב דאָס מעבל בלויז,
אין קיך געבליבן — בלויז די טעלער, טעפּ.

וואָס טוט אַצינד דאָס מעבל, דאָס געפֿעס,
בשעת זיי בלײַבן דאָרט אָן אונדז אַליין?
ווען ס'וואָלט געקאָנט געשען אַזאַ מין נס,
ניט שטייענדיק איצט דאָרט, כ'זאָל דאָרטן שטיין.

אַן אינו נראה ווערן פֿאַרן בעט,
דער דיל זאָל אויך ניט פֿילן מײַנע טריט,
כ'זאָל הערן, וואָס דער שטול צום טיש רעדט,
דאָס בילד צום שפּיגל, וואָס מיך שפּיגלט ניט.

דער רוים, וואָס אין די לערע טעפּ אין קיך,
דער גלאַנץ אין שטוב פֿון שראַנק און פֿון בופֿעט
ניט פֿילן זאָלן זיי אַצינד אויף זיך
מײַן אויג, וואָס קוקט אויף זיי, מײַן אויג, וואָס זעט.

קאָן זײַן, איך וואָלט זיך דאָרט אַזוינס דערוווּסט,
וואָס וואָלט באַפֿרײַט מיך פֿון דער מאַכט פֿון וואָרט
און אפֿשר וואָלט זיך מער מיר ניט געגלוסט
צוריק צו קומען צו מײַן אייגן אָרט.

מיר זענען אַלע פֿון דער שטוב אַרויס,
די טיר פֿאַרשלאָסן און אַראָפּ די טרעפּ,
געבליבן איז אין שטוב דאָס מעבל בלויז,
אין קיך געבליבן — בלויז די טעלער, טעפּ.

מיר זענען אַ פֿאָלק פֿון גרים

מיר זענען אַ פֿאָלק פֿון גרים
גערודפֿטע פֿון משומדים,
מיר זענען די בעסטע חבֿרים
פֿון די געשלאָגענע צדדים.

מיר זענען אַ פֿאָלק פֿון פֿרעמדע
מיט געלע שטערן־לאַטעס,
מיר ווינען אין פֿרעמדע לענדער
פֿון אונדזערע געוועזענע טאַטעס.

מיר זענען אַ פֿאָלק, וואָס פֿאַרשטייט ניט
צו זײַן אַ ביסעלע מערער,
אַ פֿאָלק, וואָס גייט און דערגייט ניט
ווען ס׳גיין ווערט אַ ביסעלע שווערער.

נאָר דאָס, וואָס מיר זענען פֿאַרבליבן,
באַווײַזט, אַז דער טראָפּן זרע
פֿון יאַנקעוון איז פֿאַרשריבן
אין אונדזערע בלוטן פֿון גרים.

ירושלים, 20סטער יולי, 1988

מיר זענען געגאַנגען צום זונפֿאַרגאַנג

מיר זענען געגאַנגען צום זונפֿאַרגאַנג,
נאָך די שיף,
וואָס האָט געטראָגן אונדזער גאַנג,
אונדזערע טריט,
אונדזער געזאַנג,

אונדזער ליד
וועגן אונדזער צײַט,
איז אַוועק אין אַן אַנדער זײַט,
צו אַן אַנדער ווײַט.

מיר זענען געזעסן

מיר זענען געזעסן בײַ מיר אויפֿן בעט
און איך האָב דיך רעדן געלאָזט
און דו האָסט גערעדט און גערעדט און גערעדט
און ניט ווי אין לידער נאָר פּראָסט.

מיר זענען געזעסן בײַ מיר אויף דער באַנק
און איך האָב דיך הערן געלאָזט
און איך האָב אַרויסגעזאָגט אַ געדאַנק
און ניט ווי אין לידער נאָר פּראָסט.

מיר זענען געזעסן בײַם פֿרעמדן טיש
און ס'האָט אונדז געזונט געקאָסט,
מיר האָבן בײדע געלײיענט און געמישט,
געהיט זיך צו רעדן פּראָסט.

מיר זענען דער דרײַצנטער שבֿט

מיר זענען דער דרײַצנטער שבֿט,
וואָס איז נישט פֿאַרלוירן געגאַנגען,
וואָס איז נישט געגאַנגען לאיבוד
צוזאַמען מיט אַנדערע שבֿטים,
ווען מ'האָט זיי גענומען געפֿאַנגען.

מיר זענען דער שבֿט פֿון דינה,
דער שטאַם פֿון אַ ייִדישער טאָכטער,
מיר זענען לויט אַלע דינים,
מיר זענען לויט דער הלכה
די סאַמע כּשרסטע ייִדן.

מיר ווייסן, אַז ייִדן מיינט — קינדער
פֿון שבֿט יהודה — יהודים.
דער טײַטש פֿונעם וואָרט איז אַצינדער
אַריבער אויף אַלע שבֿטים,
וואָס זענען פֿאַרבליבן מיט יהודהן.

און אויך אויפֿן שבֿט דינה
איז ער, דער טײַטש, אַריבער,
כאָטש ס׳וואַגן נאָך נישט קיין שטימען
זיך מודה צו זײַן בציבור
און איך בין דער ערשטער גיבור.

ווײַל דינה — די איינציקע שוועסטער
פֿון אירע צוועלעף ברידער —
איז איצטער דער שבֿט דער גרעסטער,
איז לאָמיר עס זאָגן בפֿרהסיא
און לאָמיר איר זינגען לידער.

ירושלים, 6טער יוני, 1989

מיר זענען פֿאַרמישפּט

מיר זענען פֿאַרמישפּט אויף אייביקן טויט
און האָבן איין בקשה. איינע, איינע נאָר,
מע זאָל די שטראָף אויף אונדזער נפֿש, אונדזער הויט
אונדז אָפּלייגן אויף הונדערט צוואַנציק יאָר.

און כאָטש מיר ווייסן סײַ ווי, אַז די צײַט
פֿון יעדער ווײַט דערנענטערט זיך צו אונדזער טיר
און גייט פֿאַרבײַ און נעמט אונדז און פֿאַרבײַט
מיט אַנדערע פֿאַרמשפּטע ווי מיר.

איז נאָך די צײַט, די סאַמע בעסטע וואַנט,
אַ בלויע וואַנט, אַ בלויער האָריזאָנט,
וואָס לאָזט זיך נישט דערגרייכן מיט דער האַנט,
אַפֿילו, ווען דער סוף איז נאָענט־נאָנט.

״ייִדישע צײַטונג״, פֿרײַטיק, 16טער אויגוסט 1991, תּל־אָבֿיבֿ

מיר זעען ניט דעם ווינט

מיר זעען ניט דעם ווינט, וואָס בלאָזט
און ניט די זאַכן בײַ דער נאָז,
מיר גראָבן זיך אין טיפֿע צײַטן.
ס׳איז יעדער אויג אַ פֿילאָזאָף,
וואָס וויל דערגרונטעווען דעם סוף
פֿון אַלע ווײַטסטע ווײַטן.

מיר טאַפּן אָן

מיר טאַפּן אָן די ווערטער בלינדערהייט
פֿאַרגלײַכן זיי מיט די געהערטע רייד,
וואָס מיר באַהאַלטן טיף אינעם געהער
און זייער קלאַנג ווערט מיט די יאָרן שווער.

מיר טאַפּן אָן די ווערטער מיט די הענט,
פֿאַרגלײַכן זיי מיט בלינד־געטאַפּטע ווענט,

וואָס מיר אין משך פֿונעם לעבנסגאַנג
געטראָפֿן און געשטאַנען בײַ זיי לאַנג.

מיר רירן אָן די ווערטער מיט אַ קוש,
מיר כאַפּן אויף די ווערטער מיטן חוש,
וואָס אים אַליין איז ניט צו כאַפּן גרינג,
אַפֿילו ווען מע רעדט ניט, נאָר מע זינגט.

מיר נעמען אַרום

מיר נעמען אַרום דעם ים מיט אַ בויגן,
דער אין־סוף דערנענטערט דעם ים צו די אויגן
און אונדזערע אומרוען ווערן אַנטשלאָפֿן
אויף כוואַליעס, וואָס וויגן אַהער זיך פֿון צפֿון.

די כוואַליעס שווימען ווי שיפֿלעך און שיפֿן
און שלעפּן מיט זיך פֿון דער ווײַטן די טיפֿן,
די משׂא איז אונטן און אויבן — דאָס רוישן,
ס'איז אויבן דער שוים און אונטן — די קוישן.

מיט פֿיש און מיט שליים און בלאָטעס מיט רויגן,
די ווינטן ברענגען דאָס גוטס צו די אויגן
און פֿירן אַוועק עס פֿון דאַנען אַלץ ווײַטער —
עס האָט זיך דער הימל אין ים אויסגעלײַטערט.

די זון אין דער ווײַט האָט זיך אָנגעהויבן זעצן,
מיר נעמען צונויף דעם בויגן ווי נעצן,
מיר טרייסלען אַרויס פֿון די נעצן די טראָפּנס
און טרעפֿן אין דר'היים — אַ חלום צוקאָפּנס.

ירושלים, אַפּריל 1979

מיר פֿאָרן

מיר פֿאָרן אַרום אין דער וועלט אויף גאַסטראָלן,
ביַי טאָג און ביַי נאַכט מיר שפּילן,
דאָס לעבן פֿאַרטיילט צווישן אונדז די ראָלן,
מיר טוען נישט, וואָס מיר ווילן.

מיר פֿאָרן אַרום אין דער וועלט מיט באַזוכן,
מיר עסן ביַי ריַיכע טישן
די פֿליַישן, די פֿיש, קאָמפּאָטן און קוכן
מיט וויַין און ליקערן מיר מישן.

מאַרשירן פֿאַרפּוצטע אויף פּלעצער מיט פֿאָנען
פֿאַר הערשער, קייסאָרים, פֿאַר פּרינצן, פּרינצעסינס,
וואָס קוקן אַראָפּ פֿון הויכע באַלקאָנען
און מיר ווער זע'מיר, מיר האָבן פֿאַרגעסן.

מאַטראָסן צי ריַיטער צי פּראָסטע פּעבאָטע?
מיר מישן זיך אויס און פֿאַרביַיטן די מאַסקעס,
מיר האָבן נישט ווען צו כאַפּן דעם אָטעם
אין גרויסן געמיט פֿון קאַשקעטן און קאַסקעס.

מיר פֿאָרן אַרום אין דער וועלט אויף גאַסטראָלן,
ביַי טאָג און ביַי נאַכט מיר שפּילן,
דאָס לעבן פֿאַרטיילט צווישן אונדז די ראָלן,
מיר טוען נישט, וואָס מיר ווילן.

ירושלים, 27סטער יאַנואַר 1993

מיר קומען צו זעכציק

בעלאָטשקען צו איר דרײַצנטער יאָרצײַט

מיר קומען צו זעכציק, מיר קומען צו אַכציק יאָר
און ווײַל איז צו דעם, וואָס קומט אין דער פּאָר
מיט בעלאַן מיט זײַנער אויף די עלטערע טעג,
נאָר דו האָסט געאײַלט זיך, ביסט פֿריִער אַוועק.

און איך בין געבליבן צו זעכציק אַליין,
בײַ זעכציק אַליין איז שווערער צו גיין,
אַרויפֿגיין, אַראָפּגיין סײַ לינקס און סײַ רעכטס
מע גייט אין דער פּאָר מיטן אייגענעם קרעכץ.

מײַן קרעכץ און מײַן זיפֿץ, וואָס דו הערסט זיי, מיר דאַכט,
מײַן קרעכץ און מײַן זיפֿץ, וואָס געדענקסט זיי, מיר דאַכט,
איך זע דאָך דײַן שמייכל, ווי נאָר איך דערמאָן
מײַן קרעכץ און מײַן זיפֿץ אויף מײַן יעדן שפּאַן.

איך זע דײַן שמייכל און זע דײַן בליק,
איך זע דײַן גיין ווי מיט יאָרן צוריק,
דו גייסט און אָט איז אַ טאָל אָן אַ דנאָ,
איך זע דײַן גיין, נאָר דו ביסט נישטאָ.

ירושלים, 1985

מיר קענען שוין אונטערשיידן

מיר שלאָגן זיך מער נישט פֿאַר יענעם,
ווי ביז אַהער זיך געשלאָגן,
מיר האָבן אַן אייגענעם גיהנום
מיט אייגענע צרות און פּלאָגן,
מיר האָבן פֿאַר וואָס זיך צו שלאָגן.

מיר האָבן אַן אייגענעם גיהנום,
מיר קענען שוין אונטערשיידן,
אין אייגענעם גיהנום צו ברענען
איז גאָרנישט אַזאַ גן־עדן,
דאָך קענען מיר אונטערשיידן.

מיר קענען שוין אונטערשיידן
און נישט נאָר גיהנום פֿון גיהנום,
און נישט נאָר ליידן פֿון ליידן,
נאָר אויך די פֿריידן פֿון פֿריידן
זיי אונטערשיידן מיר קענען.

מיר קענען שוין אונטערשיידן.

ירושלים, 23סטער פֿעברואַר 1990

מיר שטאַרבן נישט

מיר שטאַרבן נישט, מיר הערן פּשוט אויף צו זײַן
און אויב סע שאָקלט זיך אַ ביימל נאָך פֿון אונדזערס אַ באַריר,
איז גלײַך סע וואָלט אַ ווינטל אין אַ וואַלד אַרײַן
און קען נישט אויף אַרויס געפֿינען מער די טיר.

און אויב סע האָט דײַן פֿינגער זיך אויף עפּעס אָפּגעדרוקט,
אַ מיידלס שמאָלע אַקסל, די טאַליע אַ פֿרויס
און דו בײַ איר געבליבן ביסט, געוואָרן איר בן־זוג
און ס'איז פֿון איר דײַן טאָכטער און דײַן זון אַרויס,

איז ווייס, סע איז דאָס ווינטל, וואָס איז אין וואַלד אַרײַן
און שאָקלט מיט אַ ביימל און הוידעט מיט אַ צווײַג.
מיר שטאַרבן נישט, מיר הערן פּשוט אויף צו זײַן,
איך האָב אין דעם בײַ מײַן פֿאַרגיין זיך איבערצײַגט.

ירושלים, 8טער סעפּטעמבער 1990

נײַע לידער

א. נאָך מײַן ערשטן טראָט

מײַנע צוואַנציק יאָר אין לאַנד

מײַנע צוואַנציק יאָר אין לאַנד
איז דער אָוונט פֿון מײַן לעבן
נאָך אַ שווערן אַרבעטסטאָג.
ס'איז אַ זונפֿאַרגאַנג
אין פֿאַרבן,
ווען סע גלוסט זיך נישט צו שטאַרבן
און ס'וויל זיך לעבן לאַנג.
ס'איז די צײַט פֿון מײַנע זאָרגן
אויפֿן מאָרגן, איבערמאָרגן —
וואָס וועט זײַן מיט מײַנע קינדער
און מיט זייערע קינדס קינדער,
וואָס וועט זײַן מיט זיי אַצונדער
און איבער אַ יאָרהונדערט,
איבער צוויי,
וואָס וועט זײַן מיט זיי?

ירושלים, ווטער דעצעמבער, 1992

ס'ווערט שווערער און שווערער

ס'ווערט שווערער אַלץ שווערער און שווערער
דעם נײַעם טאָג אָנצוהייבן,
ס'ווערט שווערער אַלץ מערער און שווערער
ס'גערעטעניש אויפֿצוקלײַבן
אַזוי, אַז עפּעס זאָל בלײַבן.

ס׳ווערט ענגער און ענגער און ענגער
אין הויז, אין הויף, אויף די גאַסן,
ס׳ווערט לענגער און לענגער און לענגער
די סטעזשקע די קורצע בשעתן
אַריבערגיין שטיל און געלאַסן.

ס׳ווערט העכער אַלץ העכער און העכער
די איינציקע טרעפּ בײַ די שוועלן,
פֿון קעשענעס פֿולע מיט לעכער
די שליסל און שליסעלעך פֿעלן
און כ׳בלאָנדזשע ווי אין טונעלן
און כ׳ווייס נישט ווו אָפּ זיך צו שטעלן.

ירושלים, 14טער פֿעברואַר, 1993

נאָך מײַן ערשטן טראָט

נאָך מײַן ערשטן טראָט אויפֿן הימל
האָב איך דעם צווייטן טראָט געשטעלט,
איז מיר געקומען אויפֿן זינען,
אַז איך שפּאַציר אַרום אין אַ פֿעלד.

און סע בלאָזט מיר אַקעגן אַ ווינטל,
וואָס סע גלעט מיר דעם שטערן, די האָר.
ווינטלעך אַזוינע טרעפֿט מען אין הימל
נאָר און נאָר, ווען דער הימל איז קלאָר.

כ׳האָב דאָרט קיין וואָלקנדלעך נישט געטראָפֿן,
ז׳האָבן זיך ערגעץ באַהאַלטן פֿאַר מיר,
האָבן געמיינט, אַז איך קום זיי שטראָפֿן
פֿאַר אַן אַלטן פֿאַרשטערטן שפּאַציר.

בין אַ מאָל אַרויס אין אַ ווײַטן
וועג. ס'איז געווען אַ לויטערער טאָג,
ערגעץ הויך אין די קאַרפּאַטן
האָבן מיך וואָלקנס אָנגעיאָגט.

נאָר איך וויל זיך איצט נישט דערמאָנען,
וואָס איז דעמלט געווען, געשען,
כ'וויל געניסן די לופֿט פֿון דאַנען
הײַנט און נישט פֿאַרגעסן שפּעטער אין דעם.

ירושלים, 28סטער יולי, 1992

איך האָב הײַנט

איך האָב הײַנט אַ ליד — אַ שיינקייט — אָנגעשריבן,
איז די שיינקייט אינעם ליד געבליבן,
נישט געהאָלפֿן מיר דעם אומעט צו פֿאַריאָגן
און אַ פּאָרל וואַסער היימצוטראָגן.

איך האָב הײַנט אַ ליד אַ פּרעכטיקס אָנגעשריבן,
איז די גאַנצע פּראַכט אין ליד פֿאַרבליבן,
נישט געהאָלפֿן מיר די העמדער אויפֿצוהענגען
און אַ ברויט אין קיישל היימצוברענגען

איך האָב הײַנט אַ ליד געשריבן און צעריסן
און געלאָזט עס מיט אַ ווינטל פֿליִען,
האָט עס זיך פֿון ווינטל אויסגעריסן
און צוריק געקומען אויף די קניִען.

האָב איך עס אַרײַנגעלייגט אין וויגל
און אַרויסגעטריבן פֿון דער שטוב די פֿליגן

און האָב צוגעטראַכט צום ליד אַ ניגון
כּדי דאָס ליד דאָס שיינע צו פֿאַרוויגן.

ירושלים, 18טער יוני, 1992

כ'האָב מײַן לעבן דורכגעשמוגלט

כ'האָב מײַן לעבן דורכגעשמוגלט דורך אויפֿרײַס־מינעס,
דורך הייסע גרענעצן צווישן פֿײַנטלעכע מדינות
און דורך אָנגעצילטע פֿײַלן גלײַך אין מיר, אַקעגן
כ'האָב זיך דורכגעשלענגלט איבער אויסגעקרומטע וועגן.

עס איז שווער אין וועג צו לאָזן גאַנץ די שפּינגעוועבן
און פֿון מערדער אַ געזוכטער איז אַ קונץ צו בלײַבן לעבן,
כ'האָב נישט איין מאָל שוין מײַן הויכן קאָפּ אַראָפּגעבויגן,
אַז מע זאָל מיר נישט דערקענען די קעסאָקע אויגן.

אַז מע זאָל מיך נישט דערקענען לויטן מינדסטן צייכן,
מוז איך אויך דעם נאַר דעם גרויסן שפּילן מיט אַ ביסל שׂכל,
נישט פֿאַרשלאָפֿן קיין סכּנה, וואָס זי לויערט און זי לויערט
און וועט שטענדיק לויערן כּל־זמן מײַן לעבן דויערט.

ירושלים, 12טער נאָוועמבער, 1992

כ'האָב אָנגעשריבן הײַנט

כ'האָב אָנגעשריבן הײַנט אַ ליד און האָב פֿאַרמעקט עס,
האָב אָנגעטאָן אַ העמד אַ ווײַס און כ'האָב פֿאַרפֿלעקט עס,
געלאָזט אין וועג זיך מיט אַ בײַטעלע און עס פֿאַרלוירן,
זיך צוגעזעצט און כ'האָב באַקענט זיך מיט מײַן גורל —

באַדויער קיין מאָל נישט, וואָס ס'איז שוין פֿאַרפֿאַלן.
האָט ער געזאָגט, סע גייט נישט, ווי דו ווייסט שוין, אָן אַ מאָל צו פֿאַלן
און דאָס פֿאַרמעקטע ליד פֿאַרבײַט עס אויף אָן אַנדערס,
אַ ליד אַ פֿול־לבֿנהדיקס און אַ ראָמאַנטישס.

איך קען אײַך, זאָגט דער גורל, אַלע אײַך פּאָעטן,
איך קען אײַך גוט, קום זיץ און לאָמיר איצט זיך איבערבעטן.

ירושלים, 5טער דעצעמבער, 1992

זכרונות

סע מישן צונויף זיך זכרונות
פֿון נעכטן און פֿון פֿאַר אַ יאָרן,
סע הערן זיך קולות, לשונות
אין רוישיקן מאַרק פֿון זכּרון.

און זוכסט אַן אָרט זיך צו זעצן
צו זען און צו הערן די וווּנדער,
מעג זײַן אויף אַ בענקל, אַ קלעצל,
אַבי אין דער שטילקייט באַזונדער,

געפֿינסט נישט אין שטאָט אַזאַ גאָרטן
אָן רויש פֿון אַרום פֿון די וועגן,
ווײַל נײַע זכרונות אויך דאָרטן
פֿאַר איבערמאָרגן זיך וועבן.

כ'דערמאָן זיך אין מײַנער אַ ליבע
מיט איינער, אַ שיינער, אַ טײַערע,
וואַקסט אויס פֿאַר די אויגן די סיבה
פֿון אָט דער דערמאָנונג — פֿײַער.

אַ פֿײַער אין ד׳אויגן פֿון פּאָרל,
וואָס איך האָב אין גאָרטן באַגעגנט
פֿאַרקריצט זיך אין זייער זכּרון
בײַ זיי פֿון זייערט וועגן.

ירושלים, 5טער יאַנואַר, 1993

ווען איך לייג זיך

ווען איך לייג זיך חלומען,
שטרײַקן די חלומות
אָן פֿון פֿריִער מיך וואָרענען,
אָן דעם מינדסטן רמז.

מוז איך זיך באַנוגענען
מיטן בלויזן שלאָפֿן
אָן די אָפֿט משוגענע
חלומות כאָטש אַ טראָפּן.

אָן דעם מינדסטן טראָפּנדל
פֿון די משוגעתן,
וואָס זיי ליגן אָפֿענע,
מאַכנדיק גרימאַסן,

וואָס זיי שרעקן אַלעמען
ווען זיי באַזוכן,
ס׳העלפֿט נישט קיין געוואַלדעווען
קיין געוויין־אויסברוכן,

כאָטש דעם אמת זאָגנדיק,
לאָמיר זיך נישט נאַרן,

לויפֿט דען װער זיך יאָגנדיק
נאָך די גרויל־קאָשמאַרן.

ס'איז אַ װעלט מיט ליאַפּסוסן,
די חלומות פּלאַצן,
בײַסן אָפּ די מינוסן
קירצער די מאַטראַצן.

ירושלים, 27סטער מערץ, 1992

דער גאָט, װאָס באַשאַפֿן

דער גאָט, װאָס באַשאַפֿן די קעץ און די מײַז,
דער גאָט, װאָס באַשאַפֿן די קרעץ און די לײַז,
דער גאָט האָט באַשאַפֿן דעם געץ און דעם גײַסט,
אין זעלבן טאָג אויך דעם לץ און דעם װיץ,
אין זעלבן זומער, דעם דונער און בליץ,
אין זעלביקן יאָר, די קעלט און די היץ,
די קעלט און די היץ, די היץ און די קעלט
באַשאַפֿן שוין נאָכן באַשאַפֿן די װעלט
און ס'האָט דער באַשאַף זיך נישט אָפּגעשטעלט.

און גאָט האָט געזאָרגט, אַז איעדע פּאָר,
איעדע פּאָר פֿונעם זעלבן דור
בײַ נֹחַן אין תּיבֿה זאָל װערן געפּאָרט,
אַז נאָכן מבול זאָל איעדע זי
אַרויס מיט אַ בויך — די שקאַפּעס, די קי,
די ציג זאָל געבוירן אַ ציגעלע־גדי,
די לײבעכע — אַ לײבעלע שײן
די װעלפֿיכע — אַ װעלפֿעלע קלײן,
די פֿוקסעכע אויך — אַ פֿיקסעלע מלא־חן.

און ס׳האָט נאָכן מבול די גאַנצע ערד
זיך אויסגעטרוקנט און איבערגעקערט
אַראָפּ צו די טאָלן, אַרויף צו די בערג
און אין די טאָלן האָט ווייץ זיך צעבליט,
און אויף די בערג האָט אַ שניי געשיט
און צווישן די טאָלן און בערג אין דער מיט
געבוירן בין איך אין איינער אַ נאַכט,
געבוירן אונטער אַ שטרויענעם דאַך
און גלײַך זיך צעווײנט געשמאַק און צעלאַכט.

ירושלים, 3טער מאַי, 1992

דער סוד

איך האָב מיר אײַנגעראַמט אַ סוד,
זיך צוגעזאָגט צו האַלטן סוד,
און קיינעם נישט מגלה זײַן
נישט אין כּעלעם און נישט אין בראָד.
אויך דער, וואָס ער קוקט מיר אין קאָפּ אַרײַן,
זאָל גאָרנישט לייענען, גאָרנישט זען,
נישט אויף פּאַפּיר, נישט פֿון קיין פּען,
נישט פֿון קיין פּען און נישט אויף פּאַפּיר.
דער קאָפּ איז אין גאַנצן ווי באַנדאַזשירט.
מע הערט נישט אַרויס דעם מינדסטן פּיפּס,
סע ליגט דער סוד ווי אַ פֿוס אין גיפּס,
סע ליגט אויפֿן סוד אַ שווערער שטיין
אַן אויסגעהאַקטער פֿון מײַן געביין.

איך האָב דעם סוד שוין פֿאַרגעסן אַליין.

ירושלים, 21סטער יאַנואַר, 1993

מיר האָבן געחלומט זיך

מיר האָבן געחלומט זיך פֿרעמדע זכרונות,
געחלומט צום דריטן מאָל,
נאָר איך געדענק נישט פֿון די חלומות
דאָס ערשטע און צווייטע מאָל.

כ׳געדענק נישט, וואָס איך וואָלט דאַרפֿן געדענקען,
אין חלום, וואָס כ׳האָב געזען און געהערט,
איך ווער געצויגן פֿון עמעצנס בענקען
צון ערגעץ אַן אַנדער ערד.

איך ווער געשלעפּט פֿון עפּעס אַ שטערן
מיט עפּעס אַ כּוח אַ מין,
סע העלפֿט נישט קיין ווידערשטאַנד, קיין שום זיך ווערן,
בשעת סע ציט מיך אַהין.

פֿאַרמאַך איך די אויגן און לאָז מיך טראָגן
פֿון עפּעס אַ נאָענטן־ווײַטן אין־סוף
אַזוי ווי אַ פֿערד וואָלט געשלעפּט אַ וואָגן
און איך אינעם וואָגן שלאָף.

און ווידער חלום איך יענע זכרונות,
וואָס איך געדענק זיי נישט,
מיר חלומט זיך נעכטיקע חלומות
מיט הײַנטיקע אויסגעמישט.

ירושלים, 1.2.1993

נישט

נישט קיין נאַסע בײַטש
אויפֿן נאַקעטן לײַב פֿון דיכטער
נישט קיין פּירוש, קיין שום טײַטש,
נישט דאָס ליכט פֿון טויזנטער ליכטער
האָבן דעם דיכטער פֿאַרשטעלט די שײַן
און פֿאַרבלענדט די אויגן,
אַז אַ דיבוק אין זיי איז אַרײַן,
סטענגעס פֿון מויל געצויגן.

נישט קיין נאַקעטער מאַן
פֿאַרן גירוש גן־עדן,
נישט קיין חוה, קיין שלאַנג
האָבן געבראַכט אים די פֿריידן
טועם צו זײַן פֿון פֿאַרבאָט
פֿונעם עפּל דעם זיסן
און קומען דערנאָך פֿאַר גאָט
מיט אַ פֿאַרפֿלעקט געוויסן.

נישט קיין אויסגעטועגע פֿרוי,
ערשט אַ מינוט, זי איז נאַקעט
און זי טאַנצט אַזוי
ווי אַ נאַקעטער וואָלף וואָלט געפֿלאַקערט,
שווימט אַרויף פֿונעם פֿלאַם
ווערנדיק אין גאַנצן צעגאַנגען
און — נישטאָ קיין בשׂר־ודם,
ס׳איז אַ געזאַנג פֿון אַלע געזאַנגען.

ירושלים, 29סטער סעפּטעמבער, 1992

מיר האָט זיך געחלומט

מיר האָט זיך געחלומט דיווירקלעכקייט
אַ נאַקעטע ווי זי שטייט און גייט
און אַז איך האָב זיך אויפֿגעכאַפּט
און זיך מיטביידע הענט באַטאַפּט
דעם פּליך, די נאָז, דאָס גאַנצע געזיכט
האָב איך דערפֿילט, אַז דאָס בין איך
און אַז באַטאַפּט האָב איך טאַקע זיך
און אָן די זאָקן, אָן די שיך,
אַ באָרוועסער אין הוילן העמד.
און אַז דער חלום איז מיר נישט פֿרעמד.
די ווירקלעכקייט, וואָס איך האָב זי
דאָ אָקערשט געחלומט מיט נאַקעטע קני
איז נישט קיין אַנדערע ווי זי איז,
די ברייט, די לענג פֿון קאָפּ ביז די פֿיס
און אַז געקומען איז זי צו מיר,
כּדי איך זאָל נישט פֿאַרגעסן אין איר
און נישט קיין גליקן, קיין גילדערנע בערג
און נישט קיין זײַדנס פֿון ווײַטע מערק
זי ברענגט מיר צו טראָגן, נאָר זיך אַליין
אַזוי ווי איך קען פֿון איר שטיין און גיין,
די ווירקלעכקייט אין אַ בייזער שײַן,
וואָס וויל אויך אין חלום מיר אַנדערש נישט זײַן.

ירושלים, 20סטער יאַנואַר, 1993

שטייט די נשמה קעגן שפּיגל

שטייט די נשמה קעגן שפּיגל,
קוקט און קוקט און זעט זיך נישט,
גלײַך געוועז וואָלט זי אַ ליגן
אויסגעטראַכט אומזיסט־אומנישט.

אויב זי איז אַן אויסגעטראַכטע
די נשמה, ווער זשע קוקט?
דאָס אַ זאַך שוין אַן אַבסטראַקטע
און געענדיקט און גענוג.

וואָס געענדיקט? ווער געענדיקט?
די נשמה וויל זיך זען
אין די ראַמען אין די ענגע
פֿונעם שפּיגל אָט אָ דעם.

די נשמה איז אַ רואה
ואינו נראה נישט פֿאַר זיך.
אויב סע שפּיגלען זיך די פּרויען
מיט די היט און ביז די שיך,

מעג זי דאָך עס טאָן אַוודאי
און זיך זען ווי זעט זי אויס.
די נשמה, זי איז גראַדע
גרייט אויף יעדן אָרט זיך שטעלן
און אַליין זיך צו געפֿעלן
ווי זי איז, סײַ קליין, סײַ גרויס.

ירושלים, 4טער אַפּריל, 1992

קעסאָקע אויגן

דורכזיכטיקע בילדער זיך לייגן
איינס אויף דאָס אַנדערע קוים,
איידעלע פֿאַרבן זיך נייגן
איינס פֿאַרן צווייטן געצוימט.

דורכזיכטיקע בילדער זיך מישן
צונויף און צעשטערן זיך נישט,
לאָזן זיך נישט אָפּווישן
פֿונעם געדיכטן געמיש.

דורכן בילד פֿונעם טײַכל
זעט מען די גראָזן פֿון פֿעלד,
דורכן וועג דעם גלײַכן —
קרומע בערג צעשטעלט.

פֿאַרבן פֿון רעגנבויגן
האַלטן זיך בײַ די הענט,
אין די קעסאָקע אויגן
פֿולע מיט טעמפּעראַמענט.

ירושלים, 31סטער יולי, 1992

צווישן פֿעסלעך מיט געזשײַערטס

צווישן פֿעסלעך מיט געזשײַערטס
איך באַהאַלט מײַן האָב־און־גוטס,
אין אַ סייף פֿון שטאָל און אײַזן
אָן אַ וואַך און אָן אַ שוץ.

אין אַ קעלער אין אַ טיפֿן
ווער וועט קריכן זוכן סתּם,
ווי מע זוכט אַ מאָל די שיפֿן
לאַנג־דערטרונקענע אין ים.

ס'איז מיר עפּעס נישט געפֿעלן,
עפּעס זעט מיר אויס צו שטיל,

נישט געוווינט ס'זאָל מיר נישט פֿעלן,
סע זאָל זײַן אַזוי ווי כ'וויל.

נידער איך אַראָפּ אין קעלער,
אַ לאַמטערן אין דער האַנט,
פֿונעם זויערקרויט אין טעלער
שײַנט אַקעגן אַ בריליאַנט.

נישט גערירט דער סייף, פֿאַרשלאָסן,
שליס איך אויף אים אויפֿן אָרט,
איז דאָרט אַלץ, ווי כ'האָב געלאָזן,
אַלע אוצרות ליגן דאָרט.

אויפֿן טעלער דאָס בריליאַנטל
זעט מיר אויס אַ נאָכגעמאַכטס,
גלײַך סע וואָלט געווען אַ מאַנגל
אין בריליאַנטן אויפֿן מאַרק.

איבער מערק און אויף יאַרידן
פֿאָר איך אום און טרעף אַ ים
פערל, שמוק און אויף אַ פֿידל
שפילט אַ בעטלער צו דעם גראַם,

צו די לידער פֿון פֿאַרקויפֿערס,
וואָס פֿאָרקויפֿן מעש פֿאַר גאָלד,
ווער אין מאַרק ס'איז נישט קיין טויבער
ווערט דער קונה און דער יאָלד.

קער איך זיך צוריק צום קעלער,
שטייט דער סייף זיך אויפֿן פלאַץ,
איבער אים איז אָן איין פֿעלער
אָנגעשריבן מאיר חרץ.

ירושלים, 20סטער פֿעברואַר, 1993

עמעץ

מאַגדען

עמעץ קלאַפּט אין דער טיר,
די טיר איז נישט פֿאַרשלאָסן,
עמעץ עפֿנט די טיר
און בלײַבט אין דרויסן,
מײַן ווײַבל קוקט מיר אין פּאַפּיר
און פֿרעגט מיך: וואָס ביסטו אויסן?

— וואָס ביסטו אויסן מיט דעם,
וואָס דו האָסט דאָ אָנגעשריבן,
גלײַך דו וואָלסט געוועזן
דער, וואָס איז געבליבן
שטיין בײַ דער טיר, אויף דער שוועל,
איז ווער זשע האָט עס געשריבן?

— איך זיץ בײַ מײַן טיש און איך שרײַב
און איך ווייס נישט, וואָס איך בין אויסן,
איך זיץ בײַם שרײַבטיש און בלײַב
אַלץ בײַ דער שוועל אין דרויסן
אַלץ בײַ דער שוועל, מײַן ווײַב,
אין די הענט אַ בינטל רויזן,
צי ווייסטו נישט, וואָס איך בין אויסן?

ירושלים, 13טער יוני, 1992

סע פֿעלט מיר

סע פֿעלט מיר צום לײַכטער אַ פֿלעמל,
סע פֿעלט מיר אַ בילדל צום רעמל,
סע פֿעלט מיר צום הענגער אַ רעקל,
סע פֿעלט מיר אַ פּלייצע צום פּעקל.

אַז איך זאָל קענען עס טראָגן,
אַז איך זאָל קענען זיך זאָגן,
אַז איך האָב עס אָן אַ וואָגן
געבראַכט פֿון מײַן וואַנדער און וואָגל.

אַז איך זאָל זיך זעצן און רוען,
נישט דאַרפֿן מער פֿרעגן: וווּהין
מײַן וועג איז ווײַטער צו שפּאַנען,
מײַן וועג גייט ווײַטער פֿון דאַנען?

סע פֿעלט מיר אַ זויל צון אַ שטיוול,
סע פֿעלט מיר אַ מאַרקע צום בריוול
די לידער מײַנע צו שיקן
אין דרוק און דעם לייענער דערקוויקן.

איז שיק איך זיי אָן אַ מאַרקע
די לידער מײַנע די שטאַרקע,
זיי רײַסן אויף די קאָנווערטן
און פֿליִען אַרויס אויף קאָנצערטן,

ווו ס'וואַרט זיי אַן עולם צו הערן
בײַם שײַן פֿון קאָלירטע לאַמטערנס,
בײַם רויש פֿון אַפּלאָדיסמענטן
און שטאַרקע בלאָז־אינסטרומענטן.

וואָס וועקן מיך אויף פֿונעם שלאָפֿן.
וואָס נאָך איז אין חלום פֿאַרלאָפֿן?
וואָס איינעם ליגט אַלץ אין זינען.
וואָס נאָך קאָן אַ מענטש זיך פֿאַרגינען?
און ס'פֿעלט מיר צום לײַכטער אַ פֿלעמל,
און ס'פֿעלט מיר אַ בילדל צום רעמל.

ירושלים, 10טער מאַי, 1992

איך בין דײַן מזלדיקער שטערן

איך בין דײַן מזלדיקער שטערן, בין דײַן גליק,
וואָס האָט אַראָפּגעלויכטן אויף דײַן וויג.

באַלייט דיך און באַשיצט זינט דײַנע ערשטע טריט,
מיט שטערנשײַן באַשיט דעם בויגן מיט דײַן ליד.

און צוגעלייגט אַ פּלייצע צו דײַן פֿור,
פֿון דײַנע רעדער אָפּגעווישט מײַן שפּור.

אַרויפֿגעשטעלט זיי אויף די שינעס פֿון דער באַן
און אָנגעדרייט דעם זייגער אויף דײַן האַנט

און אָנגעשטעלט די שעה צו דער מינוט,
אַז אויפֿשטיין זאָלסטו פֿון געלעגער אויסגערוט,

וואָס איך האָב אַזוי ווייך דיר אויסגעבעט,
וואָס איך האָב אַזוי ווײַס דיר אויסגעגלעט.

געשטעלט זיך ווי אַ שומר בײַ דײַן טיר,
אַרײַנגעכאַפּט די פֿײַלן קעגן דיר.

און איידער נאָך ביסט אויסגעוואַקסן, זעסטו נישט, פֿאַרקוקסט
די אַקסל, וועלכע האַלטן אויס דײַן שוימענדיקן וווקס,

וואָס פֿאַלט צוריק בײַם ערשטן מינדסטן ריר,
בײַם לאָזן לענגער שטיין אַ קופּל ביר.

איך בין דײַן מזלדיקער שטערן, בין דײַן פֿרײַנד,
וואָס עפֿנט דיר די אויגן און וואָס שײַנט

אַראָפּ אויף אַלע טרעפּ ביז צום ערשטן ליד,
צו וועלכן מע קערט זיך אום בײַם קומען פֿון יאַריד.

ווי ער שרײַבט אין זײַנע לידער

„פֿון מײַנע אָפֿענע װוּנדן
איך האַלט דיר אין איין דערציילן,
זיי זאָלן מיר נאָר נישט פֿאַרשווינדן,
חלילה, זיך נישט פֿאַרהיילן

ווײַל אַנדערש בין איך פֿאַרפֿאַלן"
פֿאַרטרויט מיר מײַן פֿרײַנד — „וואָס טוט מען?
איך קען אויף קיין עצה נישט פֿאַלן",
ער וועט שוין עפּעס געפֿינען.

ווײַל אַנדערש איז ער פֿאַרלוירן,
ווערט אָפּגערוקט פֿון דער מיטן.
דער שערער, וואָס האָט אים געשוירן
און בײַם ראַזירן צעשניטן,

ער האָט אים געטאָן אַ טובֿה —
מע זעט אים אָן שוין ווידער,
איז ווידער אַ העלד אַזוי ווי
ער שרײַבט אין זײַנע לידער.

ירושלים, 27סטער אַפּריל, 1990

ב. ווי קומט עס?

צוויי ברידער

ער איז געווען אַ דענקענדיקער מענטש פֿאַר עקסעלאַנס,
אַליין באַשולדיקט זיך, פֿאַרטיידיקט און אַרויסגעטראָגן זיך אַן אורטייל,
דערנאָך אויף נאָך אַ מאָל אַלץ איבערקוקן ער געגעבן זיך אַ שאַנס
און צון אַ צווייטער רונדע זיך פֿעסט אונטערגעגאַרטלט.

זײַן ברודער נישט געוואַקלט זיך, געווען אין אַלץ אַנטשלאָסן,
געלאַכט פֿון אים: וואָס מאַכסטו, האָט געפֿרעגט ער, אינעם קאָפּ זיך
שטענדיק לעכער?
כּײַ וואָלטסטו מיט מיר בײַם טיש געזעסן און גענאָסן
און נישט געקראָכן אונטער דר'ערד און נישט געשפּרונגען איבער דעכער.

די ברידער, וועלכע זענען קיין מאָל אין איין בעטל נישט געשלאָפֿן
און קיין מאָל איינס דעם צווייטן נישט פֿאַרשטאַנען,
זיי האָבן איין מאָל דאָך אויף איין לויה זיך געטראָפֿן
אוןביידע קדיש דאָרט געזאָגט נאָך דער זעלבער מאַמען.

און שפּעטער, ווען זיי זענען שבֿעה אויף איין דיל געזעסן,
די זעלבע טיי געטרונקען פֿונעם זעלבן קאַלטן טשײַניק,
דאָס זעלבע ברויט מיטן זעלבן סופּ געגעסן
און מיטן זעלבן טרויער זיך געפּײַניקט,

זיי האָבן זיך דערנענטערט איינער צו דעם צווייטן
און מיט שותּפֿותדיק געוויין צונויפֿגעמישט די טרערן,
זיי האָבן זיך פֿאַרשטאַנען שוין אָן דערבײַ צו ריידן
און אָן צו דאַרפֿן איינער דאָרט דעם צווייטן הערן.

ירושלים, 15טער דעצעמבער, 1992

אַן אויפֿשטאַנד

אַן אויפֿשטאַנד פֿון מאַטראָסן אויף אַ זינקענדיקער שיף
אַקעגן אַלטן גראָען קאַפּיטאַן בײַם רודער.
בראָש פֿון אויפֿשטאַנד פֿון מאַטראָסן־קאָלעקטיוו
געשטאַנען איז דעם קאַפּיטאַנס אַ ברודער.

שוין יאָרן ווי די קנאה צווישן זיי,
פֿון צווייטן צו דעם ערשטן האָט געפֿלאַקערט,
שוין יאָרן ווי די שׂנאה בײַ די צוויי
האָט זיך געפּרעגלט און געבראָטן אַלץ געשמאַקער.

נאָר איינס דאָס צווייטע האָט נישט צוגעלאָזט
זיך צורירן צום געשמאַקן ביסן.
דעם סוף פֿון אָט דער מעשׂה ווילט איר וויסן, וואָס?
די שיף האָט זיך געטרונקען אָן די ברידערס וויסן.

ירושלים, 12טער פֿעברואַר, 1992

די קרומע וועגן

די קרומע וועגן האָבן אויכעט זייערע וועגווײַזער
צעשטעלטע אויף די ראָגן בײַ די שענקהײַזער.
דאָרט לאָדט מען אָן זיך פֿאַרן ווײַטער פֿאָרן
מיט ברענשטאָף צו דערוואַרעמען דעם צאָרן
אויף אַלץ, וואָס גלײַך און קלאָר און אויף דער האַנט איז,
אויף אַלץ, וואָס קלוג און שיין און אימפּאָזאַנט איז,
אויף אַלץ, וואָס אויפֿן גלײַכן וועג איז צו דערגרייכן
און אָן אַ פֿאַלשן וועגווײַזער, אָן אַ מינדסטן צייכן,
וואָס ער פֿאַרדרייט דײַן וועג צון אַלדע רוחות
אומזיסט־אומנישט און אויפֿן חשבון דער מלוכהס.

ירושלים, 5טער מערץ, 1992

גורל

דײַן נבֿואה האָט מען אָנגענומען,
מײַן נבֿואה איז געוואָרן מקוים,
איצטער ביסטו נאָך אַ מאָל געקומען
מיט אַ שפּאָגל־נײַנקער נבֿואה,
וואָס וועט ווידער אָנגענומען ווערן,
וואָס וועט ווידער נישט מקוים ווערן
און מע וועט אויך דאָס מאָל מיך נישט וועלן הערן.

ירושלים, 16טער פֿעברואַר, 1992

אַן עין־הרע

דו קוקסט מיר גלײַך אין די אויגן,
אַ פֿינטל נישט צו טאָן.
איך פֿיל ווי דײַן בליק וואָלט געוווּגן
אויף מײַנע פּלייצעס אַ טאָן.

די פּלייצעס מײַנע געבויגן
זיי ווערן פֿון דײַן בליק,
וואָס קוקט מיר גלײַך אין די אויגן
און אויף די פּלייצעס מיר דריקט.

דײַן קוקן איז בייז און פֿינצטער,
דײַן בליק איז בייז און שוואַרץ,
ווי גלײַך בײַ נאַכט פֿון אַ פֿענצטער
מע שיסט מיר גלײַך אין האַרץ.

כאָטש אויגן האָסטו גראָע,
העל־גראָע פֿון צײַט צו צײַט,

זיי ווערן פֿינצטער און קראַיִש
בײַם קוקן אין מײַן זײַט.

וואָס האָב איך אַזוינס געטאָן דיר?
דו שטעכסט מיך ווי מיט אַ שפּיז,
מיט מײַנע פֿיס איך פּלאָנטער
און פֿאַל אַוועק פֿון די פֿיס.

וואָס האָב איך אַזוינס געזינדיקט?
איך האָב שוין נישט איין מאָל געפֿרעגט,
דו קוקסט ווי אויף אַן אינדיק,
וואָס גנבֿעט דײַן פּאַווע־עק.

כאָטש איך פֿון דיר בין ייִנגער,
דאָך זע איך עלטער אויס
און מיט מײַן קאַטערינקע
בין איך אין די אויגן דיר גרויס.

איך וועל נישט אויפֿהערן שפּילן
אויף לעצטער ייִדישער גאַס,
איך קלײַב זיך נישט אײַנצושטילן
דײַן קנאה און דײַן האַס.

דו קוקסט מיר גלײַך אין די אויגן,
אַ פֿינטל נישט צו טאָן.
איך פֿיל ווי דײַן בליק וואָלט געוואויגן
אויף מײַנע פּלייצעס אַ טאָן.

ירושלים, 25סטער אַפּריל, 1992

אָט זיצט ער

אָט זיצט ער מײַן חבֿר איבער מײַן בוך
און זוכט אין די לידער חסרונות,
אָט באַלד וועט ער רופֿן צו הילף, מיר דוכט,
די בעסטע פֿרײַנד מײַנע שׂונאימס.

צי וועט אים די הילף טאַקע קומען צו נוץ?
צי וועט אים נאָך עפּעס פֿעלן,
אַז איך זאָל בלײַבן אָן אַ שוץ
אַקעגן זיך צו שטעלן?

כ'פֿאַרמאַך די אויגן און בלינדערהייט
איך בלאָנדזשע אַרום אָן צו וויסן
פֿון וואַנעט סע קומט צו מיר די פֿרייד,
וואָס דאַרף מײַן חבֿר פֿאַרדריסן.

צי קומט די פֿרייד פֿון אַ שורה אין ליד,
וואָס איך דערמאָן זיך בײַם הערן
מײַן חבֿר לייענען,
מײַן חבֿר פֿאַרציט
אַ ניגון, קען איך שווערן,
אָן אַלטן ניגון פֿון שטעטל,
וואָס דאַרף אונדז איבערבעטן.

ירושלים, 10טער יוני, 1992

איך האָב געקלאָגט זיך

איך האָב געקלאָגט זיך פֿאַר אַ פֿרײַנד, אַז נײַנציק שׂונאים רינגלען מיך אַרום,
האָט ער מיר צוגעווינטשעוועט — עד מאה ועשׂרים

און צו דער ברכה צוגעלייגט אַ רויטע בלום,
אַ בלום אַ רויטע אויף אַ שטענגל — פריש און גרין.

און אַז איך האָב דאָס שטענגל צוגעטראָגן צו דער נאָז,
דאָס גרינע שטענגל מיט דער רויטער בלום,
דאָ האָבן זיך צעזונגען, איך ווייס גאָרנישט פֿאַר וואָס
די שׂונאים מײַנע, וועלכע רינגלען מיך אַרום.

און אַז איך האָב זיך צו דעם זינגען צוגעהערט,
האָב איך קיין שׂנאה נישט אַרויסגעהערט דאָרט מיר אַרום
און דאָ האָב איך פֿאַרשטאַנען, אַז ס'איז רעכט,
אַז דאָס איז נאָר אַ דאַנק דעם שטענגל און דער בלום.

טעקסט פֿאַר אַ ווידוי פֿאַרן סאָוועטישן שרײַבער

איך האָב זיך פֿאַרבונדן מיטן אמת,
האָט מיך דער אמת אָפּגענאַרט,
לויב־געזאַנגען גאַנצע זשמעניעס,
פּראָ סאָוועטישע פּאָעמעס,
גוזמא'ס, גליקן נישט געקאַרגט —
האָט מיך דער אמת אָפּגענאַרט.

כ'האָב זיך דעם אמת אָפּגעגעבן
און געגלייבט אים אויפֿן וואָרט,
אין אַ וועטער אין אַ טריבן
בין אין פֿינצטערניש פֿאַרבליבן
פֿון זײַן גאַנצן יהי אור,
פֿון זײַן חלום אויף דער וואָר.

כ'האָב אַליין פֿאַרמאַכט די אויגן,
כ'זאָל דעם אמת נישט דערזען

און געגלייבט דעם נישט געשטויגן,
וואָס איז קיין מאָל נישט געפֿלויגן,
וואָס איז קיין מאָל נישט געווען.
איצט איז שוין אַ סוף צו דעם
דאַנקען גאָט, איך אָנערקען.

ירושלים, 9טער פֿעברואַר, 1992

ווי קומט עס?

ווי קומט עס אַ פֿאָלק זאָל אַליין זיך צעשטערן —
די לידער, וואָס ער האָט געשפּילט און געזונגען
זאָל מער זיי נישט ליב האָבן, מער זיי נישט הערן,
ווי קאָנען נאָך אָטעמען זײַנע לונגען,
ווי קאָן ער נאָך עסן, ווי קאָן ער נאָך טרינקען?

ווי קומט עס? ווי קומט עס? און שרײַ חי־וקים,
סע העלפֿט נישט קיין שרײַען, סע העלפֿט נישט קיין רופֿן
נאָך הילף, נאָך אַ רעטער, אַ רבֿ צי אַ דיין,
וואָס פּסקענען זאָל מי למוות, מי לחיים,
וואָס אָננעמען זאָלן די פֿרײַע, די פֿרומע.

ווער וויל עס דאָרט שטאַרבן און לעבן אַ טויטער,
אַ פֿולער מיט זאַפֿטן, מיט אַלערליי טעמען,
אַ פֿולער מיט פֿאַרבן — אַ גרינער, אַ רויטער,
ווי קען מען זיך לייגן און אויפֿשטיין אַ שוטה
אָן יידישע לידער, אָן יידישע גראַמען?

ירושלים, 24סטער פֿעברואַר, 1993

האַלבע און פֿערטל און צענטל שאָטנס

האַלבע און פֿערטל און צענטל שאָטנס
אויף אַ גרינער ערד אַ באַזונטער,
האַלבע און פֿערטל און רעפֿטלעך לבֿנה,
פֿולע לבֿנות רונדע

זענען מײַנע און דײַנע מעת־לעתן,
נעכט און טעג און וואָכן און יאָרן
צו געדענקען און צו פֿאַרגעסן,
צו פֿאַרלירן און אויף אָפּצושפּאָרן

לאַנדשאַפֿטן פֿאַר די זכרונות,
פֿאַרבן פֿאַר די געדענקטע בילדער,
בלויז די קלאַנגען פֿאַרקלונגען, פֿאַרלוירן
אינעם שטאָטישן געפֿילדער.

ווען מען באַנוגענען זיך מיט ליכטער
אינעם שלאָף מיט פֿאַרמאַכטע אויגן
און מיט פֿערזן פֿון פֿאַרגעסענע דיכטער —
נישט געשטויגן, נישט געפֿלויגן.

ירושלים, 9טער פֿעברואַר, 1993

וואָס ביסטו, פֿרעג איך, אויסן

וואָס ביסטו, פֿרעג איך, אויסן
מיט דײַן באַטראַכטן מיך,
די לאַטעס פֿון מײַנע הויזן,
דעם שמייכל פֿון מײַנע שיך?

דעם אומרו פֿון מײַן היטל
אויף מײַן צעדרייטן קאָפּ,
וואָס קוקסטו אַזוי מיט ביטול
אויף מײַן גאַרדעראָב?

וואָס קוקסטו מיר אויף די אַרבל
פֿון פֿאַרשידענער לענג
און ווי מיט קנייטשן, קאַרבן
דאָס רעקל אויף מיר הענגט?

וואָס גלעסטו מיר דאָס פּנים,
צי איז עס גלאַט ראַזירט?
צי האָב איך בײַ נאַכט בכּוונה
מיט לבֿנה עס נישט פֿאַרשמירט?

צי האָב איך נישט בכּוונה
די אויגן מיר אויסגעקרומט
צו זען אַ רונדע לבֿנה
די זעלבע אומעטום?

וואָס מיינסטו זענען כּמאַרעס?
לאַטעס אויפֿן ליכט,
דאָס זענען די זעלבע לאַטעס
מיט וועלכע מע פֿאַרריכט
הויזן, אַרבל און שיך.

וואָס ביסטו, פֿרעג איך, אויסן
מיט דײַן באַטראַכטן מיר,
די לאַטעס פֿון מײַנע הויזן,
דעם שמייכל פֿון מײַנע שיך?

ירושלים, 18טער מערץ, 1992

כ׳האָב אָנגערופֿן איינעם

כ׳האָב אָנגערופֿן איינעם פֿאַרעך
און זיך באַליידיקט האָבן דרײַ
און קיינס פֿון זיי האָט נישט געגנאַרט זיך,
ס׳האָט נישט געקלונגען פֿאַר זיי נײַ.

געוווּסט בײַ זיך האָט יעדער איינער,
אַז עפּעס אין דעם "טיטל" שטעקט,
נאָר וויסן נישט געוואָלט האָט קיינער —
זײַן פֿאַרעך איז נישט צוגעדעקט.

ביז איינער האָט צום סוף געכאַפּט זיך,
כ׳האָב׳ס אים געזאָגט אין פּנים גלײַך
און אָט צו וואָס ער האָט דערטראַכט זיך:
פֿאַרעכעס פֿאַראייניקט אײַך!

ירושלים, 14טער נאָוועמבער, 1992

מאָלדאָווע

זייף און זאַלץ און שוועבעלעך און נאַפֿט
האָבן די גויים בײַ ייִדן געקויפֿט,
מעל אויף ברויט און ווײַן אויף ברודערשאַפֿט
האָט יעדער געהאַט בײַ זיך אין הויף.

אַזוי אויך שמאַלץ און פּוטער און פֿלייש,
לײַוונט אויף העמדער און גראָב געוואַנט
אַליין געוועבט אין די נעכט צומייסט
אין די דערפֿער פֿון גאַנצן לאַנד.

זומער — באָרוועס און ווינטער אין פּעלץ,
שאָפֿענע פּעלצן פֿון אייגענע שאָף

אין די סטינעס, וואָס אַרום בעלץ
און אַרום קעשענעוו לרובֿ.

אין די קעלערן — זויערקרויט
פֿולע פֿעסער מיט שטיינער פֿאַרדעקט,
קראַנצן ציבעלעס אין דער שאָלעכץ־הויט
און קאַרטאָפֿל גאַנצע זעק.

האָבן די רוסן אין 40סטן יאָר
מאָלדעווע באַפֿרײַט און זי אויסגעלייזט
פֿון אַל דאָס גוטס, פֿון פֿערד אין דער פּאָר,
פֿון טשערעדעס קי, פֿון מילעך און פֿלייש.

האָבן זיך טיף אַרײַנגערוקט
אין די ביינער פֿון קליינעם לאַנד
און דעם בונטאָוושטשיק, דעם הײַדוק
דערוויַילע אין זייער וואָגן געשפּאַנט.

רוסישע שולן און רוסישע געסט
אומעטום אין דאָרף און אין שטאָט,
רוסישע קליידונג און רוסישע פּרעסט
האָבן איבערגעדרייט דאָס ראָד.

די רוסן ווילן נישט עולה זײַן
אין לאַנד פֿון זייערע אָבֿות צוריק,
זיי ווילן מאָלדאָווע זאָל רוסיש זײַן,
ווי ס׳איז געווען בײַם באָלשעוויק.

ווילן זיי און סע גיסט זיך בלוט
פֿון בײדע זײַטן אַזוי ווי אַ מאָל
פּאָעטן שרײַבן לידער פֿון מוט
פֿון בײדע זײַטן אַזוי ווי אַ מאָל

ירושלים, 26סטער יוני, 1992

נישט יעדער עפּלבוים

נישט יעדער עפּלבוים איז אַן עץ הדעת,
נישט יעדער ווילדער טרוים איז אַ משוגעת,
סע טרעפֿט אַ שיכּור אויפֿן גלײַכן וועג,
דערשרעקסטו זיך. ס׳איז אומזיסט שרעק.
דער שיכּור איז דערוואַרעמט פֿון דער היץ,
די אויגן זײַנע אָנגעצונדן פֿון אַ בליץ,
וואָס האָט אים אויפֿגעעפֿנט מיט אַ מאָל
דעם טאָל און באַרג, דעם באַרג און טאָל.
סע וואַקלען זיך די פֿיס זײַנע, די פּאָר,
די אויגן אָבער זעען קלאָר, קלאָר.

ירושלים, 30סטער מאַי, 1992

צום 50סטן יאָרטאָג פֿון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע

שיקע דריזן

מײַן פֿרײַנד, דער דיכטער שיקע דריז,
זײַן ליד איז קלינגעוודיק און גלאַנציק,
סאָוועטיש איז ער פֿופֿציק יאָר
און איך — בלויז אַכט און צוואַנציק.

כ׳האָב גאַנצע צוויי און צוואַנציק יאָר
געקוקט אַהין, געקוקט פֿון דאָרטן.
מײַן גײַסט איז אומגעגאַנגען אָן מיר,
אַרומשפּאַצירט בײַ אים אין גאָרטן.

נישט אומעטום האָט דאָרט געבליט,
נישט שטענדיק האָט די מי געראָטן,

נאָר פֿון דער ווײַטן אין זײַן ליד
איז נישט געווען קיין פּיצל שאָטן.

געווען צײַטן אַלערליי,
דערגאַנגען עכאָס צו מײַן אויער,
נאָר אין זײַן ליד, וואָס כ׳האָב געלייענט,
איז נישט געווען קיין טראָפּן טרויער.

זײַן ליד איז שלאַנק און אָפּגעטאָקט,
זײַן ליד איז קלינגעוודיק און גלאַנציק.
סאָוועטיש איז ער פֿופֿציק יאָר
און איך — בלויז אַכט און צוואַנציק.

טשערנאָוויץ, 1967

ג. שרײַב מיר אָן

אַזוי פֿיל

אַזוי פֿיל נישט געשריבענע לידער נאָך
זיך ראַנגלען מיט מיר און ווילן אַרויס,
זיי זענען זיבן אַרויס די וואָך
און אָנגעפֿולט מיר דאָס גאַנצע הויז.

איך זעץ זיי אויס בײַם געגרייטן טיש,
איך פֿיר זיי צו צום געבעטן בעט,
דערלאַנג זיי וואַסער צו וואַשן די פֿיס
און מאַך זיי פֿינצטער, ווײַל ס'איז שוין שפּעט.

און כאַפּט זיך אויף אַ ליד בײַ נאַכט,
וואָס קען נישט שלאָפֿן, וועקט עס מיך אויף,
זיץ איך מיט דעם ביז פֿאַר טאָג זייגער אַכט,
ווען אַלע קומען זיך ווידער צונויף.

און נאָכן פֿרישטיק איך עפֿן די טיר
פֿאַר זעקס פֿון זיי, וואָס קענען גיין,
דאָס זיבעטע פֿאַרהאַלט איך בײַ מיר
סע זאָל נישט זיצן בײַ נאַכט אַליין.

ירושלים, 4טער דעצעמבער, 1992

צײַט

1

און וואָלט די צײַט געיאָגט אַפֿילו שנעלער,
נאָר איין מאָל אָפּגעשטעלט זיך אויף אַ שעה,
די וועלט אַראָפּ וואָלט אין אַ שוואַרצן קעלער
אויף אָט דער שעה, ווען ס'איז קיין צײַט נישטאָ.

נאָר ווער וואָלט אָט דעם איבעררײַס געמאָסטן
אין אָט דער שעה, ווען ס'איז קיין צײַט נישטאָ?
ווער ווייסט, וואָס ס'קאָן אַזאַ מין שעה אונדז קאָסטן
אַזאַ מין וויסטע קעלערדיקע שעה?

אַ שרעק באַהערשט מיך און איך פֿרעג פֿון וואַנען,
צי קומט זי נישט, די שרעק, פֿון אָט דער שעה
פֿאַרויסגעשיקט צו צוימען אונדזער שפּאַנען,
אונדז אײַנרעדן, אַז ס'איז קיין צײַט נישטאָ?

אונדז צוגרייטן, אַנטוואָפֿענען, פֿאַרסמען —
איך שטיל זיך אײַן אַז צײַט איז שטענדיק דאָ,
קיין איבעררײַס אין צײַט איז נישט פֿאַראַנען,
אויב מעסטן זי מיט צײַט, מיט שעה.

טשערנאָוויץ, 1971

2

דער זייגער גייט אויך אין דער פֿינצטער,
די צײַט פֿאַרגייט אויך אָנעם זייגער
און אָן דער קראַפֿט דער סאַמע מינדסטער
זי שטעלט נישט אָפּ זיך אויף קיין רגע.

און אויך אַ הונדערטסטל דער רגעס,
וואָס לאָזט זיך, דאַכט זיך, מער נישט טיילן,
אין גרויסן חשבון נישט פֿאַרמעקט איז,
דו מעגסט זיי יאָ און נישט זיי ציילן.

און מעג משיח מאָרגן קומען,
אונדז אַלע ברענגען די גאולה,
צומאָרגנס נאָך אַחרית הימים
די צײַט וועט ווײַטער הוליען־הוליען —
זאָל זײַן אַזוי אַבי מיט שלום.

ירושלים, 1992

שרײַב מיר אָן

שרײַב מיר אָן אַ ליד פֿון סאַמע ליאַפּסוסן
אין אַ פֿאַרקערטן שיינעם שפּיגל־כּתבֿ
און פֿאַרגעס נישט אין די האַרצעדיקסטע גרוסן
פֿאַרן מײַסטער פֿונעם מענטשלעכן באַשאַף.

דעם באַשאַפֿער פֿון טעותים און פֿון קרומע וועגן,
פֿון חרטה און פֿון נאָך אַ מאָל די זעלבע זינד,
פֿון דער גלוסטעניש נאָך נאָך און נאָך פֿאַרמעגן
און פֿון סוף, וואָס דער פֿאַרדינער זיך פֿאַרדינט.

שרײַב אַזוי, איך זאָל נישט קענען לייענען,
אַז איך זאָל פֿאַרדרייען יעדעס וואָרט.
זיך דערגראָבן וועל איך צו דעם מיינען,
וואָס דו מיינסט, בשעת איך שפּיל אַ קאָרט.

ירושלים, 30סטער יוני, 1992

גיי אין לאָמבאַרד

גיי אין לאָמבאַרד און פֿאַרזעץ דאָרט מײַן זייגער
און קויף פֿאַרן געלט אַן אַפּטייקערסקע וואָג
צו וועגן די לופֿט אין פֿאַרמאַכטן חדר,
צו וועגן די שײַן אינעם פֿענצטער בײַ טאָג.

גיי אין לאָמבאַרד און לייז אויס מיר דעם זייגער
צו מעסטן די צײַט, די לענג פֿון מעת־לעת,
ווי שפּעט איז אַצינד אין ניו־יאָרק, אַ שטייגער,
ווי שפּעט איז אין חיפֿה, ווי שפּעט — אין אָדעס?

גיי אין לאָמבאַרד און פֿאַרזעץ מײַנע הויזן
און קויף פֿאַרן געלט מיר ווײַן אויפֿן גלאָז,
קויף מיר צום סדר, צון אַלע פֿיר כּוסות
אַ פֿולן אליהוס כּוס.

גיי אין לאָמבאַרד און לייז אויס מיר די הויזן
און גיב מיר דאָס העמד און די זאָקן, די שיך
און לאָז מיך אַרויס אינעם גרויסן אינדרויסן,
איך זאָל זיך באַפֿרײַען פֿון מאָס און געוויכט.

ירושלים, מוצאי שבת, 14טער מערץ, 1992

אַזוי פֿיל חידושימדיקע

אַזוי פֿיל חידושדיקע, ווונדערלעכע קלאַנגען,
אַזוי פֿיל ערשטיקע, איינמאָליקע געזאַנגען,
אַזוי פֿיל הייכעניש גאָרנישט צו דערלאַנגען,
וואָס האַלטן מיך אין מיטן שטאָט, אין מיטן גאַס, אין מיטן טאָג געפֿאַנגען

און לאָזן מיך נישט גיין אַהין, וווהין איך בין געגאַנגען
און ס׳גלוסט זיך נישט אַפֿילו זיך צו ראַנגלען מיט די צוואַנגען.

*

איך האָב געהאַט אין לעבן אַ מאָל פֿרייד און צען מאָל טרויער
אוןביידע האָב איך ליב געהאַט — אי די פֿרייד און אי די צען מאָל טרויער
און איצט דאָס עלפֿטע מאָל בין ווידער טרויעריק און דאָס מאָל איך באַדויער,
וואָס ס׳איז דאָס לעבן שוין כמעט ווי מיר פֿאַרגאַנגען
און ס׳האָבן נישט געהאָלפֿן די געזאַנגען.

ירושלים, 12טער דעצעמבער, 1992

ירושה

כ׳וויל איבערלאָזן אַ בנין אַ קליינעם
מיט אַלע טירן און מיט אַלע פֿענצטער,
ווערענדעס מיט זקנים, וואָס זיצן און לייענען
און פֿאָרלעך, וואָס קושן זיך אין דער פֿינצטער.

מיט הויכע טרעפּ און מיט ליכטיקע ווינדעס
אַראָפּ און צוריק אַרויפֿגעשוווּמען.
אין אַלע צײַטן אַ גרויסע זינד איז
נישט גיין און נישט צוריק צו קומען.

כ׳וויל לאָזן אַ בנין נישט גאָר קיין הויכן,
ס׳זאָל בלײַבן פּלאַץ גענוג פֿאַר די רוימען,
אַ קוימען אויפֿן דאַך אָן רויכן,
אַ שיינער קוימען דעם דאַך צו באַקרוינען.

און אַלע שכנים, אַ גאַנצער מנין
פֿון יעדן שטאָק אין די פֿײַנסטע מלבושים
זיך האָבן פֿאַרזאַמלט און דעם בנין
איבערצונעמען די ירושה.

ירושלים, א׳ תּשרי (ראָש־השנה) תּשנ״ג
28סטער סעפּטעמבער, 1992, אין געהאַקטע ווונדן.

אײַביק

דער משחית האָט געלאָזט אין וועג זיך אין אַ שליחות
און וואָס הייסט בײַ אַ משחית שליחות, חוץ שלעכטס טאָן און רציחות?
איז נאָכגעגאַן פֿוסטריט דעם שאָטן פֿונעם שׂטן,
אויף שאָטנדיקע שפּורן, ווו דער שׂטן האָט געטראָטן.

בײַם וואָלף אין וואַלד האָט ער די אויגן אויסגעשטאָכן
און צוגעקוקט זיך, ווי ער איז, דער וואָלף, אין שוואַרצן גראָז געקראָכן
און אַלע מאָל דאָרט אין אַן אַנדער בוים זיך אָנגעשטויסן
אין אומענדלכן און טיפֿן וואַלד אין גרויסן.

און בײַ אַ פֿויגלביידע פֿליגל האָט ער אײַנגעבראָכן,
צעשטערט די נעסטן פֿון דער פֿויגלשער משפּחה,
געלאָזט דעם פֿויגל אויף דער ערד צו קריכן
און אין גרויסן וואַלד צו וואַרטן אויף משיחן.

בײַם האָלצהעקער האָט ער די האַק אַרויסגעריסן
און אָפּגעהאַקט אים ביידע הענט, אים נישט צו דאַרפֿן שיסן.
געלאָזט אים פֿאַר אַ קאַליקע אויף אײביק, אײביק,
אויף אײביק, אײביק, אײביק, אײביק.

ירושלים, 23סטער פֿעברואַר, 1993

די שלעכטע שטימונג

די שלעכטע שטימונג פֿונעם וועטער
צעשיט אין ווינט די געלע בלעטער
און בלעטער פֿון אַן אַנדער ראַסע
צעטראָטענע און נאַסע.

די שלעכטע שטימונג פֿונעם דרויסן
ציט אויס אַ שאָטן — לאַנגן, גרויסן,
וואָס לייגט זיך אויף די גרויסע שויבן
ווי בעלמעס אויף פֿאַרטרוימטע אויגן.

די שטימונגען אין מײַנע טיפֿן
דערוויַיטערן די זעכציק שיפֿן
פֿון מײַן פֿאַר־בענקטן ברייטן האַפֿן,
וואָס האָט די שיפֿן פֿריִער באַשאַפֿן.

ירושלים, 13טער אויגוסט, 1992

די איבעריקע שטיקער שטיין

די איבעריקע שטיקער שטיין
האָט מיקעלאַנדזשעלאָ אַוועקגעהאַקט,
האָב איך זיי אויפֿגעקליבן שיין,
צו זיך אין גאַס געבראַכט.

ס'האָט קיינער מיך אין ווײַטן וועג
נישט אָפּגעשטעלט און נישט געמאָנט
קיין מכס נישט און נישט געפֿרעגט
אויף דעם פֿאַרמעג, מישטיינס געזאָגט.

איך האָב דאָ פֿון די שטיקער שטיין
אַ שול פֿאַר שנײַדערס אויפֿגעגנייט.
יום־כּיפּור איז זי פֿול געוויין
און שׂמחת־תּורה פֿול מיט פֿרייד.

און משה דער פֿון שטיין געהאַקט
געבליבן איז ער דאָרט אין רוים
און תּורת־משה לעבט און לאַכט
דאָ עד־היום.

ירושלים, 22סטער אָקטאָבער, 1992

גרינג ווי אַ פֿעדער

גרינג ווי אַ פֿעדער און שטיל ווי אַ טויב,
ווײַט פֿון רום און ווײַט פֿון לויב
גייט ער און רירט קוים אָן די ערד,
נעמט אָן באַהבֿה, וואָס אים באַשערט.

איז ווער האָט דעם ערדקײַלעך איבערגעקערט?

דאָס האָט אין אים זיך די שטילקייט
איבערגעדרייט אין זײַן אינגעווייד,
דאָס האָט אין אים די מילדקייט
זיך אַרויסגעריסן פֿון שייד,
אָנגעהויבן פֿאָכן ווי מיט אַ שווערד,
בשעת ער רירט קוים אָן די ערד.

שטיל וואַסער גראָבט, זאָגט מען, טיף
נאָר אויך פֿאַר דער טיף איז דאָ אַ דנאָ,

ווּ סע ליגט אַ לאַנג שוין פֿאַרזונקענע שיף,
נאָר קיין צוטריט צון איר איז נישטאָ.

און קיינער ווייסט נישט, וואָס איז פֿאַראַן
אין דער שיף אויפֿן דנאָ פֿון אָקעאַן,
פֿון וואַנען דער שטורעם קומט אַרויף,
פֿון וואַנען ער דרייט זיך אַרויף ווי אַ שרויף.

גרינג ווי אַ פֿעדער און שטיל ווי אַ טויב,
ווײַט פֿון רום און ווײַט פֿון לויב
גייט ער און רירט קוים אָן די ערד,
נעמט אָן באַהבֿה, וואָס אים באַשערט.

ירושלים, 13טער מאַרץ, 1993

בין געלעגן

בין געלעגן, געלעגן און זיך אָנגענומען מיט געדאַנקען,
אָנגעטון זיך, זיך פֿאַרגאַרטלט, צוגעשפּיליעט און פֿאַרקנעפּלט
און די טירן אויפֿגעשלאָסן און פֿאַרשלאָסן און אַוועק מיט די געדאַנקען
אין פֿרימאָרגנדיקע גאַסן, אין פֿרימאָרגנדיקע נעפּלען.

אָנגעשטעלט מײַן בליק דעם קלאָרן, אָנגעשטעלט מײַן בליק דעם שאַרפֿן,
האָבן נעפּלען זיך צעריסן און זיך שטיקערווײַז צעפֿלויגן
האָבן זיך באַוויזן הימלען, האָבן זיך באַוויזן פֿאַרבן
אין די הייכן, אין די ווײַטן, האָט עס מיך צו זיי געצויגן.

האָט די בענקשאַפֿט זיך געצויגן, בין מיט איר אַהיימגעגאַנגען,
האָט די בענקשאַפֿט אָנגעהאַלטן, בין מיט איר אין בעט געלעגן,
בין געלעגן און געלעגן און זיך אָנגענומען מיט געדאַנקען
אויף מיט זיי אַרויסגיין מאָרגן צו די נעפּלען, צו די וועגן.

ירושלים, 11טער אויגוסט, 1992

בין אויפֿגעשטאַנען

בין אויפֿגעשטאַנען אַ זונטיק פֿאַר טאָג,
געטאָן, וואָס איך טו אַיעדן פֿאַרטאָג,
אַרויפֿגעצויגן די לאָדן אַרויף,
בשעת אין דרויסן די זון גייט אויף.

און דאָ ערשט בײַ דער זונענשײַן
דערזען ס'איז נישט זונטיק, ערשט שבת איז הײַנט,
ס'איז שבת פֿאַר טאָג, דער טאָג איז נאָך גרויס
און איך בין מיט גרויסן רווח אַרויס.

מיר צוגעקומען איז אומגעריכט
אַ דאַנק פֿון פֿרײַטיק־צו־נאַכט די ליכט
די נעכטיקע, וואָס כ'האָב דערזען
איןביידע לײַכטער אויסגעברענט.

מיר צוגעקומען איז אַ טאָג,
אַ גאַנצער טאָג אינעם קאַטאַלאָג
פֿון טעג — דעם קאַלענדאַר פֿון יאָר,
ווען ליכטיק ווערט אויך אָן אַ יהי אור.

ווײַל ס'איז דער זיבעטער טאָג אין דער וואָך,
וואָס איך בין אַריבערגעשפּרונגען און דאָך
זיך אָפּגעשטעלט און זיך אומגעקערט,
סע גייט נישט פֿאַרלוירן קיין זאַך אויף דער ערד.

ירושלים, 9טער מאַי, 1992

אַ פֿויגל האָט פֿאַרלוירן

אַ פֿויגל האָט פֿאַרלוירן אַ פֿעדער
פֿאַר טאָג בײַ מיר אויפֿן גאַניק,
וואָס איך האָב געפֿונען זי שפּעטער,
די פֿעדער פֿון אַ פֿייגל־מנהיג.

דער מנהיג פֿון אַ פֿייגל־סטײַע,
וואָס האָט דאָ אין אונדזער געגנט
געלאַנדעט מיטן גאַנצן כּלי־זין
און מאַפּעס פֿון הימלישע וועגן.

ער האָט מיט דער אייגענער פֿעדער
געוויזן אויף הימלישע פֿעלדער,
געוויזן אויף הימלישע סעדער,
געוויזן אויף הימלישע וועלדער.

דערנאָך אַ פֿאָך פֿאַר אַ צייכן
צו לאָזן זיך אין גראַנדיעזן
מאַרשרוט או געלאָזט מיר אַ זכר,
אַז ער איז דאָ געוועזן.

ירושלים, 15טער אויגוסט, 1992

צעבראָכן דער פֿידל, די סטרונעס צעריסן

דעם יִידישן ראַדיאָ־ספּיקער, רעדאַקטער פֿון
ליטעראַרישע פּראָגראַמען און רעציטאַטאָר מיכאל בן־אַבֿרהם

צעבראָכן דער פֿידל, די סטרונעס צעריסן,
צעריסן די סטרונעס, דער פֿידל צעבראָכן,

סע ציט אָן אַ סוף זיך — צעבראָכן־צעריסן,
די סטרונעס צעריסן, דער פֿידל צעבראָכן.

און ווידער צעבראָכן, און ווידער צעריסן,
מיר שפּילן נישט מער אין אָרקעסטער,
מיר שושקען זיך הינטער די קוליסן,
מיט אונדז אויך דער פֿידלער דער בעסטער.

מיר שושקען זיך שטיל, מע זאָל נישט דערהערן,
דערמאָנען זיך גוטע צײַטן —
מיר פֿלעגן צום עולם ווי אמתע שטערן
אַראָפּקוקן ווי פֿון ווײַטן.

מע פֿלעגט אונדז נאָכלויפֿן איבער די גאַסן
און טײַטן אויף אונדז מיט די פֿינגער,
מע פֿלעגט זיך שטופּן אַרום דער קאַסע
און צאָלן מיט אמתע קלינגערס.

מיר האָבן אין יעדער שטאָט און שטעטל
געהאַט שוין אונדזערס אַן ערטל
און דאָרט זיך קריגן און דאָרט זיך וועטן
און מאַכן ביז טאָג אַ קערטל.

איצט לעבן מיר ווי אין אַ קאָמונע
און טיילן זיך גלײַך אויף גלײַך מיטן דלות,
צעבראָכן דער פֿידל, צעריסן די סטרונעס
און הונגעריק זינגען מיר שיר־המעלות.

ירושלים, 10טער פֿעברואַר, 1993

כ'האָב יענע וואָך

כ'האָב יענע וואָך אַ בריוו באַקומען
פֿון מײַן פֿריִערדיקן גילגול
דאַטירט — דער נײַנצנטער יאָרהונדערט
און גערדיכט געשריבן.

די מאַרקע מיטן קאָפּ פֿון קיניג
צי, מיר דאַכט זיך, פֿונעם קייסער,
וואָס האָט געקייסערט צי געקיניגט
אין צײַטן שטורעמדיקע, בייזע.

מיר שרײַבט פֿאַרשטעלט דער גילגול מײַנער
פֿון איידער מײַן געבוירן ווערן:
"איך האָב געלעבט ווי אַ ציגײַנער
און דיר געלאָזן כ'האָב מײַן שטערן".

דער שטערן קוקט אויף די גילגולים,
וואָס ער באַלייט זיי לאַנגע דורות,
סע קומט אים אויס אין הימל שווימען
איבער בלוטיקע מקומות.

דער לאַנגער בריוו איז נישט געענדיקט,
דער אָנהייב קלינגט ווי גלײַך אַ המשך
פֿון בריוו פֿון פֿריערדיקע, העפּלער,
צי מיינט מען טאַקע מיך פערזענלעך?

איך ווייס נישט וועמען איבערגעבן
וועל איך דעם שטערן, וועמען שיקן
וועל איך אַ בריוו פֿון יענער געגנט
און ווער סע וועט דעם בריוו דאָ קריגן?

צי וועט ער קענען ייִדיש לייענען,
ווײַל אַנדערש קען איך דאָך נישט שרײַבן,
צי וועט גאָר זײַן מײַן בריוו צו קיינעם,
אַ נישט געלייענטער אייביק בלײַבן?

ירושלים, 22סטער יוני, 1992

לייג

לייג דײַן קאָפּ אויפֿן קישן אַנידער,
לאָז דיך פֿון חלום פֿאַרוויגן —
דײַנע פֿאַרשוויגענע לידער
וועלן נישט בלײַבן פֿאַרשוויגן.

נישט קיין שטערן, קיין מזל, קיין גורל,
קיינער דרייט נישט קיין רעדל,
ס'וועט נישט גיין קיין טראָפּן פֿאַרלוירן,
נישט פֿון שווײַגן און נישט פֿון רעדן.

וואָס האָסט אָפּגעטאָן, דאָס איז פֿאַרבליבן
אונטער דער טינט, וואָס געקומען איז מעקן,
ס'וועט אין דער לופֿט שוין בלײַבן פֿאַרשריבן
דאָס, וואָס לאָזט זיך פֿון גאָרנישט פֿאַרדעקן.

ירושלים, 24סטער אָקטאָבער, 1992

ס'איז יעדער מענטש

ס'איז יעדער מענטש אין לעבן איין מאָל ניצול פֿונעם טויט געוואָרן,
דאָס צווייטע מאָל איז ער געבליבן לעבן על־פּי נס,
דאָס דריטע מאָל האָבן זיך געענדיקט זײַנע יאָרן
און ס'העלפֿן שוין קיין נסים נישט, קיין ריינע, פֿרישע וועש.

קיין פֿאַרבן זיך די האָר און נישט קיין זאַלב צום פּנים,
קיין וואַסערן געזאַלצענע, קיין דיעטע, קיין מאַסאַזש,
קיין סגולות, קיין קמיעות, נישט קיין צוגעזעצטער נאָמען,
קיין טראָפּנס פֿון אַ לעפֿעלע, אַ פֿלעשעלע, אַ פֿלאַש.

דאָס הייסט נישט אַז מע דאַרף דאָס לעבן זיך פֿאַרקירצן,
זיך האַלטן פֿאַר געשטאָרבן פֿאַר דער צײַט,
אַפֿילו, ווען מע ווייסט מע ווערט פֿון טויט שוין מער נישט ניצול,
דאַרף מען אים נישט גיין אַנטקעגן, אַפֿילו, ווען ער איז נישט ווײַט.

ירושלים, 3טער מאַי, 1993

כ'האָב יאָרן לאַנג געוואַרט

כ'האָב יאָרן לאַנג געוואַרט, זאָלסט אויסשטרעקן דײַן האַנט
דעם גאַסט דײַנעם, דעם דערפֿל־שטעטל טרובאַדור,
האָסטו געקוקט אויף מיר ווי אויף אַן אָקופּאַנט
אין מלכות דײַנעם — ייִדישע ליטעראַטור.

אַ פֿעלד צום אַקערן האָסטו מיר געלאָזט,
אַ זאַק מיט זריעה און דעם גאַנצן טאָג
צו האָרעווען פֿון פֿרי ביזן סאַמע חצות,
געקוקט אויף מיר, געזען מיך און דו האָסט
קיין איינציק וואָרט קיין גוטס מיר נישט געזאָגט.

און אויב דו מיינסט, אַז, למשל, איך
דאַרף ווייניקער זיך ליב האָבן ווי, למשל, דו
האָסט ליב נאָר זיך אַליין און דײַנע שיך,
דאָס ווייכע קישעלע, וואָס ליגט אונטער דײַן פּליך
און טיילט דיר צו אַ גרויסן חלק רו,

האָסטו אַ שטיקל טעות גראָד און אפֿשר מער
ווי נאָר אַ שטיקל, ווײַל ס'איז יעדער טעות גאַנץ.
ווי קליין ער זאָל נישט זײַן, איז ער גרויס און שווער
און רופֿט אַרויס אַ גאַנצע רונדע טרער,
וואָס הענגט אַראָפּ פֿון אָפֿן אויג און גלאַנצט.

ירושלים, 3טער דעצמבער, 1990

* * *

פֿאַר שלום ראָזנפֿעלד דעם איניציטאַטאָר און
גרינדער פֿון דער איציק מאַנגער־פּרעמיע

שלום
צו אַלע רויזנפֿעלדער
און אַלע רויזנטעפּלעך
פֿאַרזייטע אויך די בערגלעך
צעשטעלטע אויף די טרעפּלעך.

זיי וואַקסן פֿון די רעגנס
און פֿונעם רערן־וואַסער
אין דער רויזן־געגנט
און אין שטאָטישע גאַסן.

אין פֿענצטער, בײַ די שויבן
און אין די קווייט־געשעפֿטן,
בײַ יונגען אין די שויבערס,
אין זייערע לידער־העפֿטן.

צו אַלע רויזנפֿעלדער,
צום איינעם ראָזנפֿעלד,
וואָס האָט אַ רויזן־דענקמאָל
מאַנגערן געשטעלט.

ירושלים, 1טער יאַנואַר, 1989

לזכר אפֿרים שעדלעצקי

פֿאַר איטלעכן און פֿאַר יעדן איינעם
האָט ער געהאַט אי צײַט, אי האַרץ, אי אויער,
ביז איינעם אַ טאָג אַ שיינעם
האָט ער אונדז געלאָזט אין טרויער.

ווי גלײַך ער וואָלט זיך אויסגעקליבן
דעם טאָג דעם שיינעם אויף צו שטאַרבן
און אַלע זענען מיר געבליבן
צו פֿילן דעם טרויער דעם האַרבן.

ער איז געווען אַ גוטער טאַטע,
אַ גוטער מאַן, אַ גוטער זיידע.
פֿאַר אַלעמען אַ פּערסאָנאַ גראַטאַ,
דער שפּיגל פֿון דער גאַנצער עדה.

האָט אַלע זינגערס, אַלע שטערן
פֿון יידישן ליד, וואָס מיר זינגען
געלאָזט אונדז דורך דער ראַדיאָ הערן
אין אונדזערע נשמות אָפּצוקלינגען.

האָט ווען מיט אַ טרייסט־וואָרט געהאָלפֿן,
אַרויסגעהאָלפֿן מיט אַן עצה
און דעם, וואָס ס'איז שווער די עצה צו פֿאָלגן,
האָט צוגעשטעלט ער אַליין אַ פּלייצע.

האָט רעדאַגירט זשורנאַלן, ביכער,
געשריבן רעדעס פֿאַר גרויסע רעדנערס,
פֿאַר הויכע לײַט און העכער, העכער
און "היימישע בילדלעך" געדרוקט אין די בלעטער.

זײַן ביכערשאַנק שטייט ווי אַן אָבֿל,
די ביכער וויינען נאָכן לייענער,
זײַן אויסגעוואַקסענער עזבֿון
קוקט דורכן פֿענצטער צו די ביימער.

ירושלים, 25סטער אַפּריל, 1993

איציק שוואַץ (י. קאַראָ)

אָן קיין אַרבעט איז ער קיין מאָל נישט געזעסן,
קיין פּרנסה האָט ער קיין מאָל נישט געהאַט,
ביכער ער געשלונגען האָט, געגעסן
און איז קיין מאָל נישט געבליבן זאַט.

פֿון אַיעדן בוך אַ פֿאַנג אַרויסגעצויגן
גלײַך ווי מיט אַ ווענטקע מיט דער פען אין האַנט
און דערנאָך געמאָסטן און געוווויגן
וויפֿל דער און יענער האָט טאַלאַנט.

די געשיכטע פֿון די ייִדן אין רומעניע,
זייער ייִדישע ליטעראַטור,
ס'איז זײַן שרײַבטישל אַ גאַנצער אַקאַדעמיע
פֿון צען גאָרנס אין מיניאַטור.

אין טעאַטער ייִדישן צעשטיפּטן
היט ער אָפּ די ריינקייט פֿון דער שפּראַך,
מיטרעדאַקטער פֿון די "בוקאָרעסטער שריפֿטן"
ביזן סאַמע צענטן אַלמאַנאַך.

צווישן איין מאמר און דעם צווייטן,
וואָס ער דרוקט ווו נאָר אַ ייִדיש בלאַט
שרײַבט ער אַ דערציילונג וועגן עלטערזיידן,
וואָס זײַן עלטערזיידע האָט געהאַט.

ירושלים, 29סטער מאַי, 1993

אליעזר פּאָדריאַדטשיק
(פּאָרטרעט פֿון אַ בוקיניסט)

צי איז פֿאַראַן אַ מיינונג, וואָס ער האָט נישט געמיינט?
צי איז פֿאַראַן אַ בוך אַזאַ, וואָס ער האָט נישט געלייענט?
צי איז פֿאַראַן אַ שיינע פֿרוי, וואָס ער האָט נישט געקענט?
(ווײַל מיט נישט קיין שיינע שמירט ער זיך נישט אויס די הענט).

פֿאַראַן מחברים, וואָס ער האָט פּערזענלעך פֿײַנט,
נאָר די ביכער זייערע לייענט ער נאָך ביז הײַנט,
וואָס ער טראַכט אָבער פֿון זיי, — ווייסן זיי אַ פֿײַג,
לייענט זיי, קוויקט זיך, האָט הנאה און פֿאַרשווײַגט.

בײַ די אַטעיִסטן זוכט ער פּסוקים פֿון תּנ״ך,
בײַ די ייִדישיסטן זייער שײַכות מיט דער שפּראַך,
בײַ די בוקיניסטן זייער יחס צון אַ בוך
און בײַ זיי טאַקע געפֿונען, וואָס ער האָט געזוכט.

איבער אַלטע ספֿרים זיצט ער און גענייסט
און ער שרײַבט דערבײַ "נאָטיצן פֿון אַ בוקיניסט".
יעדער אָפּנייג אין די זײַטן פֿירט אים באַלד צוריק צו זיי,
יעדער אָפּנייג רעכטס צי לינקס און איעדער דריי.
יעדער אָפּנייג צו די הייכן, יעדער אָפּנייג אין דער טיף
די "נאָטיצן" בלײַבן עד־היום זײַן ייִחוס־בריוו.

ירושלים, 27טער מאַי, 1993

בערל שנאַבל

גראָפּער לייענט אַ נישט־געדרוקטע שטיינבאַרגישע פֿאַבל.
אָמן! הערט מען פּלוצעם איינעם — דאָס איז בערל שנאַבל,
בלויז דער דריטער האָט געשוויגן — איך דאָס באַסאַראַבל.

נאָך דער פֿאַבל האָט אונדז שנאַבל פֿון די "מילנער־לידער"
אויסנווייניק זיי געלייענט אונדז, גאָר אין גאַנצן אָן אַ סידור.
כ׳וואָלט באַדאַרפֿט זיי הערן ווידער.

טשערנאָוויץ, 1957

דער נסתּר

ער האָט באַהאַלטן פֿון כּבֿוד זײַן נאָמען,
אַקעגן געשטעלט זײַנע גראָבע שׂונאים
די איידעלע קעגנערשאַפֿט פֿון זײַן פּנים.

ער איז אַ קעגנער פֿון שׂנאה געוועזן
מיט גאָר דער ליבשאַפֿט פֿון זײַן וועזן,
דער שׂונא זאָל ווערן פֿון שׂנאה גענעזן.

דערפֿאַר האָט זײַן שׂונא גענומען נקמה,
ס׳האָט נסתּר באַצאָלט מיט זײַן ריינער נשמה
און מיט זײַן באַהאַלטענעם ריינעם נאָמען.

טשערנאָוויץ, 1957

חיים גינינגער

אין גלאַנץ פֿון זײַנע אויגן איז פֿאַרבליבן
אַ ניצוץ פֿון אליעזר שטיינבאַרגס ברילן,
פֿון אַלץ, וואָס שטיינבאַרג האָט גערעדט, געשריבן
און אָנגעצונדן גינינגערס געפֿילן.

געוויינלעך נוצט מען ברילן צו די אויגן,
נאָר גינינגער האָט אויך אין ד׳אויערן דאָרטן,
פֿאַרמאָגט אַזוינס, וואָס האָט די קלאַנגען צוגעצויגן,
זיי אָפּגעוויגן און צעטיילט אויף סאָרטן.

אָט שטייט ער מיט אַ לאַנגן ווערטער־צעטל
דער טשערנאָוויצער בחור און מיר הערן.
די ווערטער, וואָס מיר ברענגען פֿונעם באַסאַראַבער שטעטל,
צעעפֿנט ער און ווײַזט אונדז זייער קערן.

טשערנאָוויץ, 1957

יוסף בורג

די וואַלד־ריטשקעס יאָגן שמאָלע ווי שטעגן
און ווערן אין לויף זייערן ברייט ווי די וועגן,
וואָס לעכצן און בענקען ווי פֿעלדער צום רעגן.

זיי יאָגן איינע די אַנדערע איבער
און גיסן אַרײַן זיך אין טשערעמוש דעם גבור,
וואָס טראָגט אויף זײַן רוקן געהילץ פֿאַר די שטיבער.

אַ יידיש ייִנגל אין דער בוקאָווינע
שפּאַצירט אויף די ברעגעס פֿון טשערעמוש די גרינע
און האָט זיי שפּעטער בײַם שרײַבן אין זינען.

זײַן טאַטן, די פּליטן, וואָס ער האָט געטריבן,
מיט ליבשאַפֿט האָט ער די בילדער געקליבן,
דערנאָך זיי אין בוך ״בײַם טשערעמוש״ באַשריבן.

טשרענאָוויץ, 1957

יעקבֿ גראָפּער

אין אַ שטאָט אין אַלט־רומעניע
האָט צעוואַקסן זיך אַ בוים,
זײַנע פּירות פֿולע זשמעניעס
וואַרפֿט ער אונדז איבערן צוים.

ביז די צוים איז אײַנגעפֿאַלן
ווײַל דעם בוים געווען איז ענג —
ביימער האַלט מען נישט אין שטאַלן,
וואַקסן זיי אין ברייט און לענג.

האָבן ביימער פֿון דער ווײַטן
אים דערהערט, דעם ברודער־בוים,
ס'איז געווען נאָך יענע צײַטן,
ווען בשותּפֿות מ'האָט געטרוימט.

ביז מ'האָט אויסגעטרוימט קאַפּויער,
ביז מ'האָט אויסגעטרוימט פֿאַרקערט,
נאָר סע קלינגט נאָך אין מײַן אויער
זײַנע שיינע לידער, כ'הער:

„באַלד איז דאָ אין שטאַל טעאַטער
קאָסט פֿיר קנעפּ אַנטריי
ווער ס'וועט געבן פּערלמוטער,
דער באַצאָלט נאָר צוויי".

וווּ'ז די שטאַל און דאָס טעאַטער?
כ'האָב געבראַכט די קנעפּ
סאַמע סאַמע פּערלמוטער
פֿולע־פֿולע טעפּ.

יעקבֿ פֿרידמאַן

און קומען וועט אַ נישט־פֿאַרגייענדיקער טאָג,
און קומען וועט אַ שבת פֿון גן־עדן.
די צײַט וועט בלײַבן שטיין, דער זייגערשלאָג
אין סאַמע מיטן פֿון די העכסטע פֿריידן.

דאָס בילד מיט גרינס וועט הענגען פֿאַרן אויג,
דער טעם פֿון מַן וועט בלײַבן אויפֿן גומען,
די יונגע פּאָר, וואָס נעכטיקט אויפֿן סטויג
וועט דאָרט שוין אייביקן, ווען דער טאָג וועט קומען.

און יעקבֿ פֿרידמאַן וועט דאָס לעצטע ליד
דער אייביקייט דער שטייענדיקער שענקען,
די אייביקייט געדענקען וועט דעם ייִד,
די אייביקייט וועט יעקבֿן געדענקען.

טשערנאָוויץ, 1957

שׂמחה שוואַרץ

עס האָבן געקריגט זיך עטלעכע טאַלאַנטן
אין איינעם אַ קינסטלער אַ באַקאַנטן,
דער סקולפּטאָר אין אים האָט איבערגעשלאָגן
די רייד פֿונעם שרײַבער, זײַן זינגען און זאָגן
דער שפּילער אין אים האָט איבערגעשניטן
דעם הויכן פּירהאַנג פּונקט אין דער מיטן,
מע זאָל אים אַראָפּהערן פֿון דער בינע,
די טעקסטן זײַנע און סײַ זײַן נגינה,
מע זאָל אים הערן, מע זאָל אים זען,
ווי ער אַליין באַשטייט פֿאַר צען.

עס האָבן זיך אָנגעקליבן יאָרן
פֿון זינט ער איז ווײַט אַוועקגעפֿאָרן
פֿון אונדז קיין פּאַריז, אין דער שטאָט פֿון קונסטן,
צו וועלכער קונסט איז געווען צו גונסטן
די לופֿט פֿון פּאַריז, דער פּאַריזער עולם,
צי האָט ער געשפּילט דאָרט אין לייוויקס גולם
און ווי איז געווען אין אַנדערע שטעט?
צי האָט געזיגט אין אים דער פּאָעט?
צי גאָר דער סקולפּטאָר פֿון ייִדישן אות?
געזיגט האָבן אַלע סוף־כּל־סוף.

טשערנאָוויץ, 1957

פֿון מײַן ביסל פּראָזע

אַ וואָרט וועגן יוסף קערלער צו זײַן 50סטן געבוירן־טאָג

צווישן יוסף קערלערס לידער, וואָס קומען אַרײַן אין דער אַנטאָלאָגיע פֿון הײַנטצײַטיקע סאָוועטישע יידישע דיכטער ״האָריזאָנטן״ (מאָסקווע, ״סאָוועטסקי פּיסאַטעל״, 1965) איז דאָ אַ ליד דאַטירט 1960 מיטן נאָמען ״הײַנט איז עס געשען״, וואָס איז, לויט מײַן מיינונג, דאָס סאַמע כאַראַקטעריסטישסטע פֿאַר דער דיכטונג פֿון י. קערלערן אין אַלע זײַנע פּעריאָדן. דאָס ליד הייבט זיך אָן מיט אַ פֿאָלעמישער נאָטע:

בלויער הימל,
גרינע בלעטער,
שוואַרצע ערד —

הונדערט טויזנט מאָל
די קלאַנגען שוין געהערט.
זיי פֿאַלן גלײַכגילטיק
און בלײַבן ליגן
ווי האַרבסטיקע, ווי טויטע פֿליגן.

לאָזן מיר אויף אַ רגע קערלערן אין מיטן פֿון זײַן ליד מיט אַן אויפֿגעהויבענער פֿויסט איבער די ״הונדערט טויזנט מאָל געהערטע״ קלאַנגען, און אַליין הייבן מיר אויף די אויגן פֿון טעקסט און פּרוּוון פֿעסטשטעלן אונדזער לייענערישן פֿאָרגעפֿיל — וווּהין פֿירט ער אונדז? פּרוּוון זיך פֿאָרשטעלן, טרעפֿן, מיטשאַפֿן, ווי מע זאָגט, מיטן דיכטער — וועלכע אַנדערע פֿאַרבן וועט ער צוקלײַבן פֿאַרן הימל, בלעטער, ערד? מיט וועלכע אַנדערע קלאַנגען וועט ער זיי באַצייכענען? מיר פּרוּוון מיטשאַפֿן און כאַפּן אַ גנבֿהשן קוק צו קערלערס ווײַטערדיקע שורות... מיר לאָזן אָפּענע אַראָפּ די אויגן צו דער צווייטער העלפֿט פֿונעם ליד, ווײַל קערלער האָט אַראָפּגעלאָזט די פֿויסט און קלאַפּט זיך מיט איר אין אייגענעם האַרצן:

נאָר גלויבן וועט איר מיר,
אַז הײַנט איז דאָס געשען,
אַז הײַנט האָב איך צום ערשטן מאָל דערזען
בלויען הימל,
גרינע בלעטער,
שוואַרצע ערד,

הונדערט טויזנט מאָל
בלויער, גרינער, שוואַרצער
ווי געוויינלעך.

אַוודאי גלייבן מיר אים און זענען אים טיף־דאַנקבאַר, וואָס ער האָט פֿאַר אונדז צוריק אויסגעלייזט די פֿאַרביקייט פֿון די פֿאַרבן און די באַנאַל־געוואָרענע הונדערט טויזנט מאָל געהערטע קלאַנגען דעבאַנאַליזירט. די דאָזיקע שליחות און אַלץ וואָס קערלער נעמט אויף זיך פֿילט ער אויס שטענדיק געוויסנהאַפֿט און מיט דיכטערישער קראַפֿט.

דער דור סאָוועטיש־ייִדישע פּאָעטן, וואָס אונדזער הײַנטיקער בעל־יובֿל איז איינער פֿון זײַנע מיזיניקעס, האָט אין זײַן גרעסטער מערהייט געוועגדעט זײַנע אויגן צון איינעם פֿונעם עלטערן דור, וועמענס נאָמען שמואל האַלקין ז״ל, איז מפֿורסם געוואָרן שפּעטער פֿון די נעמען האָפּשטיין מאַרקיש, קוויטקאָ, באַריק, פֿעפֿער א״אַ. מיט דער זיכערקייט, אַז דאָס ליד זײַנס וועט אַליין פֿאַר אים אַלצדינג אָפּטאָן, האָט ער זיך שטילערהייט באַזעצט אין די הערצער פֿון ייִנגערן דור דיכטער, וואָס האָט אים, האַלקינען, געהייבט און געקרוינט.

אַ גרויסער טייל פֿון די יונגע ייִדישע פּאָעטן, נאָענטע און ווײַטע האָבן בשעתו זיך געגומען גלײַכן אויף האַלקינען. נאָר דאָס איז אַ קאַפּיטל פֿאַר זיך, וואָס וועט נאָך פֿון עמעצן באַהאַנדלט ווערן. אונדז אינטערעסירט הײַנט קערלער, וועלכער האָט זיך אויף זײַן אופֿן געטוליעט צו האַלקינען, איבערנעמענדיק בײַ אים דעם דין־וחשבונדיקן טאָן, וואָס האָט אַזוי גוט צוגעטראָפֿן צו קערלערס כאַראַקטער. אָבער דאָס אָרט, וואָס בײַ האַלקינען פֿאַרנעמט די אָריגינעלע פֿאַנטאַסטיק, באַזונדערס אין זײַנע פּאָעמעס, ווערט בײַ קערלערן אויסגעפֿולט מיט איבערלעבונגען אויף דער אייגענער הויט און איבערלעבונגען, ווי באַוווּסט, ווערן געמאָסטן נישט לויט זייער אָריגינעלקייט, נאָר לויט זייער אויטענטישקייט. דער לירישער העלד פֿון קערלערס לידער איז מערסטנטייל קערלער אַליין. ער ווייסט גוט דעם טעם נישט נאָר פֿון "שטויב אויף די ליפּן" אָדער "אַ געזאַלצן העמד", נאָר אויך דעם בלוטיקן טעם פֿון שלאַכטן און פֿון וווּנדן אין די יאָרן פֿון דער פֿאָטערלענדישער מלחמה, אין וועלכער ער באַטייליקט זיך ווי אַ פּריװוּיליקער און באַוואָפֿנטער מיט מעכטיקער שׂנאה צו דער היטלערישער אויבער־חיה:

מײַן שׂנאה איז וואָגיק שווער.
זי וועגט
אַ בלוטנדיקע ערד,
וואָס ליגט פֿאַרגוואַלדיקט,
לעבצנדיק נקמה.
זי וועגט
אַ זעלנערישע טרער

בײַם בלוי־פֿאַרשטילטן ברודער־לײַב
אויף שליאַכן פֿון מלחמה.

נאָך דער מלחמה האָט דער מלחמה־אינוואַליד און יונגער פּאָעט יוסף קערלער דערפֿילט, אַז ער איז עלטער געוואָרן, עלטער געוואָרן אויף אַ גאַנצער וועלט־מלחמה. עס הייבט זיך אָן אַ פּעריאָד פֿון רײַפֿקייט און פֿון כאַפּן אַ קוק אויף צוריק צו די טאַטעס און זיידעס, פֿון כאַפּן אַ קוק צום טאַטנס ווײַנגאָרטן און פֿון צולייגן אַן אויער צום זיידנס בדחנות. זײַן פּאָעמע "מײַן זיידע יאָסעלע בדחן" איז אַ ביז גאָר טשיקאַווער וואַריאַנט פֿון אַ בדחן אין אונדזער ליטעראַטור.

די דאָזיקע פֿון איזי כאַריק ברייט אויסגענוצטע טעמע, וואָס קערלער הייבט זי אָן מיט אַ ווײַטן אָפּקלאַנג פֿון משה קולבאַקס נוסח (כאַריק און קולבאַק — ביידע ליטוואַקעס) באַקומט בײַ אים, דעם געבוירענעם אין אוקראַיִנישן הײַסן און אויסגעוואַקסענעם אויף די קרימער ייִדישע פֿעלדער ייִדישער פּאָעט, גאָר אַ נײַעם תּיקון. יאָסעלע בדחן פֿון דאַשעוו מיט זײַן ווויליינגעריש לשון, אַ לשון מיט אַ פֿאַרדרייטן אויף אַ זײַט דאַשיק, באַגעגנט זיך אויפֿן וועג מיטן פֿויער מיקיטע:

— עך, עך, טשעלאָוויטשע, בײַ אונדז איז דאָס זעלבע,
בײַ אונדז פֿאַלן ציגן, בײַ אײַך פֿאַלן קעלבער.
— אַ יאַק זשע פּרנסה? — פֿרעגט כיטרע מיקיטע.
— פּרנסה בעזנאָסע! דער קרופּניק איז שיטער...
— אַ שעפּסליאַ? מיט שעפּסלען ער שטעכט דיר די אויגן.
— דײַן פּריץ איז — פֿרעג איך — אַ שענערער פֿויגל?

איבערן קאָפּ פֿון אָט דער נישט נײַער טעמע און אָנגעווייעטן פֿון אַ זײַט נוסח רײַסט זיך באַלד אַרײַן מיט קראַפֿט דאָס עכט קערלערישע און מיר ווייסן שוין נישט ווער רעדט עס, דער זיידע צי דאָס אייניקל:

איך פֿליק מיר דאָס האַרץ אויף קאָליריקע בענדלעך,
איך וואַרף אינעם עולם ווי גילדענע רענדלעך
די פֿריילעכע גראַמען
אוי, מאַמעניו־מאַמע!

יאָסעלע בדחן דער זיידע, וואָס האָט אַליין צונויפֿגעשטעלט און אַליין געזאָגט זײַנע גראַמען, שפּאַנט אויס ווערסטן און זוכט אַ ייִדישע שׂמחה, יוסף קערלער, דאָס אייניקל, לערנט זיך פֿיר יאָר אין דער טעאַטער־סטודיע בײַם מאָסקווער "גאָסעט", באַקענט זיך נאָענט מיט שלמה מיכאָעלס ז״ל, פֿון וועלכן ער באַקומט טאָפּלטע סמיכה פֿון אַ דיכטער און אַן אַקטיאָר, אַן אַקטיאָר, וואָס הײַנט, שוין לאַנג נאָכן טעאַטער, זעצט ער פֿאָר צו שפּילן אין דער ראָל פֿון דיכטער, אַ דיכטער, ווי שוין געזאָגט, מיט איבערלעבונגען אויף דער אייגענער הויט.

יוסף קערלער האָט פֿאַרענדיקט די ייִדישע טעאַטער־סטודיע האַרט פֿאַר דער מלחמה, און נאָך עטלעכע יאָר "רעפּעטיציעס" אין פֿייַער פֿון די שלאַכטן, אין די אָקאָפּעס און אין אַנדערע ענלעכע "טעאַטער־זאַלן", איז ער אַרויף אויף די בינע־ברעטער פֿון מאָסקווער ייִדישן מלוכה־טעאַטער מיט אַ באַנד מלחמה־לידער. אין 1947 לאָזט ער זיך אין אַ וויַיטן וועג, באַגלייט אַן איבערוואַנדערטער־גרופּע קיין בירעבידזשאַן און פֿאַרבלייַבט אַ יאָר צייַט דאָרט און דרוקט דאָרט אָפּ אין אַלמאַנאַך "ביראָבידזשאַן" אַ גרעסערן ציקל לידער. אין 1956 טויכט ווידער אויף זייַן נאָמען מיט ייִדישע לידער אין וואַרשעווער "ייִדישע שריפֿטן" און "פֿאָלקס־שטימע". י. קערלער בלייַבט זיך געטרייַ און גייט זיך מיט זייַן גאַנג פֿון נישט קענען אַנדערש

> פֿון אייגן געביין
> און אין פֿינצטערניש וויסטער,
> מיר האָבן די אותיות אַליין אויסגעקנאָטן.
> (די ייִדישע אותיות פֿון פוילן)

איינצייַטיק מיטן דרוקן זייַנע לידער אויף ייִדיש ווערן זיי איבערזעצט אויף רוסיש, און אין 1957 גייט אַרויס אין פֿאַרלאַג "סאָוועטסקי פּיסאַטעל" זייַן רוסיש ביכל לידער "מייַן טאַטנס ווייַנגאָרטן". פֿון 1961 דרוקט ער ציקלען לידער און רעפּאָרטאַזשן אין "סאָוועטיש היימלאַנד". די וועלט פֿון זייַנע לידער שמעקט איצט מיט "קאָסמאָס און מיט ברויט":

> זי שמעקט ווי מיר געפֿעלט —
> מיט קינד און רינד, מיט קוואַל און ווינט,
> מיט וואַלד און מיט צעמענט,
> מיט פֿליגל־פֿאַך, מיט שטייַפֿע טריט
> און מיט געטרייַע הענט.

אין 1965 גייט אַרויס זייַן צווייט ביכל לידער ווידער אין רוסישער איבערזעצונג אין זעלבן פֿאַרלאַג "סאָוועטסקי פּיסאַטעל" מיטן נאָמען "איך וויל גוט זייַן". איצט בלייַבט אונדז צו וואַרטן אויף זייַן צווייט ייִדיש ביכל.

מיר איז קיין מאָל נישט אויסגעקומען צו זען קערלערן אויף דער בינע, נאָר קענענדיק גוט קערלערן איז מיר שווער זיך פֿאָרצושטעלן ווי אַזוי ער וואָלט געקאָנט נאָכן אָפּשפּילן למשל, די ראָל פֿון איינעם, וואָס ווערט אויף דער בינע דערשאָסן, זיך נאָך דעם, נאָכן פֿאָרהאַנג אויפֿהייבן און זיך פֿאַרנויגן פֿאַרן עולם און דערבייַ זיך נישט פֿילן שולדיק, אַז ער האָט דעם עולם מיט עפּעס אָפּגענאַרט, נישט אויף אַן אמת געשאָסן געוואָרן.

זאָגן, אַז דער אַקטיאָר קערלער איז אין גאַנצן אַראָפּ פֿון די בינע־ברעטער, זיך

דעמאָביליזירט, ווי מע זאָגט, קען מען אויך נישט. קערלער דער אַקטיאָר, האָט זיך צוגעשטעלט פֿאַר אַ געהילף צו קערלערן דעם פּאָעט בײַם שרײַבן ייִדישע קאָנצערט־טעקסטן. וועלכער זינגער אָדער וועלכע זינגערין עס זאָלן נישט זינגען קערלערס לידער, מעג אײַך דער קאָנפֿעראַנסיע נישט מעלדן פֿריער, ווײַמענס טעקסט עס ווערט געזונגען, וועט איר באַלד אַרויסהערן קערלערס דיכטערישע שטימע. יוסף קאָטליאַר, מאָטל סאַקציער און יוסף קערלער — דאָס זענען די מחברים פֿון די צום מערסטן געניצטע טעקסטן אויף אונדזערע ייִדישע קאָנצערטן.

מע דערציילט אין פֿאָלק וועגן איינעם אַ ייִד, וואָס איז געקומען צום רבֿ זיך קלאָגן אויף זײַן זון, אַז ער איז אַראָפּ פֿון דרך הישר, אַז טאָג ווי נאַכט זיצט ער און... לערנט תּורה. איך טו דאָך אויך דאָס אייגענע — טענהט דער רבֿ. — איר רבֿ, זאָגט אים דער ייִד, טוט עס צוליב פּרנסה און דער נאַר מײַנער מיינט עס ערנסט.

יוסף קערלער איז איינער פֿון די ל"ו נאַראָנים, וואָס מיינען עס ערנסט מיט ייִדישער ליטעראַטור, און נישט אַלע, וואָס וואָלטן אים געדאַרפֿט מקנא זײַן דערמיט, זענען אים מקנא. חכמים האָבן מיר, לײַדער, מער ווי ל"ו. וועגן קערלערס ערנסטע באַציִונג נישט נאָר צו אייגענע שאַפֿונגען, נאָר אויך צו די שאַפֿונגען פֿון זײַנע קאָלעגן זאָגן עדות זײַנע קריטישע אַרטיקלען. דער ערשטער, וואָס האָט וועגן שיקע דריז געזאָגט אַ וואָרט אין דער מאָס ווי אונדזער גאָר פֿײַנער פּאָעט האָט עס פֿאַרדינט, איז געווען י. קעלער. קערלער איז נישט פֿון די, וואָס גייען אין מאַרק אַרײַן געוויר צו ווערן די פּרײַזן, נאָר טראָגט זיי אַליין אַהין אַרויס און מיט וואָס פֿאַר אַן ערלעכער פּינקטלעכקייט. מיט וויפֿל ליבשאַפֿט שרײַבט ער וועגן יוסף קאָטליאַר און דערבײַ אָן אַ טראָפּן פֿון איבערטרײַבונג. וועגן דער גוט־באַקאַנטער דיכטערין רחל בוימוואָל האָט מען בײַ אונדז נישט ווייניק געשריבן, נאָר וואָס נאָך קליידט איר אַזוי ווי קערלערס "דער וווּנדער פֿון אַ גרויס געזאַנג". אויך זיאַמע טעלעסינס דיכטונג איז פֿון די מזלדיקע, צו וועמען קערלערס פּען האָט זיך צוגערירט מיט אַן אָפּשאַצונג, אַן אָפּשאַצונג מיט פֿאַרשטענדעניש און קענטעניש פֿון אָנגעזעענעם דיכטערס וועג אין דער סאָוועטיש־ייִדישער ליטעראַטור.

בײַם צורירן זיך צו יוסף קערלערס דיכטונג האָב איך מיר געוווּנטשן, סע זאָל זיך בײַ מיר מײַן וואָרט וועגן אים באַקומען, ווי סע באַקומט זיך בײַ אים, און אים דעם בעל־יובֿל, ווינטש איך צו זײַנע 50 יאָר געזונט און כּוח אויף זײַן ווײַטערדיקן שעפֿערישן וועג.

(מאיר כּאַראַץ, "פֿאָלקס־שטימע", וואַרשע, 6טער אַפּריל, 1968)

35 יאָר ליטעראַרישע טעטיקייט פֿונעם דיכטער יאָסל לערנער

דער עלטסטער פֿון אונדזער דור באַסאַראַבער ייִדישע דיכטער איז אויך געווען דער ערשער צווישן אונדז, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן צו דרוקן. דאָס איז געווען מיט 35 יאָר צוריק אין יאַנואַר 1929. אין די "טשערנאָוויצער בלעטער" האָט זיך צום ערשטן מאָל באַוויזן דער נאָמען יאָסל לערנער/בריטשאַן מיט אַ ליד "ברודער הונט".

טשערנאָוויץ, די הויפּטשטאָט פֿון בוקאָווינע איז אין פּעריאָד צווישן די צוויי וועלט־מלחמות געווען פֿאַר די ייִדישע שטעטלעך פֿון דער שכנותדיקער באַסאַראַביע די הויפּטשטאָט פֿון ייִדישער קולטור אין לאַנד. די ייִדישע קולטור האָט זיך געהאַט איר אייגענע געאָגראַפֿיע, איר אייגענע לאַנדקאַרטע אין דעמלטיקן רומעניע. טשערנאָוויץ איז געווען דער זאַמלפּלאַץ פֿאַרן עלטערן דור ייִדישע שרײַבערס מיטן עלטסטן אליעזר שטיינבאַרג און ייִנגסטן איציק מאַנגער. צו טשערנאָוויץ האָבן זיך געצויגן יונגע ייִדישע טרוימער מיט זייערע ערשטע העפֿטלעך. קיין טשערנאָוויץ צו די "טשערנאָוויצער בלעטער" האָט די פּאָסט געפֿירט לידער און דערציילונגען פֿון בריטשאַן און סעקוראַן, פֿון קאָפּרעשט און מאַרקולעשט, פֿון סאָראָקע און זגוריצע, פֿון בעלץ און קעשענעוו. אַהער האָבן געצויגן יונגע־לײַט פֿון די שטעט און שטעטלעך פֿון אַנדערע פּראָווינצן, פֿון סיגעט און אַראַד, פֿון יאַס און פּאָדולוי, פֿון די שטעטלעך פֿון דער בוקאָווינע גופֿא איז דאָך אָפּגערעדט.

דער רעדאַקטאָר פֿון די "טשערנאָוויצער בלעטער" שמואל אבא סופֿר ז"ל (ער איז אומגעקומען אין אַ לאַגער אין טראַנסניסטריע) איז געווען אַ מכניס אורח און אַ פֿרײַנד פֿון די "גרינע" פּאָעטן. באַזונדערס באַליבט איז בײַ אים געווען דער בריטשאַנער העברעיִשער לערער, דער דיכטער יאָסל לערנער.

אין די "טשערנאָוויצער בלעטער" האָט לערנער אָפּגעדרוקט די גרעסטע צאָל פֿון זײַנע לידער, וואָס זענען דערנאָך אַרײַן אין זײַן לידערבוך "דאָס געזאַנג פֿון דער הינטערגאַס", וואָס איז אין 1936 אַרויס אין בוקאַרעסט. אָט וואָס דער דיכטער הערץ ריווקין ז"ל (דאָס איז דער צווייטער און נישט דער לעצטער נאָמען אין אונדזער אַרטיקל, וואָס מיר דערמאָנען מיט אַ זכרונו לברכה. אַזאַ איז דער גורל פֿון אונדזערע אַרטיקלען), אָט וואָס ריווקין האָט דעמלט געשריבן וועגן י. לערנערן:

"יאָסל לערנער, אַ באמת טאַלאַנטירטער דיכטער מיט אַלע מעלות און חסרונות פֿון אַ יונגן, מיט אַ געזונטן פֿאָלקסטימלעכן חוש פֿאַר שפּראַך, בילד און ריטם, האָט מיט זײַן ערשטן קינסטלעריש־רײַפֿן לידערבוך טעמאַטיש אַוועק־געשפּרײַזט אויף די טרויעריקע אָפּגאַנג־סטעזשקעס פֿונעם אַלטן דור, ער האָט שוין

אָבער ווי אַן עבטער דיכטער אַליין דערפֿילט, אַז אין זײַן האַרץ ׳זינגט דער פֿרילינג ווי אַ ברומענדיקער קוואַל׳״ (״ליט. בל.״ נומ. 10, 669).

מיט אַלע מעלות און חסרונות פֿון אַ יונגן דיכטער איז אויך דאָס לידערבוך ״פֿון שכנישן דאָרף״ פֿון הערץ ריווקין גופֿא. מיט אַלע מעלות און חסרונות פֿון אַ יונגן דיכטער איז די פּאָעמע ״אויף באַסאַראַבער ערד״ פֿון לערנערס בן־עיר און ייִנגערן חבֿר יוסף טראַכטנבערג ז״ל. און ווען מע נעמט צונויף די באַזונדערע נעמען, וואָס זיי האָבן נישט אָפּגערעדטערהייט געגעבן זייערע ביכלעך באַקומט זיך דער נאָמען פֿון דער דעמלט יונגער ייִדישער באַסאַראַבער דיכטונג ״דאָס געזאַנג פֿון דער הינטערגאַס״ און ״פֿון שכנישן דאָרף״ ״אויף באַסאַראַבער ערד״. אַהער קאָן מען צורעכענען אַלץ, וואָס אַלע באַסאַראַבער יונגע ייִדישע דיכטער האָבן געשריבן אין יענע צײַטן.

ריווקין און טראַכטענבערג זענען — לערנערן צו לאַנגע לעבעדיקע יאָרן! — פֿרי פֿאַרשניטן געוואָרן און די גאַנצע לאַסט פֿון זייער און זײַן אָנגעהויבן ווערק איז געפֿאַלן אויף זײַנע, אויף לערנערס פּלייצעס און אויף אַנדערע מיט אים, וואָס זענען געבליבן ווייניק אין צאָל און ווערן אַלץ ווייניקער. נישט אַלע 35 יאָר האָט לערנער געדרוקט זײַנע שאַפֿונגען. סע זענען געווען שווערע צײַטן, צײַטן פֿון שווידערלעכע אויפֿטרייסלונגען און אין איינעם מיט זיי לאַנגיאָריקע איבעררײַסן פֿאַרן ייִדישן עפֿנטלעכן וואָרט, נאָר אַלע 35 יאָר האָט לערנער נישט אויפֿגעהערט צו שרײַבן. דיכטונג איז געוואָרן די לופֿט, מיט וועלכער י. לערנער אָטעמט פֿון זײַנע ערשטע שורות אָן, וועלכע ער האָט אָנגעשריבן ווער ווייסט מיט וויפֿל יאָרן צוריק איידער נאָך ער האָט אָפּגעדרוקט זײַן ערשט ליד.

ער איז נישט פֿון די, וואָס זונדערן זיך אָפּ מיט דער פּען אין האַנט און צווינגען אַ האַלבע שטאָט צו שווײַגן און נישט שטערן זיי צו... טראַכטן. ער שטעקט איטלעכן אָן מיט געזאַנג. אַרום אים ווערן אַלע זינגער און ער — זייער גראָטענער קאַפּעלמײַסטער מיטן כּישוף־שטעקעלע אין האַנט. ער זינגט פֿאָלקסלידער און לידער אייגענע, וואָס קלינגען ווי פֿאָלקסלידער סײַ ייִדישע:

פֿליט זיך, פֿליט, די גאָלדענע פּאַווע
איבער אַלע דעכער,
ברענגט אַ בריוו פֿון מײַן ליבסטן
אין איר ברייטן פֿעכער.

סײַ רומענישע:

פֿאָיע ווערדע — זון און בלומען.
ווען איליאַנאַ, זאָל איך קומען.
גרינער בוים און גרינע בלעטער
קומען פֿריִער, צי קומען שפּעטער.

סײַ אוקראַיִנישע:

מײַנעביידע פּאַרובאָקעס,
ביידע שיינע געזונטע יִינגען
קומען יעדע נאַכט צום פֿענצטער
און פֿאַרוועטן זיך מיט זינגען

ווי מענטשלעך גלײַך ס׳קלינגען די פֿאָלקס־מאָטיוון פֿון שכנותדיקע פֿעלקער, וואָס ווױנען אָפֿט נישט נאָר אין שכנותדיקע לענדער (אוקראַיִנע, רומעניע), נישט נאָר אין שכנותדיקע דערפֿער און שטעטלעך, נאָר אויך אין שכנותדיקע הײַזער. די שפּראַכן פֿאַרשטייען זיך ווי דעם שכנס מיידל מיט דער שכנהס יִינגל. ווי מענטשלעך איידל ס׳קלינגען די פֿאַרשידענע פֿאָלקס־מאָטיוון אין י. לערנערס געמיט און ליד. אומעטום, ווו לערנער האָט וווּ עס איז געשטעלט זײַן פֿוס איז ער געוואָרן דער ליבלינג. אַ באַוויַז דערצו, ער איז לאַנגע יאָרן געווען לערער אין שטעטל שטעפּאַנעשט און אָט וואָס אַ דאָרטיקער האָט דערציילט דעם מוזיקער און פֿאָלקלאָריסט עמיל סעקולעצן:

״בײַ אונדז אין שטעפּאַנעשט (אַ שטעטל נישט ווײַט פֿון באָטאָשאַן, שאָצער געגנט) איז געווען אַ העברעיִשער לערער יאָסל לערנער, וואָס האָט געקענט אַ סך יִדישע פֿאָלקסלידער און אַפֿילו ער אַליין פֿלעגט אויך מאַכן לידער, ער פֿלעגט אײַנאָרדענען מיט אונדז, מיט דער יוגנט, ספּעקטאַקלען און אינסצעניזירט לידער, מיט וועלכע דער שטעפּאַנעשטער עולם פֿלעגט זיך ממש מחיה זײַן״. עמיל סעקולעץ גיט צו: ״אַ סך פֿון די שטעפּאַנעשטער, מיט וועלכע איך האָב זיך באַקאַנט, פֿלעגן רעדן מיט גרויס דרך ארץ וועגן לערנערן אַלס לידער־שעפֿער, אַלס רעזשיסער און אַלס מענטש״. (עמיל סעקולעץ, ״יִדישע פֿאָלקס־לידער״, מוזיק־פֿאַרלאַג פֿון דעם קאָמפּאָזיטאָרן־פֿאַרבאַנד פֿון דער רומענישער פֿאָלקס־רעפּובליק, בוקאַרעסט, 1959).

י. לערנערס ליד צייכנט זיך אויס מיט אַן אומעטיקער האַרציקייט סײַ ווען ער זינגט צו זײַן ״ברודער הונט״, צו זײַן ״שוועסטער זונה״, סײַ ווען ער זינגט צו זײַן נאָענטער און געטרײַער אָדער גאָר צו זײַן אַלטן פֿרומען זיידן:

דײַנע שחריתדיקע תּפֿילות זיידע,
זענען ווי די זאַפֿטיקע קוואַסאָקן אין די וועלדער
נאָך פֿאַרטאָגעדיקן טוי.
נאָר צי דאַכט זיך מיר דאָס אויס, אַז עצבֿות ליגט אין זיי,
צי איז עס טאַקע אַזוי?

דײַנע מנחהדיקע תּפֿילות
זענען ווי די רחמים־פֿולע אויגן דײַנע

פֿײַכט און האַרציק ווייכע.
פֿאַר וואָס זשע איז דײַן קול אַדורכגעזאַפּט אַזוי
מיט תּשעה באָבֿ און איכה?
(דאָס געזאַנג פֿון דער הינטערגאַס)

אין זײַן ליד "מיר ווילן אַרבעט" הערט זיך נישט נאָר די שטים פֿון נויט, פֿון ברויט־לאָזיקייט, נאָר אויך דאָס קול פֿון נישט באַפֿרידיקטן דורשט נאָך אַרבעט:

ס'האָבן מאַזאָליעס געבליט אונדז
אויף די הענט ווי בלימלעך פֿון קאָרן,
זיי זענען פֿאַר צער פֿאַר גרויסן פֿאַרלאָשן געוואָרן!

אין זײַנע לידער וועגן חיות, בהמות און פֿייגל זענען זײַנע העלדן דאָס וואָס זיי זענען און נישט קיין אַלעגאָריעס, קיין משלים צו מענטשן. זײַן ליבשאַפֿט צו הינט און קעץ, צום הינקענדיקן בושל און אויסגעמאָגערטן פֿערד איז אַ טיף מענטשלעכע. ער איז אויף אַזוי פֿיל איבערצײַגעוודיק אַז ס'דאַכט זיך, אַז דעם פֿאַרבליבענעם, פֿאַרלאָזטן פֿויגל איז זיכער גרינגער געוואָרן פֿון יאָסל לערנערס ליד, אַז דאָס ליד איז פֿאַרן פֿויגל אַ טרייסט.

"צען גוטע ברידערלעך" — אַזוי הייסט דער ציקל מלחמה־ און פּאַרטיזאַנער־באַלאַדן און לידער, וואָס זענען טיילווײַז געדרוקט אין קיעווער זשורנאַל, "דער שטערן" 1948 און אין די וואַרשעווער "יִדישע שריפֿטן" 4.1958. וויפֿל אויסדרוק־מיטלען האָט דאָס יִדישע פֿאָלקסליד אָנגעזאַמלט פֿאַר די סאַמע שווערסטע צײַטן. סע האָבן אויפֿגעוואַכט אַלע ניואַנסן און אַלע פֿאָלקס־מאָטיוון פֿון אַרבעטער־לידער ביז רעליגיעזע און חסידישע ניגונים אויפֿן אַלאַרם פֿון דער גרויסער שלאַכט און אָפּגעהילכט דורך יאָסל לערנערן:

האָט יִשׂראלדיק בלאַנק געזאָגט אַזוי:
ס'איז שרעקלעך דער לעצטער וועג,
נאָר גייסטו שטאַרבן פֿאַר אַ גערעכטער זאַך,
טרעט אָפּ פֿון דיר די שרעק.

צווישן איין ליד און צווייטן האָט לערנער ליב צו דערציילן אַ מעשׂהלע. צי די לאַנגיאָריקע געזעלשאַפֿט פֿון קינדער, וועמענס לערער ער איז געווען, האָבן בײַ אים אַרויסגערופֿן די דאָזיקע באַדערפֿעניש, צי ווײַל די גרויסע זעען אויס אין זײַנע אויגן ווי קינדער, וואָס נייטיקן זיך אין אַ מעשׂהלע. סתּם טוט ער עס נישט. אָט דערציילט ער וועגן "צוויי ווינטן", וועגן "טײַכעלע און סטאַוו" און די חכמה פֿון די דאָזיקע מעשׂהלעך פֿאַרשאַפֿט גרויס נחת־רוח. אין זײַן בוך לידער "כעלעמער חכמים" (אָפּגעשלאָסן און פֿאַרטיק צום דרוק) באַווײַזט אונדז לערנער, אַז אויב אין

די כעלעמער מעשׂיות פֿעלט אים עפּעס אויס, קען ער אַליין ווערן אַ כעלעמער און עס דערגאַנצן. אין זײַן ליד "ביז סע הייבט אָן צו טאָגן" האָבן זיך צונויפֿגעטראָפֿן אַלע עלעמענטן פֿון י. לערנערס שאַפֿן, האַרציקע דערציילערישקייט, דינער ליריזם און פֿאַנטאַסטישע בילדערישקייט:

ס'האָט די נאַכט די רביצן
זיך אויסגעקליידט אין סאַמעט,
ס'איז דער מולד דאַר און קוואַר —
אַ דרדקער מלמד.

נעמט ער באַלד צונויף די שטערן
אלף־בית זיי ווײַזן.
זענען שטערנדלעך נאָך קליינע,
זאָגן זיי מיט גרײַזן.

אין נומער 1 "סאָוועטיש היימלאַנד" איז לערנער אַרײַן מיט אַ ליד "הער שוין אויף צו וויינען". דאָס דאָזיקע ליד האָט אַרויסגערופֿן אַ סך דיסקוסיעס. טייל האָבן באַשולדיקט דעם דיכטער, אַז ער רופֿט צו פֿאַרגעסן אונדזער גרויסן אומגליק. רופֿנדיק, מע זאָל אויפֿהערן צו וויינען, ווערט דערבײַ דאָס אומגליק אויף ס'נײַ געשילדערט ביז דערשיטערט צו ווערן. דאָס שטאַרקע פֿילן האָט באַזיגט דעם פֿאַרטראַכט און נישט אָן דעם ווילן, קלאָרן וויסן און זויבערן געוויסן פֿון דיכטער. לערנער האָט דאָ געוויזן זײַן איידל דיכטעריש געצײַג און אַז ער קען נישט נאָר פּירוש־המילות, נאָר אויך דעם פּירוש־הריטעם.

זײַן טענדענץ צו קאָנדענסירטקייט האָט אים דערפֿירט צו דער לירישער מיניאַטור —

דער ניסנבוים האָט אַלע ניס פֿאַרשפּילט,
איצט שטייט ער אַ צעשויבערטער
מיט אַ גאָלדענער קרוין אויפֿן קאָפּ
און שמייכלט אַראָפּ צו די קינדער.
("ייִדישע קולטור", ניו־יאָרק, 1963)

אין מײַנע אויגן זעט עס אויס שיעור ווי אַן אויטאָפּאָרטרעט. איך זאָג שיעור, ווײַל אויב דער ניסנבוים האָט אַלע זײַנע ניס פֿאַרשפּילט, האָט נאָך לערנער אַלע זײַנע לידער נישט אויסגעזונגען און וויפֿל ער וועט לעבן — לאַנג לעבן זאָל ער! — וועט ער זינגען.

("ייִדישע שריפֿטן" נומער 2, וואַרשע, פֿעברואַר 1964, זײַט 4)

צום דערשײַנען פֿון לידערבוך "צעשאָטענע קרעלן" פֿון רבֿקה באַסמאַן

— — אַז אַ מענטש טרינקט אויס אַ לידשאַפֿט־עליקסיר — — און טרייסט זיך מיט אַ טרייסט־קאַליר — — און הערט זיך צו ווי דער ווינט באַרויִקט אומרויִקע צווײַגן — — און ביימער הערן אויף צו שווײַגן — —. דאָס זענען באַזונדערע שורות פֿון פֿאַרשידענע לידער פֿון דער דיכטערין רבֿקה באַסמאַן, וואָס איך האָב דאָ עטלעכע פֿון זיי אויפֿגעסיליעט פֿון אירע "צעשאָטענע קרעלן" כּדי אַרויסצוברענגען פֿאַר אײַך די מאָטיוואַציע פֿון איר דיכטן.

"צעשאָטענע קרעלן" איז דאָס פֿערטע לידערבוך רבֿקה באַסמאַנס און, דאַכט זיך, אויך דאָס רײַפֿסטע. דאַכט זיך. אָט זיץ איך איבערן לידערבוך אירן און אַז איך קום איבער אַזעלכע שורות ווי: "בלומען פֿאַרביקע / צעפּוסנס פֿון געמעלן, / בלומען שטאַרביקע / אַנטקעגן / אַקוואַרעלן. שיינקייט איבער שיינקייט, / פֿאַרבן קושן פֿאַרבן. — / די געמעלן דויערן / און די בלומען / שטאַרבן". אַז איך קום, זאָג איך, איבער אַזעלכע שורות, בין איך אַנטציקט פֿון דער גאַנצקייט, פֿון דער אָפּגערונדטקייט. עס איז דאָך אַ שלימותדיקער לעבעדיקער אָרגאַניזם ממש, ווען אַפֿילו די דיכטערין האָט אָט די שורות אַוועקגעשטעלט אונטער אַן אלף ווי אַן ערשטע טייל פֿון אַ ליד פֿון פֿינעף פּרקים א. ב. ג. ד. ה. זי וועט עס מיר, האָף איך, מוחל זײַן. אַ מענטש, וואָס ווייסט פֿון פֿאַרבן און קאָלירן, פֿון געמעלן און אַקוואַרעלן, ווייסט אויך וואָס סע הייסט אַ רעמל. דאָס רעמל אין וועלכן כ'האָב אײַנגערעמלט די אויבן ציטירטע טייל פֿון איר ליד. זאָגט זי דאָך אַליין ערגעץ ווו: "אַ בוך / און אַ גוטע שורה / און דאָס איז גענוג. / בעסער / ווי בעסטער ווײַן / אין אַ קרוג". באַטש אויף אַן אַנדער אָרט ווידער זאָגט זי: "ווי שווער / איז אײַנראַמען / אַ שמייכל / און אַ ניגון". וועט זי מיר, האָף איך, מוחל זײַן אַלע מײַנע רעמלעך אַרום אירע לידער על דעת עצמי. איינס זאָג איך צו — ווי שטרענג איך זאָל נישט רעמלען וועל איך די באַזונדערע רעמלעך באַזונדער נישט האַלטן, נאָר נאָענט און אין איינעם און אויף איין וואַנט.

איינס פֿון די שענסטע לידער אין בוך איז, לויט מײַן מיינונג, די אָדע צו די גרויע קאָלירן. דאָס וואָרט אָדע איז דאָ מײַנס. בײַ איר הייסט דאָס ליד פּשוט "גרויע קאָלירן", וועלכע זענען לויט דער דיכטערין שרעקלעך שיין נישט זייער שיין און נישט שטאַרק שיין, נאָר שרעקלעך שיין און דאָס איז מער פֿון זייער און שטאַרקער פֿון שטאַרק. "מיט גרוי, זאָגט זי, ווערט אַיעדער קאָליר שענער, / קאָלירפֿולער ווערט אַ פֿלעק, / אין גרוי קען ווערן אַ ווייטיק קלענער / און שטילער די שרעק". כ'האָב זיך, דאַכט זיך, נישט טועה געווען, ווען כ'האָב שוין בײַם אָנהייב גערעדט וועגן רײַפֿקייט: "אין לידער, זאָגט די דיכטערין, בלעטערן מיר צײַטן".

ווי קורץ אירע לידער זאָלן נישט זײַן, צו מאָל געציילטע שורות, זענען זיי אין זייער פֿאַרנעם, קאָן מען אָן אַ גוזמא זאָגן, קאָסמישע — "אויך אין משפּחות לעבן

שטערן / מיט אײניקלעך אַ סך / און האַלטן זיך אין מערן, מערן / ביז ענג זײ װערט די נאַכט". צי איז רבֿקה באַסמאַן אַ מאָדערנע דיכטערין צי אַן אַלטמאָדישע, װי ס'איז הײַנט די מאָדע צו פֿרעגן. איך װיל דאָ פֿאַרלױפֿן דעם װעג די פֿרעגערס מיט אַן ענטפֿער, װאָס איך געפֿין אים טאַקע װידער אין אירס אַ ליד: "מע דאַרף אַ מאָל באַנײַען אַלטע װעגן / און אָפּטרײסלען די גרױקײטן פֿון האָר / מע מעג אַ מאָל בײַ קײנעם גאָרניט פֿרעגן / און אָנקלאַפּן אין טיר פֿון פֿאַראַיאָר".

פּוסטע װײַנגלעזער, זאָגט זי, "ניכטערן זיך אױס פֿון זכרונות". װעלן מיר זײ אָנפֿילן די גלעזער מיט דער דיכטונג פֿון רבֿקה באַסמאַן און זיך לאָזן פֿאַרשיכּורן מיט אַ גוטער שיכּרות.

װעגן אַלכּסנדר שפּיגלבלאַטס לידערביכל "װאָלקנבערעמען"

שױן דער נאָמען פֿון אַלכּסנדר שפּיגלבלאַטס קלײנער לידערזאַמלונג "װאָלקנבערעמען" װײַזט אױף אַן אײגענער דיכטערישער שיטה, אױף אַן אײגענער פּריזמע פֿון זען.

אין דער ייִדישער ליטעראַטור איז דער דיכטער שפּיגלבלאַט אײנער פֿון די יונגע, אײנער פֿון די װײניק יונגע. אַכט און פֿערציק האַרבסטן אַלט פֿון װעלכע אַלע "שעהען רעגענען אױף זײַן לײַב" און ער געדענקט זײ, די רעגנדיקע שעהען, סײַ אױסנװײניק און סײַ, װי ער דריקט זיך אױף זײַן אופֿן אױס, אינעװײניק און:

צװישן אױס־און־אינעװײניק
האָט אַן אָדערל געפּלאַצט,
װאָס דאַרף פֿאַרגעסן.

דאָס אָדערל אָבער, װאָס דאַרף פּלאַצן, פּלאַצט נישט און שפּילט װײַטער דאָס מאָל אױפֿן זכרון־קלאַװיר:

מײדלישער אַרבל־געװױטער
אױף בראָנדזענער הױט.
אַ רמז פֿון זיגמונד פֿרױד
בײַטשט מיט גאָלדענע ריטער.

דער פּחד איז אַלט װי דאָס לעבן אױף דער װעלט און קײן דיכטער דאַרף אים נישט אױסבאָרגן בײַם צװײטן. יעדער האָט זיך זײַן אײַנגעבױרענע שרעק. ער לאָזט

העבסטנס פֿון אַנדערע זיך דערמאָנען אין איר. שפּיגלבלאַטן ברענגט די פֿינצטערניש דעם "ריח פֿון שרעק / געזאַלצן מיט קינדערשע טרערן".

ווי פֿאַר דער מוזיק איז די ראָם אויך פֿאַר דער דיכטונג דער שטח פֿון צײַט, אין וועלכער סע פֿליסן ווי ריטמען נישט נאָר די שעהען, וואָס רעגענען, אויך "שעהען פֿאַרברענטע", "שעהען צעשאָטענע", "איבערגעדרייטע שעהען", בשעת דעם זייגערס:

אַ דינע ספּרוזשינע, אַ שטאָלענע בלאָע
ציט דאָרט אַרויס דעם מאַרך פֿון די שעהען.

און צווישן די שעהען — אַ שטילע רגע און אַז שפּיגלבלאַט שעלט שטאַמלט ער אַ קללה און וויל ער תּפֿילה טאָן, קומט די תּפֿילה פֿאַרוואַנדלען זיך אין טרערן.

אַ באַזונדער אָרט פֿאַרנעמט די פֿלאַך, דאָס בלאַט פֿונעם שפּיגל מיט אַלע זײַנע טיפֿקייטן אין די בילדער פֿון דער דיכטונג פֿון שפּיגלבלאַטן. דאָס ערשטע ליד מיט וועלכן ער עפֿנט זײַן לידערזאַמלונג הייסט "אויפֿן שפּיגל פֿון מײַן אויג" און דער בוים אויפֿן ראָג ערגעץ ווײַטער מיט עטלעכע זײַטלעך איז בײַ אים אַ גרינער פּאָרטרעט:

אַ גרינער פּאָרטערט אין אַ זילבערנער רעם,
אין שפּיגל ווערט ליכטיק און קאַלט.

און וועגן זײַן אייגענעם פּאָרטרעט זאָגט ער:

פֿרעמדע פּאַסטעכער האָבן געפֿונען
אויפֿן וואַסערשפּיגל מײַן פּאָרטרעט,
האָבן זיי פֿאַרשטאָפּט דעם ברונעם
מיט מדברדיקער שׂנאה.

איז אָבער דאָס בלײַענדיקע לעבן שטאַרקער פֿון דער מדברדיקער שׂנאה און:

די זאַמדזייגערס ווײַזן,
אַז דער וואַסערשפּיגל דעבעט.

שפּיגלבלאַט ציט זיך מיט אַלע רמ"ח אבֿרים צו עבטקייט און צוימט זײַן ליד, סע זאָל נישט אַריבערשפּרינגען דעם גדר פֿון זײַן געמיט, נאָר אַז ער באַגעגנט אַ מיידל אַ רײַטערין:

טרײַב איך מײַן פֿעדער אַרויף און אַראָפּ
אין ריטעם פֿון איר פֿאַרשײַטן גאַלאָפּ

דאָס מיידל איז ווײַס, דאָס פֿערדל איז בלאָ,
נישטאָ אַזאַ פֿערדל, זאָגסטו, נישטאָ?

מײַן פֿעדער ווייס בעסער, זי בלוטיקט דאָך בלאָ
און אַלץ וואָס זי בלוטיקט אַרויס איז דאָ.

וועגן יאָסל לערנערס נײַ ביכל "לידער און מעשׂהלעך מיט אַ גוטן מיין"

ווען איך גיי רעדן וועגן יאָסל לערנערס נײַ בוך "לידער און מעשׂהלעך מיט אַ גוטן מיין", האָב איך מורא פֿאַר צוויי זאַכן. ערשטנס — מיט לערנערן זענען מיר באַפֿרײַנדעט, גאָר נאָענט באַפֿרײַנדעט זינט יאָרצענדליקער, לאַנגע יאָרן געלעבט אין איין שטאָט, זיך טעגלעך באַגעגנט איין מאָל און אַ מאָל אויך צוויי מאָל אין טאָג. געשמועסט, געפֿירט ויכּוחים, איינער דעם צווייטן נײַע לידער געלייענט, איינער וועגן צווייטן געשריבן, איינער דעם צווייטן געלויבט און דערפֿאַר האָב איך איצט שטאַרק מורא, אַז איך וועל דאַרפֿן זיך ביז גאָר אָנשטרענגען כּדי צו זײַן אָביעקטיוו ווי סע פֿאָדערט זיך בײַם באַהאַנדלען אַ בוך. די צווייטע מורא מײַנע איז, אַז דאָס וועט מיר געלונגען און פֿון צו פֿיל אָביעקטיוויקייט זאָל איך גאָר פֿאַרקוקן, נישט דערזען עפּעס פֿון דער שיינקייט פֿון לערנערס ליד.

איך עפֿן דעם פֿענצטער, טרײַב אַרויס ביידע מוראס און בײַם "אָפֿענעם פֿענצטער" אַזאַ איז דער נאָמען פֿון יאָסל לערנערס אַ פֿריערדיק לידערבוך, זעץ איך זיך לייענען זײַן איצטיק בוך "לידער און מעשׂהלעך מיט אַ גוטן מיין" און דאָ ווידער נאָך איין קורצע אויפֿקלערונג. אין ישׂראל לעבן מיר, איך און לערנער, אין פֿאַרשידענע שטעט. ער — אין קרית אונו און איך אין ירושלים, אַזוי אַז חוץ די עטלעכע לידער, וועלכע זענען געווען געדרוקט דאָ און דאָרט אין פֿאַרשידענע פּעריאָדישע אויסגאַבעס, זענען אַלע לידער פֿאַר מיר נײַע. נײַע און נישט נײַע, ווײַל ס'איז דער זעלבער יאָסל לערנער און דער זעלבער נוסח זײַנער: "מײַן גאָט, / לאָז רעדן מיך צו מענטשן מיט לידער, / מיט מעשׂהלעך / און ווערטלעך". און כאָטש ער רעדט אַזוי — מיט לידער מיט מעשׂהלעך און מיט ווערטלעך פֿון זײַן פֿריסטער יוגנט אָן, פֿון זײַן סאַמע ערשטן טראָט אין דער ייִדישער ליטעראַטור, ווייסט ער, אַז מע דאַרף יעדן טאָג מתפּלל זײַן, בעטן אויף ס'נײַ, ווייסט ער, אַז זײַן יעדעס ליד איז אַן אויסגעבעטענס בײַ גאָט. קיין טענות, חלילה, צום לעבן האָט ער נישט "ס'איז דאָס לעבן, זאָגט ער, אַ מאָל גוט, אַ מאָל שלעכט, נאָר שטענדיק גערעכט". כאַראַקטעריסטיש פֿאַר לערנערס לידער זענען די נעמען זייערע, עבֿט לערנערישע: סע זינגט דאָס האַרץ, דײַן טרער, קדיש, לייג צו דײַן אויער, אַ גאָטס רחמנות אויף די פֿייגעלעך, טרער און פֿרייד, כ'האָב אַרויסגעטראָגן מײַנע לידער, די נעמען רעדן

וועגן מהות פֿון די לידער. פֿאַראַן אין בוך אַ גאַנץ ציקל שפּאָגל נײַע ליבע־לידער. פֿאַראַן אַ ציקל מיטן נאָמען וואַרף אַרויס דעם שטיין און אין ציקל אַ ליד מיטן זעלבן נאָמען, וואָס הייבט זיך אָן מיט די זעלבע ווערטער: ״וואַרף אַרויס דעם שטיין פֿון דײַן בוזעם / און זײַ צו מיר גוט און געדולדיק, / מאַך נישט קיין טונקעלע רמזים,/ אַפֿילו ווען איך בין שולדיק״. און אַ ציקל ״לידער וועגן אַרום״ — דער אַלטער מאַנטל, די גאַסלאַמטערנס, דאָס אַלטע בעט, דער ווינט, די ביימער בעטן אויס, די לבֿנה גנבֿעט זיך אַרײַן, די נאַכט קערט זיך איבער, דאָס געזאַנג פֿון דער לבֿנה, דער בושל, דער בוידעם, די פֿעדער, דאָס געזאַנג פֿון אַראָפּגעפֿאַלענע שטערן. אַלץ לידער בגוף שלישי, אין דער דריטער פּערזאָן און אחרון־אחרון דער לעצטער ציקל פֿון די לידער — דרײַ כעלעמער מעשׂיות. נאָך דרײַ פּערל אין דער קרוין פֿון לערנערס כעלעמער פּינקס. צום סוף פֿון בוך קומען די מעשׂהלעך מיטן גוטן מיין און די עבֿט לערנערישע ווערטלעך. דאָס ווײַסע פּײַער, דאָס אַנרוויכיקע, דאָס פֿײַער פֿון זײַן אָנגעזאַמלטער חכמה, ווי למשל: — ווער האָט אים אַזוי ביטער צעשלאָגן? — דאָס האָט ער געוואָלט פֿאַנאַנדערשיידן אַ געשלעג. אָדער: ווּהין לויפֿט ער אַזוי? וואָס איז די אײַלעניש? — ערגעץ וואַרט שוין אויף אים אַ צרה.

ברוך מרדכי ערליך / ״כעלעמער דערציילונגען״

(פֿאַרלאַג מיכאל, תל־אָבֿיבֿ, 1977)

וועלכע ייִדישן ייִדן זענען ניט באַקאַנט די מעשׂיות וועגן הערשל אָסטראָפּאָליער און וועגן די כעלעמער חכמים. אין די ערשטע ווערט געשילדערט די געשטאַלט פֿון רבינס נאַר, וואָס איז קלוגער פֿונעם רבין און לײַטישער פֿון זײַנע חסידים, דער פֿריילעכער קבצן, וואָס טוט אָפּ אַלעמען שפּיצלעך און בלײַבט נעבעטיקן אין דרויסן און אין די צווייטע ווערט געשילדערט דאָס תּמימותדיקע פּנים פֿון אַ ייִדיש שטעטל, וואָס קוקט צו דער גרויסער וועלט אַרויף און זי, די וועלט, קוקט דערויף אַראָפּ און לאַכט עס אויס און זי הייבט ניט אָן צו פֿילן, ווי זאָגט ערגעץ שלום עליכם:

אַז זי לאַכט פֿון זיך אַליין.

אויף אויסצובויען די כעלעמער מעשׂיות האָבן כּמעט אַלע שטעט און שטעטלעך פֿון פּוילן און פֿון גאַנץ מזרח־אייראָפּע צוגעשיקט ציגל, צוגעשטעלט געשטאַלטן און פּאַסירונגען איינע כּלומרשט קאָמישער פֿון דער צווייטער. אין דער כעלעמער מעשׂה האָט זיך כּמעט יעדער שטעטל אויסגעלאָדן און באַפֿרײַט פֿון די אייגענע נאַראָנים. שרײַבער און פּאָעטן פֿון דער גאַנצער ייִדישער וועלט האָבן אויסגענוצט אָט דעם פֿאָלקלאָריסטישן מאַטעריאַל — דער פּוילישער אַלטער

קאַציזנע, דער בוקאָווינער איציק מאַנגער, די יונגע פֿון אַמעריקע מאַני לייב און י. גלאַטשטיין, דער סאָוועטיש־ייִדישער דיכטער לייב קוויטקאָ און שפּעטער שיקע דריז און צענדליקער אַנדערע זענען ניט פֿאַרבײַגעגאַנגען כּעלעם אָן צו פֿלאַנצן אַ בוים, אַ ניגון, אַ ליד אָדער צווי אָדער דרײַ וועגן כּעלעם.

דורך כּעלעם האָב איך געקוקט און דערזען מײַן מאַרקולעשט און אויף אַלע, אַלע ייִדישע שטעטלעך און עס אַרויסגעבראַכט אין מײַן ליד "ווי שפּיגלען צעשטעלט אויף דער וועלט" און שפּעטער אין ליד "לויטן זכּרון" —

ווי שפּיגלען צעשטעלט אויף דער וועלט
אויף אָפּשפּיגלען כּעלעם פֿון ווײַטן
אַזוי זענען שטעטלעך צעשטעלט
געשטאַנען אַמאָליקע צײַטן
אויף אָפּשפּיגלען כּעלעם פֿון ווײַטן.

דער בריטשאַנער יאָסל לערנער האָט געפֿלאַנצט אַ גאַנצן כּעלעמער וואַלד, אָנשרײַבנדיק זײַן כּעלעמיאַדע "פֿון כּעלעמער פּינקס" און לויט זײַן מוסטער האָט דאָס זעלבע געטאָן דער קעשענעווער חיים זעלצער.

ניט הערשל פֿון אָסטראָפּאָליע און אַוודאי ניט דאָס פּוילישע ייִדישע שטעטל כּעלעם זענען ניט קיין אויסגעטראַכטע, אַלץ איינס צי די מעשׂיות וועגן זיי זענען אויסגעטראַכטע אָדער איבערגעטראָגענע. כ'האָב קיין מאָל קיין אָסטראָפּאָליער ניט באַגעגנט און ווען איך באַגעגן יאָ אַזעלכן, וואָלט ער גאָרניט געוווסט צו דערציילן וועגן אַ קאָנקרעטן הערשלען. יענער דור איז שוין לאַנג ניטאָ. עפּעס אַנדערש איז מיט כּעלעם. מײַן פֿאָטער האָט געדינט פֿאָניען אין כּעלעם. כּעלעמער טרעפֿט איר עד היום סײַ אין ניו יאָרק און סײַ אין תּל־אָבֿיבֿ און אַפֿילו אין י. ל. פּרץ־פֿאַרלאַג און אַז אַ כּעלעמער ייִד קומט נאָך אַלע כּעלעמער מעשׂיות אַרויס מיט כּעלעמער דערציילונגען און טאַקע פֿונעם קאָנקרעטן כּעלעם איז עס אַ געוואַגטער אויפֿטו פֿון אַ גאָר באַזונדערן ווערט און אַז אין אָט די דערציילונגען טרעפֿט מען יענע געבענטשטע קערנדלעך פֿון וועלכע די פֿאָלקס־פֿאַנטאַזיע האָט אַרויס־באַקומען דאָס שענסטע גערעטעניש פֿונעם ייִדישן פֿאָלקלאָר, איז דער אויפֿטו דאָפּלט גרויס און אַז מיר טרעפֿן דאָרט דעם דינעם שמייכל מיט וועלכן די כּעלעמער האָבן רעאַגירט אויף דער וועלטס כּעלעמער מעשׂיות, זאָגן מיר דעם מחבר פֿון די דערציילונגען ברוך מרדכי ערליך, יישר־כּוח.

אין כּעלעם אַז אַ קינד זאָגט מודה אני און אויפֿן אָרט פֿון בחמלה רבה זאָגט ער בחלמה רבה, איז עס אָרטיקער כּעלעמער פֿאָלקלאָר, וואָס שפּרייט זײַן ליכט איבערן כּלל ייִדישן פֿאָלקלאָר. און אַז דאָס עלטערע ברידערל שטראָפֿט דעם דרײַ־יאָריקן מודה־אני־זאָגער און גיט אים ניט דערפֿאַר דעם פֿרישטיק, וואָס די מוטער האָט איבערגעלאָזט אויף נאָך מודה־אני רעאַגירט דערויף די צוריקגעקומענע מוטער און שטראָפֿט דעם שטראָפֿער מיט אַ גוטן שמייכל: כּעלעמער נאַרעלע,

בחמלה רבה צי בחלמה רבה איז אַלץ איינס די טײַטש מיט גרויס דערבאַ־רעמדיקייט. און ווי ווײַט איז פֿון בחלמה ביז כּעלעם?

דער מחבר האָט מיט זײַנע כּעלעמער דערציילונגען געוואַגט און געטראָפֿן.

וועגן חיים מאַלטינסקיס "דער מאָסקווער משפּט איבער די בירעבידזשאַנער"

איך ווייס נישט וואָס פֿאַר אַ לידער דער דיכטער חיים מאַלטינסקי וואָלט נאָך געווען געדרוקט אין "סאָוועטיש היימלאַנד", ווען אים געלינגט נישט, חלילה, צו קומען פֿון מינסק קיין אור יהודה. איך ווייס, אַז פֿאַר די 20 יאָר, זינט דער זשורנאַל דערשײַנט אין מאָסקווע, האָט מער ווי אַ העלפֿט, כּמעט פֿערטל פֿון אָט דער צײַט, מאַלטינסקי געדרוקט דאָרט זײַנע שאַפֿונגען רעגולער. אָבער אין ביבליאָגראַפֿישן אָנצײַגער "20 יאָר סאָוועטיש היימלאַנד" וועט איר זײַן נאָמען נישט טרעפֿן. איר טרעפֿט דאָרט דעם נאָמען ברעזשניעוו און איר טרעפֿט נישט דעם נאָמען כּרושטשאָוו, כּאָטש ביידע האָבן זיך געלאָזט איבערזעצן אין אַלע שפּראַכן פֿון די פֿעלקער פֿון ראַטן־פֿאַרבאַנד און זיך דרוקן אין זייערע זשורנאַלן. איר טרעפֿט דאָרט דעם נאָמען פֿון דוד בראָמבערג און איר טרעפֿט נישט דעם נאָמען פֿון רחל בוימוואָל. איר טרעפֿט דעם נאָמען פֿון דבֿורה כּאַראַל און נישט דעם נאָמען פֿון מאיר חרץ. איר טרעפֿט דעם נאָמען פֿון מאַקס ריאַנט און נישט דעם נאָמען פֿון שלמה רויטמאַן. איר טרעפֿט די נעמען שוחט, שוסטער און איר טרעפֿט נישט דעם נאָמען פֿון עליע שעכטמאַן, איר טרעפֿט די נעמען מיכעלסאָן, מינצעס, מינקין, נאָר נישט חיים מאַלטינסקי, כּאָטש אַלע סײַ די דערמאַנטע, סײַ די נישט דערמאַנטע אין דעם אָנצײַגער האָבן זיך אין זשורנאַל געדרוקט און מע איז שוין צו אַזעלכע געוווינט, אַז מע נעמט עס שוין אָן פֿאַר אַ זעלבסט־פֿאַרשטענדלעכקייט. זיי מעגן טאָן אַלצדינג, וואָס נאָר זיי ווילט זיך. עס קומט אויס, אַז אַלץ וואָס אַנדערע טאָרן נישט, מעגן זיי און "טוט אונדז עפּעס, מיר זענען די שטאַרקסטע מיליטער־מאַכט אין דער וועלט".

איך ווייס נישט, ווי געזאָגט, וועלכע לידער מאַלטינסקי וואָלט נאָך געדרוקט. איינס ווייס איך, אַז זײַנע לידער סײַ דאָרט געדרוקטע סײַ דאָ געדרוקטע זענען עכט מאַלטינסקישע, וואָס ער און נאָר ער שרײַבט אַזעלכע און ס'איז גוט זיי צו לייענען. האָבן דאָך אַלע־אַלע שרײַבערס עולים פֿון ראַטן־פֿאַרבאַנד אין איינעם מיט זייערע שאַפֿונגען געדרוקט דאָ אויך אַרײַנגענומען אין זייערער ביכער דאָ כּמעט אַלץ, וואָס געדרוקט דאָרטן. פֿאַר די געציילטע עטלעכע יאָר זינט מאַלטינסקי איז אין לאַנד, האָט ער שוין באַוויזן אַרויסצוגעבן פֿיר לידערביכער און לעצטנס איז דערשינען דאָס פֿינפֿטע, דאָס מאָל אין פּראָזע. דער נאָמען פֿון בוך — "דער

מאַסקווער משפּט איבער די בירעבידזשאַנער״, אין וועלכן דער מחבר דערציילט וועגן זײַנע איבערלעבענישן אין בירעבידזשאַן ביזן אַרעסט, בשעתן אַרעסט, די ווילדע באַשולדיקונגען, די אַכזריותדיקע אויספֿאָרשונגען, דער סאַדיזם פֿון די אויספֿאָרשערס מיטן סערפּ און האַמער אויפֿן היטל. די יאָרן אין לאַגער, דער באַראַק פֿאַר אינוואַלידן, דער סאַדיזם פֿון די שוטרים, די אַרבעטס־זאָנע. לייענענדיק דאָס בוך, וועט זיך נישט איינער פֿרעגן: רבונו־של־עולם, צוליב דעם האָט מען צעבראָכן די לעבנס פֿון אומשולדיקע מענטשן מיט פֿאַרדינסטן פֿאַר דער מדינה, צעבראָכן זייערע משפּחות, פֿאַרשפּיגן די לעבנס פֿון מלחמה־אינוואַלידן און זיי צונויפֿגעפּירט מיט דײַטשע און נישט־דײַטשישע מלחמה־פֿאַרברעכער כּדי זיי זאָלן אין איינעם בײַ איין טיש אויסגלײַכן פֿאַרזשאַווערטע צוויעקעס פֿאַר דער סאָציאַליסטישער ווירטשאַפֿט? לייענט דאָס בוך, וועט איר זיך דערוויסן, אַז אין סאָוועטישן לאַגער איז אויסגלײַכן צוויעקעס אויך קאַטאָרגע און אַפֿילו שיילן קאַרטאָפֿליעס אין דער קיך פֿון אַ סאָוועטישן לאַגער פֿאַר אַרעסטאַנטן איז קאַטאָרגע. נאָך סטאַלינס טויט האָט מען אָנגעהויבן באַפֿרײַען די א. ג. פּאָליטישע פֿאַרברעכער, זיי אומגעקערט די אָרדענס, אויפֿגעשטעלט אין פּאַרטיי. מיט איין וואָרט אומגעקערט זיי אַלע רעכט, נאָר וויל עמעצער דערציילן זײַנע איבער־לעבענישן, זיי באַשרײַבן, ווי מאַלטינסקי האָט איצטער געטאָן, קאָן ער עס דאָרטן נישט טאָן.

שוין צוליב דעם אַליין האָט זיך אים געלוינט אַהער צו קומען. אַ יישר־כּוח פֿאַרן גוטן בוך.

וועגן חיים מאַלטינסקיס פּראָזע־בוך ״אין זיבן זונען״

איך דערמאָן זיך אין מײַנע חטאת־נעורים. איך האָב אַ מאָל מײַנס אַ באַקאַנט מיידל חושד געווען, אַז אירע זשעסטן, אירע תּנועות און אַפֿילו די אויסדרוקן אויף איר פּנים זענען געמאַכטע, קינסטלעכע, אײַנגעלערנטע און גוט צוגעגרייטע קעגן שפּיגל און אַז גאָרנישט איז אין איר אמתדיק און עכט. ערשט מיט יאָרן־יאָרן שפּעטער, ווען איך האָב באַגעגנט אירן אַ ברודער אין בראַזיל און געזען בײַ אים די זעלבע זשעסטן, די זעלבע תּנועות און אַפֿילו די זעלבע אויסדרוקן אויף זײַן פּנים ווי אויף זײַן שוועסטערס, האָב איך זיך איבערצײַגט אַז זיי זענען בײַ איר געווען עכט און אמתדיק און אַז איך האָב געהאַט אַ גרויסן און זינדיקן טעות. וואָס זשע, וועט איר מיך פֿרעגן, האָט דאָס אַ שײַכות צו חיים מאַלטינסקיס פּראָזע, וועגן וועלכע איך גיי איצט שרײַבן? עס האָט.

איך געדענק שוין נישט, צי האָב איך אַ מאָל ערגעץ געלייענט אָדער פֿון עמעצן געהערט, צי אַליין געקומען צום אויספֿיר, אַז — ווילסטו וויסן צי דער און דער פּאָעט איז אין זײַן פּאָעזיע עכט, אמתדיק — לייען זײַן פּראָזע. נישטאָ, דאַכט

זיך, קיין גרעסערער שבֿח פֿאַר חיים נחמן ביאַליקס באַרימט ייִדיש ליד ״מײַן גאָרטן״, וואָס, טראָץ די ריטמען און די גראַמען, לייענט עס זיך ווי שלום עליכמס אַ מאָנאָלאָג.

איך האָב שוין וועגן חיים מאַלטינסקיס דיכטונג און וועגן זײַנס אַ פּראָזע־בוך ״דער מאָסקווער משפּט איבער די בירעבידזשאַנער״ געריידט און געשריבן און איצט נאָכן איבערלייענען זײַן צווייט פּראָזע־בוך ״אין זיבן זונען״ האָב איך ערשט רעכט באַמערקט די זעלבע זעלבסט־איראָניע און דעם זעלבן ביטערן שמייכל, דעם זעלבן חן און די זעלבע וווילייַנגערישקייט, וואָס אין זײַן ליד. אַגבֿ, אין גאַנג פֿון דערציילן ציטירט מאַלטינסקי אייניקע זײַנע לידער, וועל איך דאָך נישט גיין זיי איבערציטירן פֿאַר אײַך. איך וויל נאָר אונטערשטרײַכן, אַז אויך דער נאָמען פֿון איצטיקן פּראָזע־בוך איז פֿון אַ שורה פֿון זײַנס אַ ציטירט ליד.

געבוירן איז מאַלטינסקי אין 1910 און אויסגעוואָקסן אין ווײַסרוסלאַנד. אין עלטער פֿון זיבן יאָר, אין 1917 צו זײַן ווערן אַ שול־תּלמיד, צו זײַן, אַזוי צו זאָגן, ערשטן לערניאָר איז געקומען די סאָוועטסקי וולאַסט און אים געגעבן אַ סאָוועטיש־ייִדישע ״פּראָגרעסיווע״ דערציִונג, ער איז געווען אין קאָמסאָמאָל, דערנאָך אין פּאַרטיי. געקעמפֿט אין די רייען פֿון דער רויטער אַרמיי קעגן נאַצי־דײַטשלאַנד, זיך באַטייליקט אין די שלאַכטן פֿאַר באַפֿרײַען סטאַלינגראַד, דערגאַנגען ביז בערלין, האַרט פֿאַרן סוף פֿון דער מלחמה שווער פֿאַרוווּנדעט געוואָרן, נאָך דער מלחמה געפֿאָרן ווי אַ ייִדישער שרײַבער קיין בירעבידזשאַן, וואָס די סאָוועטן האָבן בשעתו געהאַט פּראָקלאַמירט פֿאַר אַ ייִדישער אויטאָנאָמער געגנט און ווי אַ ייִדשער שרײַבער געוואָרן רעפּרעסירט און אַרעסטירט טראָץ זײַנע אויס־צייכענונגען אין דער מלחמה און טראָץ זײַן שווערער אינוואַלידשאַפֿט. זײַנע איבערלעבונגען בעתן פּראָצעס און זײַנע יאָרן אין לאַגער זענען באַשריבן אין זײַן אויבן דערמאַנטן ערשטן פּראָזע־בוך מאַלטינסקיס ״דער מאָסקווער פּראָצעס איבער די בירעבידזשאַנער״. דאָס איצטיקע בוך איז מער אַרומנעמיק, דער שרײַבטיש, אויף וועלכן ס'איז געשריבן געוואָרן, שטייט בײַ אַן אָפֿן פֿענצטער אין אַ געדונגען צימער בײַם כּנרת אין טבֿריה און פֿון אָט דעם פֿענצטער הייבט זיך אָן דאָס בוך. דאָ צעעפֿנט מאַלטינסקי פֿרײַ זײַן שאַכטל מיט זכרונות און איבערלעבונגען פֿון זײַנע פֿריסטע קינדער־יאָרן אָן, וועלכע ציִען זיך פֿאַר אונדזערע אויגן ווי אַ שפּאַנונגס־פֿילם. לייענענדיק דאָס בוך, זעט מען, ווי אַזוי די סאָוועטן־מאַכט מיט איר זעלבסט־געלויבטער נאַציאָנאַלער פּאָליטיק האָט אים געבראַכט מאַלטינסקין ביז ישׂראל. צו ערשט זענען געפֿאָרן די קינדער דערנאָך איז ער נאָכגעפֿאָרן און אַז מע לעבט דערלעבט מען — פֿיר לידערביכער און צוויי ביכער אין פּראָזע. דאָס הײַנטיקע בוך איז עס דאָס צווייטע.

וועגן פּאַריזער ייִדישן שרײַבער יחזקאל קאָרנהענדלער צום דערשײַנען פֿון זײַן ביכל דערציילונגען "דרײַ איבערלעבונגען"

יחזקאל קאָרנהענדלער איז שוין זינט יאָרצענדליקער אַ באַקאַנטע פֿיגור אין דער ייִדישער ליטעראַטור און אין דער ייִדישער געזעלשאַפֿטלעכקייט. אַ שרײַבער, אַ פֿאָרשער, אַ געזעלשאַפֿטלעכער טוער און אַ קענער פֿון פּאַריז, אַ פּאַריזאָלאָג, אויב מע קען זיך אַזוי אויסדריקן, איינער אין דער וועלט. מיט קאַרגע 50 יאָר צוריק נאָך, אין 1936, האָט ער אַרויסגעגעבן אַ בוך וועגן אַלט פּאַריז און אין 1948 אַ פֿאַרגרעסערטע אויסגאַבע פֿון זעלבן בוך.

נאָך פֿריִער פֿון 1936. אין יאָר 1934 האָט ער אָפּגעדרוקט אַ בוך "נאַפּאָלעאָנס בריוו צו מאַריע לוויזע" און אין 1958 אַ בוך וועגן דער גרויסער בינע־קינסטלערין ראַשעל – איר קונסט, איר לעבן, איר ייִדישקייט. אין 1965 – אַ בוך "פּאַריזער היסטאָרישע קוריאָזן". אין יאָר 1970 – "ייִדן אין פּאַריז", ערשטער בוך, און דאָ נישט לאַנג, פֿאַריאָרן – "ייִדן אין פּאַריז", צווייט בוך.

סוף 1974 גייט אַרויס זײַן ביכל דערציילונגען "פֿון דער און יענער וועלט" און איך דערמאָן זיך מיט וואָס פֿאַר אַ געשפּאַנטקייט איך האָב דאָס ביכל געלייענט. דרײַ פֿאַנטאַסטישע דערציילונגען פֿון דער און פֿון יענער וועלט, וואָס אַלע זיבן הימלען וועלן נישט קלעקן פֿאַר די בילדער וואָס ער צעוויקלט דאָרט מיט אַ שווונג און מיט אַ שנעלקייט, וואָס פֿאַרכאַפּט דעם אָטעם. איך זאָג דרײַ, ווייל די פֿערטע און לעצטע דערציילונג אין ביכל איז ווי אַ צוגעשטעלטע צו די ערשטע דרײַ, ווי איך רוף זיי אָן, פֿאַנטאַסטישע דערציילונגען. די דערציילונג הייסט "לייב". וועגן אונדזער ליבן און טײַערן לייב ראָכמאַן ז"ל.

וועגן לייב ראָכמאַן דעם שרײַבער און לייב ראָכמאַן דעם זעלטענעם מענטש האָט מען שוין נישט ווייניק געשריבן. אָבער לייב ראָכמאַן ווי אַ העלד פֿון אַ גרעסערער דערציילונג האָט פּרעכטיק באַוויזן אַרויסצוברענגען יחזקאל קאָרנ־הענדלער.

ווען איך לייען אַצינד קאָרנהענדלערס אָקערשט דערשינען ביכל "דרײַ איבערלעבונגען", די ערשטע איבערלעבונג – אַ קניפּ אין בעקל פֿון נחום סאָקאָלאָוו, וואָס ער, קאָרנהענדלער, האָט באַקומען, ווען ער איז נאָך געווען אַ ייִנגל פֿון אַ יאָר 12–13. די צווייטע און דריטע איבעלעבונגען פֿון די מלחמה־יאָרן אין פֿראַנקרײַך. ווען איך לייען אַצינד אָט די דרײַ איבעלעבונגען נעם איך אַרויס דאָס פֿריִערדיקע ביכעלע און לייען נאָך אַ מאָל איבער ווי אַ פֿערטע איבערלעבונג קאָרנהענדלערס דערציילונג "לייב".

זײַן חוש פֿאַר אַלץ, וואָס איז טשיקאַווע און זײַן נייגונג צו פֿאַרשאַפֿן גײַסטיקן פֿאַרגעניגן זײַנע לייענער, וואָס ער סערווירט מיט פּאַריזער עלעגאַנץ גיבן אים די מעגלעכקייט, אַז צו וואָס ער זאָל זיך נישט צורירן – היסטאָרישע קוריאָזן,

פֿאַנטאַסטישע מעשׂיות אָדער רעאַלע איבעלעבונגען, אַלץ, וואָס גייט אַרויס פֿון זײַנע הענט איז גערױטן און באַטעמט.

בײַ דער געלעגנהייט ווילן מיר באַגריסן דעם פּאַריזער יידישן שרײַבער יחזקאל קאָרנהענדלער צו זײַן אַכציקסטן געבוירן־טאָג מיט אַ פֿאַרשפּעטיקונג פֿון דרײַ יאָר און צו זײַן 90סטן געבוירן־טאָג זאָלן מיר אים ווידער באַגריסן מיט אַ פֿאַר־שפּעטיקונג פֿון עטלעכע יאָר. אַבי געזונט.

וועגן דיכטער מאָטל סאַקציער

צווישן די, וועלכע זענען באַקאַנט מיט דער דיכטונג פֿון מאָטל סאַקציער און מיט דער סבֿיבֿה, אין וועלכער זי איז אויפֿגעקומען און זיך אַנטוויקלט, איז אָנגענומען, אַז ער איז אונטערן שטאַרקן אײַנפֿלוס פֿון זײַן עלטערן חבֿר יעקבֿ שטערנבערג ז״ל, אַז ער איז ממש זײַנער אַ דירעקטער תּלמיד. דער אמת, אָבער איז, אַז סאַקציער איז טאַקע אַ גרויסער חסיד פֿון שטערנבערגס דיכטונג און בכלל פֿון דער פּערזענלעכקייט שטערנבערגס אָבער פֿון זײַן אַן אָנהענגער, אַ חסיר, ביז אײַנפֿלוס איז זייער און זייער אַ ווײַטער מהלך. שטערנבערג און סאַקציער — צוויי פֿאַרשידענע נאַטורן. דער ערשטער איז אַמביציעז מיט ריזיקאַלישע פֿאַרמעסטן פֿון אַ געוואַגטן מאָדערניזם אויף די סאַמע העכסטע טענער, וואָס נישט אַלע האָבן אָנגענומען און דערפֿאַר איז ער געווען אַזוי פּאָלעמיש קריגעריש. זײַענדיק אײנצײַטיק אַ באַקאַנטער טעאַטראַל־נאָוואַטאָר זענען די פּייסאַזשן פֿון זײַן ליד אָנגעלאָדן מיט דראַמאַטישער האַנדלונג. זײַנע בערג דרייען זיך ווי אויף אַ דריי־בינע און פּאַזירן. דער הינטערגרונט — ווי דעקאָראַציעס באַלויכטענע פֿון רעפֿלעקטאָרן און באַגלייטע פֿון אַן אָרקעסטער פֿון שטאַרקע בלאָז־אינסטרומענטן.

בײַ סאַקציערן איז דער נאַטירלעכער טאָן אַ שטילער מיט געמיט און מיט אַן אויג פֿאַר אַ דינעם שטריך, מיט אַן אויער פֿאַר אַ פּליסטער פֿון אַן אונטערטאָן און ער קאָן אַנדערש נישט, אַפֿילו ער זאָל עס וועלן. איך זאָג זײַן נאַטירלעכער טאָן, ווײַל אין איינעם פֿון זײַנע ערשטע לידער האָט סאַקציער, אָנבלאָזנדיק זײַנע באַקן מיט קינסטלעכער עמאָציע, געפּרוּווט זיך צושטעלן ווי אַ פֿאַרבינדעטער צו שטערנבערגס פּאָלעמישע מלחמות און געשריבן: ״מיך אַרט נישט, טאָמער וועט אַ ליידאַק גראָבן, פּערוועז / פּסלען, מישפּטן מײַן יונג פּערז״. קיינער האָט נישט גראָבן און נישט, חלילה, פּערוועז נישט געפּסלט און נישט פֿאַרמישפּט זײַן יונגן פּערז און דער ליידאַק, קענען וועמען דער יונגער סאַקציער איז דעמלט אַרויס, איז נישט מער ווי אַן אויסגעטראַכטע ווינטמיל געווען.

ווער וועט עס וואַגן, איך בעט אײַך, צו פּסלען אַזעלכע שיינע, שטילע האַרציקע שורות, למשל, פֿון זײַנס אַ ליד פֿון דער זעלבער דעמלטיקער צײַט: ״אין

שטילן רויש פֿון שקראַבענדיקן שוך / וואָס נעמט אַרום די זעל מיט קילנדיקע רייפֿן / כ'האָב זי דערקאָנט די זקנה / וואָס פֿלעג מיט אַ געהיימען שפּרוך / אויף אירע קני די דאַרע מיך אַנטשלייפֿן. // כ'האָב זי דערקאָנט אין דומפּיקן גערוך פֿון אירע זיבן צענדליק — זיבן ווײַסע לאַסטן — / אײַנגעניוורעט אין וואָלענעם, זיך טרעפֿקענדיקן טוך / פֿון כּלהווײַז אַ זכר, / מיט הייליקייט געהיט אין אַלטוואַרג־קאַסטן. // זי האָט זיך צוגעזעצט אין ווינקל שטילערהייט, / דאָס פּנים געל ווי ספֿרים פֿון בלעטערן זייער פֿיל, פֿון מישן / אין פֿײַכטע שיפֿלאָדנס פֿאַרלייגטע, טערפּקע ווי די האַרבע רייד, / וואָס זי דורך לעצטן צאָן מיט קריוודע האָט געקרישלט".

כּמעט אַלע, וועלכע האָבן געשריבן וועגן מאָטל סאַקציערס דיכטונג — סײַ יעקבֿ שטערנבערג, סײַ שלמה ביקל, סײַ משה אַלטמאַן און סײַ לייזער פּאָדריאַטשיק — האָבן די זעלבע גוטע ווערטער אין זייערע אָפּשאַצונגען וועגן סאַקציערס פֿײַנעם לשון און געשליפֿענעם פּערז. "מײַנע לידער, זאָגט ערגעץ סאַקציער, דורכגעזיפּט דורך זיבן זיפּן, / ביז אַרויפֿגעבראַכט זיי אויף די ליפּן". אַפֿילו אין זײַנע מלחמה־מאָטיוון איז ער דער זעלבער שטילער זינגער ווי אין זײַנע ליבע־לידער, וועלכע האָבן, ביזן גיין זיצן אין סאָוועטישן לאַגער, פֿאַרנומען דעם אויבנאָן אין זײַן דיכטונג. פֿון נאָכן לאַגער אָן, ריכטיקער, זינט זײַן קומען קיין ישׂראל, האָבן זיך פֿאַר אונדז אַנטפּלעקט זײַנע לאַגער־לידער, וועלכע האָבן ערשט דאָ געקענט דערזען די ליכטיקע שײַן און זיי טאַקע שפּילן שוין בײַ אים דעם ערשטן פֿידל, כאָטש אויך אין לאַגער האָט דער דיכטער געשריבן ליבע־לידער צו דער, וואָס ער האָט נאָך איר געבענקט און וואָס האָט אויף אים געוואַרט, איז גיי זוך זיך אָפּ. אין איינעם אַזאַ ליד שילדערט ער, ווי זי איז שטיין געבליבן נאָך דעם, ווי מ'האָט אים צוגענומען פֿון איר: "מיט הענט פֿאַרבראָכענע צום הימל. // אַזוי אָ שטייט אַ פֿישער־פֿרוי בײַם ברעג / פֿאַרגליווערט, ווי פֿון שטיין, / אין אַלטן שאַליק, / און צוגעשמאָלצן איז צום ים איר בליק, / ווען דער שטורעם רעוועט רציחהדיק, פֿילבאַליק, / און מע זעט די פֿישער נישט צוריק".

דאַנקען גאָט, איר פֿישער איז דאָ צוריק אוןביידע זענען זיי בײַ אַן אַנדער ברעג, אַן אייגענעם.

צום דערשײַנען פֿון חיים זעלצערס פֿינפֿטן לידערבוך "זיבן פֿון איין שיף"

כ'האָב עס שוין געזאָגט אין מײַנעם אַ פֿריִערדיקן שמועס וועגן חיים זעלצערן. ער איז אין די דרײַסיקער יאָרן געווען דער אַרויסגעבער און דער אַדרעס פֿון דעם איין־נומערדיקן "אָנזאָג", אין קעשענעוו. דער אַדרעס און דער אַרויסגעבער, נאָר נישט קיין מיטאַרבעטער. אין די סאָוועטישע צײַטן האָט ער ווען און ווען

אָפּגעדרוקט אַ רוסיש ליד און האַרט פֿאַר זײַן עולה זײַן פֿון טשערנאָוויץ קיין ישׂראל דעביוטירט מיט יידישע לידער אין דער וואַרשעווער "פֿאָלקס־שטימע".

דאָ אין ישׂראל האָט ער זיך מיט אַ מאָל באַוויזן ווי אַ רײַפֿער פּאָעט און אַ דערפֿאַרענער אין אַלע קנייטשן פֿון דער יידישער דיכטונג, כאָטש ביבליאָגראַפֿיש איז זעלצער אַ יידישער דיכטער פֿון די 70ער יאָרן. פֿאַראַן שרײַבערס פֿון זעלצערס דור, וועלכע האָבן נאָך מיט צענדליקער יאָרן צוריק צעשטעלט די בענקלעך, די זיצפּלעצער אין היכל פֿון דער יידישער ליטעראַטור, זיך אײַנגעטיילט, אַזוי צו זאָגן, מיט דער אייביקייט, זיך אַרײַנגעזעצט אין די נומערירטע ווייכע טיפֿע פֿאָטעלן אויבן אָן און פֿון דעמלט אָן זענען זיי נישט גרייט פֿון דאָרט זיך צו רירן, ווי זאָגט כוסני מובאַראַק, אַפֿילו נישט אויף קיין סאַנטימעטער און אויב סע קומט אַ מאָל אויס זיך אַ רוק צו טאָן, שוין אָפּגערעדט פֿון איבערזעצן זיך, פֿון צעשטערן דעם סטאַטוס קוואָ, די נומעראַציע, שטעלט מען זיך מיט אַלע כּוחות אַקעגן, כאָטש העלפֿן העלפֿט עס זיי נישט.

די באַוועגונג פֿון די בענקלעך, בילדעריש גערעדט, האָט ביז הײַנט נישט אויפֿגעהערט און אָט האָט אויך זעלצער צוגעשטעלט זײַן בענקל און צעשטערט אַזוי צו זאָגן די נומעראַציע, דעם סטאַטוס קוואָ. אייגנטלעך איז קיין סטאַטוס קוואָ, קיין איין מאָל פֿאַר אַלע מאָל אײַנגעשטעלט בילד אין קיין שום לעבעדיקער ליטעראַטור נישט פֿאַראַן און אויך נישט אין דער יידישער טראָץ דער הײַנטיקער מערכה פֿון יידיש. מיר דערמאָנט זיך דאָס באַקאַנטע יידישע פֿאָלקסליד "ווו ביסטו געוועזן, ווען דאָס געלט איז געווען, ווען דאָס לעבן איז געווען צוקערזיס, הײַנט ביסטו דאָ ווען דאָס געלט איז נישטאָ" א.אַ.וו. אויך זעלצערן ווילט זיך פֿרעגן: ווו ביסטו געווען ווען אַ לייענער איז געווען, כאָטש דאָס לעבן נישט געווען איז אײַ־אײַ־אײַ, הײַנט ביסטו דאָ ווען קיין לייענער איז נישטאָ. אויב בײַ דער הײַנטיקער מערכה פֿון יידיש איז דער מעמד פֿון יידישן שרײַבער אַ געפֿאַלענער, זענען די פּרויען פֿון אָט די שרײַבערס ממש קרבנות. חיים זעלצער האָט מיר איין מאָל דערציילט ווי זײַן פֿרוי עליה־השלום האָט אַ מאָל גענומען אין האַנט אַרײַן זײַנע ביז דעמלט דערשינענע דרײַ לידערביכער און אויסגערעכנט: אָט דער ערשטער באַנד דאָס איז אונדזער סאַלאָן מעבל און אָט דער צווייטער באַנד איז אונדזער שלאָפֿצימער — צוויי בעטן, צוויי טומבאַטשקעס און אַ קליידערשאַנק מיט אַ שפּיגל. און אָט דער דריטער באַנד לידער מײַן מאַנס, איז אונדזער פּינת אוכל און זײַן ביכערשאַנק אין זײַן אַרבעטס־צימער. אין גיכן, האָט זי געזאָגט, דערשײַנט אין ישׂראל־בוך אונדזער מאָדערנע קיך מיט אַ קאָך־און־באַק־אויוון, מיטן קילקאַסטן א.אַ.וו. דעם פֿינפֿטן לידערבאַנד, וואָס איז אָקערשט דערשינען "זיבן פֿון איין שיף" האָט זי שוין לײַדער נישט דערלעבט צו זען און איר ליכטיקן אָנדענק איז דער בוך געווידמעט און אין אָט דער ווידמונג ברענגט חיים טאַקע אַרויס איר, זײַן פֿייגעס, קול צו אים: "האָב נישט קיין פֿאַראיבל — דאָס האָט מיר געפֿעלט! — / זאָגן כ׳זאָל דיר עדות אַזש פֿון יענער וועלט, / עצות זאָל איך געבן: וואָס און ווער און ווען, / וואָס די צונג זאָל רעדן, שווײַגן זאָל די פּען. / נאָר געדענק די זאַמלונג, וואָס דו גרייטסט צום דרוק, /

(נישט דערוואַרט זיך) כּאָטשבי מיט איין אויג אַ קוק, / פֿון דער זײַט, פֿון דאָרטן, ווי עס זעט נאָר אויס. / ווײַטער — גאָרנישט. סײַדן אויף מײַן שטיין אַ רויז". מיט די פֿערציק לידער און באַלאַדעס פֿון זײַן איצטיק פֿינפֿט לידערבוך "זיבן פֿון איין שיף", וואָס איז ווי אַ מין סך הכּל־בוך פֿון זײַנע ביז איצט דערשינענע ביכער האָט חיים זעלצער סוף־סוף באַקומען קבֿיעות אין דער ייִדישער ליטעראַטור.

וועגן אַבֿרהם רייזין דעם דיכטער

ווען מע רעדט וועגן אַבֿרהם רייזין דעם פּאָעט, הערן מיר אָפֿט — דער באַליבטער פּאָעט, אָדער אַבֿרהם רייזין איז איינער פֿון די פּאָפּולערסטע ייִדישע פּאָעטן. אים אָנרופֿן גרויסער ווי איך מיין, אַז ער איז עס, האָט מען עפּעס מורא אַ ביסעלע, מע היט זיך, מע רעכנט באַלד אויס אַ לאַנגע־לאַנגע רשימה מיט נעמען פֿון גרויסע און נאָך גרעסערע ייִדישע דיכטער, וועלכע האָבן אויפֿגעהויבן די ייִדישע דיכטונג צו די סאַמע העכסטע הייכן. איך מיין אָבער, אַז אין טרעפּן־הויז, אין חדר המדרגות פֿון אונדזער גרויסער דיכטונג פֿאַרמאָגט דער דיכטער אַבֿרהם רייזין איינער אַליין אַ גאַנצע טרעפּ. אַ ברייטע און גרויסע טרעפּ און ס'איז אין גאַנצן נישט וויכטיק, צי די טרעפּ איז אין מיטן פֿון דער לייטער, צי אויבן אין דער הייך צי נאָך העכער. אָפֿט טרעפֿט, אַז מע גרייט צו די העכסטע הייכן, נאָר ס'איז נישטאָ, ווו אַ פֿוס אַװעקצושטעלן, ווײַל סע פֿעלט אַן אייגן טרעפּל, אַ טרעפּל, וואָס מע האָט אַליין זיך אויסגעבויט. זאָל אײַך נישט פֿאָרקומען קאָמיש, ווען איך זאָג, אַז די לידער פֿון אַבֿרהם רייזין, איידער ער, רייזין, האָט זיי אָנגעשריבן, זענען זיי נישט געווען.

צי קענט איר זיך פֿאָרשטעלן, אַז ס'איז געווען אַ צײַט, ווען ס'איז נישט געווען אַזאַ ליד ווי, למשל "מאי־קאָ משמע־לן" און נישט "הוליעט, הוליעט, בייזע ווינטן" און נישט דאָס ליד "קירכן־גלאָקן", נישט דאָס ליד "די וואַנט" און נישט דאָס ליד "צום העמערל" און נישט דאָס ליד "אַ געזינד זאַלבע אַכט" און נישט אַנדערע צענדליקער אַנדערע באַרימטע ייִדישע לידער, געווען אַזאַ צײַט ווען די לידער זענען נישט געווען און אַבֿרהם רייזין האָט זיי אַלע געמוזט אָנשרײַבן, כּדי זיי זאָלן זײַן און אַז ער האָט זיי אָנגעשריבן, מיינט מען, אַז זיי זענען פֿון אייביק אָן געווען. איר קענט אַלע די מעשׂה מיט קאָלומבוסעס איי. קיינער האָט עס נישט געקענט אַוועקשטעלן סע זאָל שטיין, ווי קאָלומבוס האָט געבעטן און ווען ער אַליין האָט עס געטאָן, אָנקלאַפּנדיק דאָס איי אַ ביסעלע אונטן, האָבן זיך אַלע געכאַפּט, אַז זיי קענען אויך. נאָך קאָלומבוסן האָבן אַלע געקענט. נאָך רייזינען זענען אַלע גרויסע און נאָך גרעסערע פּאָעטן. אַגבֿ, דאָס ערשטע ליד, וואָס איך האָב אָנגעטראָפֿן, ווען איך האָב אין די צוואָנציקער יאָרן אָנגעהויבן צו לייענען ייִדיש, איז געווען פֿון אַבֿרהם רייזין. כ'האָב עס געטראָפֿן אין דער כרעסטאָמאַטיע פֿון חיים לעקער, וואָס

דער טשערנאָוויצער ייִדישער שולפֿאַראיין האָט אַרויסגעגעבן און הייסן הייסט דאָס ליד "משה" — "איר אַרבעט פֿון פֿרי, / איר אַרבעט ביז שפּעט / בײַ ציגל און ליים. / איר גראָבט און איר קנעט / און בויט פֿאַר פּרעהן / פּאַלאַצן און שטעט". אין דאַזיקן ליד האָבן זיך צונויפֿגעטראָפֿן, ווי אין די מערסטע לידער רייזינס, סײַ דער נאַציאָנאַלער, סײַ דער סאָציאַלער מאָמענט.

אין די דרײַסיקער יאָרן, געדענק איך, דאַכט זיך אין 1935 אין טשערנאָוויץ האָט מיר אַ יונגער ייִדישער דיכטער אַ זאָג געטאָן וועגן רייזינען — אַ קליינ־בירגערלעכער, אָפּגעשטאַנענער און פֿאַרגעסענער דיכטער. אָפּגעזאָגט און ערגעץ פֿאַרשוווּנדן. מער האָב איך אים נישט געזען און פֿון אים נישט געהערט. הײַנט געדענק איך נישט אַפֿילו זײַן נאָמען און דאָס איז געשען עטלעכע יאָר פֿאַר דער שואה. אַנדערע זענען געווען צו רייזינען מילדער. מע האָט אים געטאָן אַ טובֿה און מע האָט אים אָנערקענט פֿאַר אַ סאָציאַלן דיכטער נאָר מיט אַן אָבער. אַ סאָציאַלער דיכטער האָבן זיי געטענהט אָבער נישט קיין רעוואָלוציאָנערער דיכטער. וואָס ס'איז געוואָרן פֿון אונדזערע רעוואָלוציאָנערע דיכטער ווייסט איר אַלע. געבליבן איז דאָס לויטערע סאָציאַלע ליד פֿון אַבֿרהם רייזין —

אַ געזינד זאַלבע אַכט
און בעטן נאָר צוויי
און קומט אָן די נאַכט,
ווו שלאָפֿן דאַן זיי?

דרײַ מיטן טאַטן
און דרײַ מיט דער מאַמען,
הענטלעך און פֿיסלעך
געפּלאָכטן צוזאַמען.

ציטירן קאָן מען אָן אַ סוף. לידער וועגן קנעכטשאַפֿט ווי דאָס ליד משה, לידער וועגן אָרעמקייט, נויט און ענגשאַפֿט און נאָך די אַלע לידער פֿאַרבײַסן און טאַקע ווידער מיט אַבֿרהם רייזינס אַ סטראָפֿע:

אין דער ענגער וווינונג
ווו די מידע זיצן
זאָל אַ ליד באַלוינען,
זאָל אַ ליד באַשיצן.

אויף אייגענע יאָרן

ווען טאָלסטאָיען זאָגט מען, אַז ער האָט זײַן קרוינווערק "מלחמה און שלום" איבערגעשריבן 8 מאָל. אַן אַנדער קוועלע זאָגט, אַז 12 מאָל. איך ווייס נישט וויפֿל מאָל דער ייִדישער שרײַבער עליע שעכטמאַן האָט איבערגעשריבן זײַן אויטאָ־ביאָגראַפֿיש ווערק "רינגען אויף דער נשמה" (פֿאַרלאַג "ישׂראל־בוך", ת״א 1981, 439 זײַטן) און וויפֿל מאָל ער האָט איבערגעשריבן דאָס זיבנזײַטיקע קאַפּיטל ה פֿון צווייטן בוך אין דאָזיקן באַנד, מיטן חלום אין דאָזיקן קאַפּיטל פֿון אַריבער אַ זײַטל, נאָר אין ענדגילטיקן וואַריאַנט, וואָס איז געדרוקט אין בוך, האָט זיך דער חלום — אַ דיאַלאָג מיטן מלאך־המוות, באַקומען אַט אַזוי. איך ציטיר פֿון בוך:

"— — — און דאָ דערהערט ער ווי יענער עמעצער, וואָס האַלט אים מיט די קאַלטע ביינערדיקע פֿינגער פֿאַרן גאָרגל, זאָגט צו אים, צו אלישען בן מאיר (אַזוי רופֿט זיך עליע שעכטמאַן אין זײַן אויטאָביאָגראַפֿיש ווערק. מ.ח.), אויפֿן אויער:

— די יאָרן וואָס זײַנען דיר געגעבן געוואָרן פֿאַר דײַן ערדיש לעבן, ענדיקן זיך שוין. דיר זײַנען פֿאַרבליבן געציילטע רגעס.

— דאָס פֿיל איך אַליין אָן דײַן בשׂורה.

— און דײַן תּפֿילה צום באַשאַפֿער פֿון דער וועלט האָט שוין פֿאַרשפּעטיקט.

— איז צוליב וואָס דײַנע רייד? וואַרג מיך אָן רחמנות!

— אָבער דײַן שרײַענדיקער צער פֿאַר ניט אויספֿילן דײַן שליחות, פֿאַרן ניט דערבויען דײַן בנין, האָט מיך גערירט.

— איז נעם אַראָפּ דײַנע פֿינגער פֿון מײַן האַלדז.

— אַט דאָס האָב איך טאַקע געוואָלט דיר פֿאָרשלאָגן!

— ווער ביסטו?

— דו ווייסט דען ניט? איך בין דער מלאך־המוות.

— איז דען אין דײַן רשות צו לאָזן מיך לעבן?

— ניין, יאָרן דעם מענטשן גיט נאָר ער אַליין, דער באַשאַפֿער פֿון דער וועלט.

— ווילסט פֿאַר אים ווערן מײַן מליץ־יושר?

— ניין. דער מלאך־המוות קאָן קיין מליץ־יושר ניט ווערן.

— פֿון וואַנען זשע קאָנסטו פֿאַר מיר נעמען לעבן?

— איך האָב איצט אַ גרויסן אינדזל מיט יאָרן. אויף אַט דעם אינדזל מיט יאָרן האָט דער האַר פֿון דער וועלט פֿאַרמאַכט זײַנע אויגן. ער וויל זיי ניט זען. ער וויל אַפֿילו ניט, דער באַשאַפֿער פֿון דער וועלט, אַז איך זאָל אים פֿון וועגן דעם אינדזל יאָרן דערמאַנען.

— איז וואָס איז עס פֿאַר אַן אינדזל, און פֿון וואַנען קומען אַהין אַט די יאָרן?

— פֿון נאָך דעם גרויסן חורבן...

— פֿון די אומגעבראַכטע קינדער אין באַבי־יאַר, אין טרעמבלינקע און אוישוויץ, אין פּאָנאַר?

— יאָ, פֿון יענע. איבער דעם אינדזל מיט די ניט־אויסגעלעבטע יאָרן בין איך דער ממונה.

— ניין, מלאך־המוות, ניין! — שרײַט אויס אלישע בן מאיר, שוין מיט זײַנע לעצטע כּוחות. — ניין מלאך־המוות, ניין! אויפֿן חשבון פֿון אָט די פֿאַרבלוטיקטע יאָרן וויל איך ניט פֿאַרלענגערן מײַן לעבן אַפֿילו אויף קיין רגע ניט! דו הערסט מיך?

— אָבער יענע יאָרן גייען דאָך סײַ ווי סײַ לאיבוד. דו ווײסט דאָך אַפֿילו ניט וויסן אויפֿן חשבון פֿון אַוועלכן אומגעבראַכטן קינד דו ווײסט, דאָ אויף דער ערד ווײַטער לעבן און אויספֿילן דײַנע שליחותן... איך אַליין ווייס דאָך שוין אויך ניט צו וועמען די אָדער יענע יאָרן געהערן.

— ניין, מלאך־המוות, — כריפּעט אלישע בן מאיר — ניין... קלעם זיך אײַן מיט דײַנע פֿינגער אין מײַן גאָרגל... אויפֿן חשבון פֿון בלוט... ניין! מלאך, כ'וויל לעבן, אוי, ווי איך וויל לעבן... אָבער נאָר אויף מײַנע אייגענע יאָרן. ניט אויף די פֿאַרבלוטיקטע".

נאָכן איבערלייענען אָט דעם חלום, וואָס אלישע בן מאיר האָט זיך אים אויסגעבויט, ווייס איך נישט, וועמען צו פֿרעגן, צי די ייִדישע ליטעראַטור־קריטיקער, וואָס האָבן, דאַכט זיך, אַלע געלייענט דאָס בוך און אויך וועגן בוך געשריבן, צי די געלערנטע פּראָפֿעסיאָנעלע פּסיכאָלאָגן, וואָס ווייניק פֿון זיי קענען דאָס בוך לייענען. וועמען זאָל איך פֿרעגן, וואָס דאָס איז פֿאַר אַ מין מענטש דער שרײַבער, וואָס בויט זיך אויס אַזאַ חלום און וואָס איז דאָס פֿאַר אַ שליחות אָדער שליחותן זײַנע, וואָס דער מלאך־המוות אַליין מאַכט פֿאַר זיי אַן אויסנאָם און איז גרייט אים באַהילפֿיק צו זײַן. ווייסן מיר דאָך, אַז מלאכים האָבן זיך זייערע שליחותן. יעדער מלאך — זײַן שליחות און די שליחות פֿון מלאך־המוות איז דאָך באַקאַנט פֿון זײַן נאָמען — מלאך־המוות.

דער שרײַבער האָט אין זײַן חלום באַשאַפֿן אַ מאָדנע גאָט, וואָס האָט פֿאַרמאַכט די אויגן אויפֿן אינדזל פֿון נישט געלעבטע יאָרן פֿון אומגעבראַכטע קינדער און אַן אייגנאַרטיקן מלאך־המוות, דער ממונה איבערן אינדזל, וואָס לייגט די יאָרן פֿיר דעם שרײַבער אויסצופֿילן זײַנע שליחותן. און דאָס אַלץ האָט ער זיך אויסגעחלומט, כּדי ער זאָל קענען גרויסמוטיק זיך אָפּזאָגן:

— איך וויל לעבן אָבער נאָר אויף מײַנע אייגענע יאָרן.

ווי מיר דערוויסן זיך ווערט אלישע בן מאיר (עליע שעכטמאַן) דאָס זיבעטע יאָר נאָכן דערשײַנען פֿון בוך "רינגען אויף דער נשמה" און ווער ווייסט וויפֿל יאָר נאָכן אָנשרײַבן יענע טייל פֿון בוך מיטן חלום — דאָס אַכטע, נײַנטע צי דאָס צענטע יאָר זינט דעמלט, ווען ער האָט געזאָגט צום מלאך־המוות: — וואַרג מיך אָן רחמנות!... ווערט ער איצט, עליע שעכטמאַן אַ בן שמונים ביז הונדערט און צוואַנציק אייגענע יאָרן און זאָלן זיי זיך, זײַנע אייגענע יאָרן, ציִען און ציִען, ער זאָל קאָנען אויספֿילן אַלטע און נײַע שליחותן. אַ שרײַבער כּל־זמן ער לעבט, יעדער שרײַבער, איז ער אין שליחות.

אַ וואָרט וועגן שירע גאָרשמאַן צו איר 85סטן געבוירן־טאָג

גימנאַזיסטן און גימנאַזיסטקעס שעלטן בדרך כּלל מיט טויטע קללות די פּאָעטן, וועמעס פּאָעזיע די גימנאַזיע־לערערס פֿאַרגיבן זיי אויסצולערנען צו זאָגן אויסנווייניק ווי אַ וואַסער, אָן צו פֿאַרהיקען זיך, חלילה. שפּעטער הייבן זיי אַליין אָן צו שרײַבן פּאָעזיע, נאָך שפּעטער גייען אייניקע איבער צו פּראָזע און צום סוף הערן כּמעט אַלע אויף זיך נאַריש צו מאַכן מיט שרײַבערײַ, זיי הערן עס אויף ווער צוליב אַ שידוך, אַ תּכלית, אַ קאַריערע און ווער צוליב די אַלע זאַכן אין איינעם.

שירע גאָרשמאַן איז קיין גימנאַזיסטקע, דאַכט זיך, קיין מאָל נישט געווען. ווען זי האָט אָנגעהויבן צו שרײַבן, איז זי שוין געווען אַ מאַמע פֿון קינדער און אָן הילף האָט זי אַליין געשלעפּט דעם יאָך פֿון זײַן אַ מאַמע און אַ באַלעבאָסטע, אַ בריה און אַ ווײַב, אַ געטרײַ ווײַב פֿון אַ מאַן אַ קינסטלער, וועמען ס'האָט, חלילה, גאָרנישט געטאָרט פֿעלן.

ווען זי האָט איין מאָל עפּעס־וואָס פֿון אירער אָן אָנגעשריבענער זאַך, וואָס קיינער און זי אַליין האָט נישט געוווּסט, ווען זי האָט עס אָנגעשריבן, ווען זי האָט עס געוויזן דעם גרויסן יידישן פּאָעט לייב קוויטקאָ, האָט ער איר געזאָגט: איר וואָלט געקענט זײַן אַ שרײַבער, איר זענט אַ שרײַבער און וועט מוזן זײַן אַ שרײַבער, איר וועט קיין אַנדער ברירה נישט האָבן.

כּמעט אַלע יאָרן, וואָס איך בין געווען אַ סאָוועטישער בירגער און געלייענט יידישע סאָוועטישע ליטעראַטור, דאַרף איך אײַך דאָך קיינעם דערציילן און זיך פֿאַר קיינעם נישט באַרימען, אַז פֿון שירע גאָרשמאַנס ערשטער זאַך אָן האָב איך כּמעט אַלצדינג געלייענט. איך זאָג כּמעט, ווײַל סע קען דאָך אַ מאָל צוליב דער אָדער יענער סיבה זײַן אָן אויסנאַם אָדער צוויי אויסנאַמען איך זאָל נישט האָבן איינע אָדער צוויי זאַכן אירע געלייענט און צוליב זיי לוינט זיך נישט צו זײַן אַ ליגנער, איז נעמט בײַ מיר, זײַט מוחל, צו דעם כּמעט. די ערשטע זאַך אירע אָדער זאַכן, וואָס איז מיר אויסגעקומען צו לייענען אינעם אַלמאַנאַך "היימלאַנד" געווען אויך דאָרט, איך געדענק שוין נישט צי פֿריִער צי שפּעטער אויך אָן אַלמאַמנאַך "סאָוועטיש" נאָר ביידע אַלמאַנאַכן סײַ "סאָוועטיש" און סײַ "היימלאַנד" זענען געווען באַזונדערע אַלמאַנאַכן און אין אַלמאַנאַך "היימלאַנד" האָב איך געלייענט צום ערשטן מאָל די פֿרישע פּראָזע פֿון שירע גאָמאַן. אַזוי האָט זי דעמלט אונטערגעשריבן.

פֿאַר וואָס גאָמאַן? איר מיזיניקל האָט קליינערהייט זײַן פֿאַמיליע־נאָמען גאָרשמאַן נישט געקאָנט אַרויסרעדן און געזאָגט ווי ער האָט דעמלט געקענט זאָגן — גאָמאַן, האָט אים זײַן מאַמע שירע אַרײַנגעפֿירט אין דער יידישער ליטעראַטור. ווען ער איז אונטערגעוואַקסן און אָנגעהויבן רעדן ווי אַלע דערוואַקסענע רעדן האָט זיך שירע אומגעקערט צון איר נאָרמאַלן נאָמען — שירע גאָרשמאַן, די יידישע שרײַבערין, וואָס מיר פֿײַערן הײַנט איר 85סטן געבוירן־טאָג.

ווי געזאָגט האָב איך געלייענט און לייען אַלצדינג, וואָס סע פֿאַלט מיר אַרײַן אין די הענט פֿון שירע גאָרשמאַן. איצט וועל איך אײַך מגלה זײַן דעם גרויסן סוד פֿאַר וואָס איך לייען זי און אַלע אַנדערע שרײַבער, וואָס איך לייען זיי. ס'אַ סוד פֿאַר גאַנץ בראָד. צוליב דער הנאה, וואָס אַ לייענער באַקומט בײַם לייענען און אין דער הינזיכט בין איך אַ גרויסער נאַשער. ווען דער סעקרעטאַר פֿון דער ייִדישער קולטור־געזעלשאַפֿט, אונדזער מרדכי דוניץ האָט מיר מודיע געווען, אַז מיר, דאָס הייסט די ירושלימער ייִדישע קולטור־געזעלשאַפֿט אָרדענען אײַן אַ פֿײַערונג לכּבֿוד שירע גאָרשמאַן צון איר ווערן אַ בת שמונים־וחמש און איר, האָט ער מיר געזאָגט, וועט וועגן איר רעדן. ער האָט מיך נישט געפֿרעגט, נאָר צו וויסן געטאָן — איר וועט רעדן, האָב איך מיר געטראַכט, אַז פֿאַר הנאה האָבן באַדאַרף מען באַצאָלן. אַ וואָרט וועגן שירע גאָרשמאַן, אַ מיינונג, אַן אָפּשאַצונג. דאָ הייבט זיך שוין אָן אַרבעט און איך האָב אָנגעהויבן מעשׂה ליטעראַטור־פֿאָרשער צו זוכן די אײַנפֿלוסן אויף שירע גאָרשמאַנס שרײַבן בײַ מענדעלע מוכר־ספֿרים, בײַ שלום־עליכם, בײַ י. ל. פּרץ, בײַ שלום אַש, בײַ דוד בערגעלסאָן און בײַם ניסתּר און בײַ אָפּאַטאָשו און בײַ אַלע אונדזערע גרויסע ייִדישע שרײַבער און איך האָב זיי בײַ קיינעם נישט געפֿונען. זי שטייט אַליין, באַזונדער. ס'האָט אַ ביסל געדויערט ביז איך האָב זיי, די אײַנפֿלוסן, געפֿאַקט. בײַ וועמען, ווילט איר מסתּמא וויסן. בײַ שירע גאָרשמאַנס זיידע עליע און איר באָבע פעסיע.

זייער לשון, זייער חכמה, זייער שטייגער, זייערע זיטן.

וויפֿל יאָר האָט געדויערט דער פעריאָד, וואָס זי האָט געלעבט בײַ איר זיידע־באָבע?

קינדווײַז איז זי אַוועק פֿון איר מאַמען און פֿון איר שטיפֿטאַטן. קינדווײַז איז זי אַוועק צו זיי, צום זיידן מיט דער באָבן און גאָר גאָר יונג איז זי אַוועק פֿון זיי קיין פּאַלעסטינע. די געציילטע עטלעכע יאָר האָבן עס געלייגט דעם חותם אויפֿן גאַנצן לעבן, אויף אַלע אירע יאָרן ביז צום הײַנטיקן געבוירן־טאָג אירן, וואָס מיר פּראַווען דאָ מיט אײַך אַצינד און וועט זיך ציִען און ציִען ביז אַלע 120 יאָר אירע. זי האָט נעכטן געשריבן, זי שרײַבט הײַנט און וועט מאָרגן שרײַבן, וועט מוזן שרײַבן אין זכות פֿון איר זיידע־באָבע.

אין אירער אַ קורצער דערציילונג "דעם זיידנס תּפֿילות" שילדערט זי שוין בײַם אָנהייב, ווי אַזוי דער זיידע האָט זי געוועקט קליינערהייט: "שטיי אויף מײַן קינד, שטיי אויף מײַן קוועקזילבער". מיט אַזאַ צידה לדרך פֿון אַ זיידן קאָן מען גיין און גיין און כאָטש די באָבע האָט זי געלערנט, דאָס אייניקל אירס, דאָס קליינע מיידעלע, וואָס וועט אויך אַ מאָל זײַן אַ פֿרוי, אַ מאַמע, אַ באָבע, אַז... איך ציטיר: "אַ מאַן פֿאַרשטייט גאָאָרנישט. זאָג אים, אַז אַ האַלבע גאַנדז פּיטערט זיך, די אַנדערע בראָט זיך, איז פֿאַזשאַלוסטע האָסטו בײַ אים עס געפּועלט. זי האָט זייביידן אויסגעהערט, באַהאַלטן דאָס שיינע, דאָס קינסטלערישע און ווײַטער ליב געהאַט דעם זיידן און ווײַטער ליב געהאַט די באָבען און ווי זי זאָגט אַליין — "אַ סך ווערטלעך, חכמות, מעשׂיות, האָב איך זיך פֿון זיי אָנגעהערט סײַ פֿון דער באָבען

און סײַ פֿון דעם זיידן״, סײַ פֿון דעם, וואָס זיי האָבן גערעדט צון איר, — צום אייניקל — און סײַ פֿון דעם, וואָס זיי האָבן גערעדט צווישן זיך און ערשט דערנאָך זיך דערוווּסט ווי גוט זי האָט געהערט.

פֿאָלקלאָריסטן, שפּראַכפֿאָרשער וועלן האָבן צו שעפּן מיט שעפֿל און מיט לעפֿל, ווי מע זאָגט, פֿון שירע גאָרשמאַנס זאַפֿטיקע דערציילונגען. מיר איז אויסגעקומען אין מײַן לעבן אויסצוהערן קללות אין אַלע שפּראַכן, און ווי איר ווייסט, צייכענען זיך אויף דעם געביט אויס אַלע שפּראַכן אין דער וועלט. זיי האָבן אַלע טעמים, די קללות. מע דאַרף זיי נאָר באַצײַטנס אויסשפּײַען און נישט אַראָפּשלינגען, חלילה. איך האָב זיך שוין אָנגעלייענט מיט רשימות און גאַנצע ביכער מיט צענגאָרנדיקע קללות, ממש וואָלקן־קראַצערישע קללות, נאָר אַזאַ קללה מיט אַ הויכן־הויכן בוידעם און מיט אַ טיפֿן־טיפֿן קעלער האָב איך נאָך בײַ קיינעם נישט געלייענט, נאָר בײַ שירען —

אַ רוח אין דײַן טאַטנס, טאַטנס, טאַטנס, קינדס, קינדס קינדער אַרײַן.

מענטשן פֿון מײַן דור געדענקען, נישט איצטער געדאַכט, היטלערס קומען צו דער מאַכט אין דײַטשלאַנד, אין 1933 און ווי זײַנע מענטשן האָבן גלײַך אונטערגעצונדן דעם רײַכסטאַג, אינסצענירט אַ פּראָצעס קעגן אַ גרופּע בולגאַרישע אימיגראַנטן אין שפּיץ מיט געאָרגע דימיטראָוו. מענטשן פֿון מײַן דור געדענקען דימיטראָווס רעאַגירן אויף אָט דעם בילבול, געדענקען דימיטראָווס ענטפֿערס אויף די באַשולדיקונגען, זײַנע ענטפֿערס, וואָס האָבן בשעתו אָפּגעקלונגען אין דער גאַנצער וועלט. זײַן יעדער וואָרט איז געווען אַ האַק, וואָס האָט צעהאַקט אויף שטיקער דעם גאַנצן באַשולדיקונגס־אַקט. אין יאָרן אַרום האָט דימיטראָוו אַנטפּלעקט דעם סוד. די שיטה לויט וועלכער ער האָט געבויט זײַנע ענטפֿערס —

כ׳האָב געוווּסט, אַז נאָך יעדן ענטפֿער קאָן מען מיך אָפּשטעלן, מער נישט פֿרעגן, מער נישט געבן קיין מעגלעכקייט צו ענטפֿערן, דערפֿאַר האָט קיין איין ענטפֿער מײַנער נישט געטאָרט זײַן קיין טיילווײַזער, וועלכן איך וועל דערנאָך דערגאַנצן מיט אַ צווייטן ענטפֿער, אַ דריטן און אַזוי ווײַטער. מײַן יעדער ענטפֿער האָט געמוזט זײַן אַ פֿולער, אַ גאַנצער אויף דער גאַנצער באַשולדיקונג און אַז מע וועט פֿרעגן נאָך אַ מאָל, וועל איך קאָנען נאָר באַפֿעסטיקן דעם פֿריִערדיקן ענטפֿער און אַזוי האָב איך טאַקע געטאָן.

שירע גאָרשמאַנס יעדע דערציילונג, די סאַמע סאַמע קירצסטע אַפֿילו איז אַ גאַנצע, איז אַ פֿולע. מע דערציילט, אַז איינער האָט אַ מאָל געלייענט אַן אויטאָביאָגראַפֿישן ראָמאַן און געזאָגט אַז יעדעס קאַפּיטל פֿון בוך איז אַ שטריך צום מחברס פּאָרטרעט, נאָך אַ קאַפּיטל איז נאָך אַ שטריך אַזוי אַז בײַם סוף פֿון בוך האָבן מיר בפֿירוש אַ פֿולן פּאָרטרעט. שירע גאָרשמאַנס אַ דערציילונג, אַ קליינע ווי אַ גרעסערע איז נישט קיין שטריך, נאָר אַ גאַנצער פּאָרטרעט, נאָך אַ

דערציילונג איז נאָך אַ פּאָרטרעט. דאָס האָט זי שוין געלערנט בײַ די וואַטמאַנדלעך פֿון איר מאַן דעם מאָלער מענדל גאָרשמאַן זכרונו־לברכה, וואָס זי האָט זיי געטראָפֿן בײַ אים אויפֿן טיש צוגעדעקט מיט אַ סימן...

די ערשטע טעג, ווען איך האָב זי באַגעגנט דאָ אין לאַנד, האָט זי מיר געזאָגט: איך בין געקומען אָפּצאָלן אַ חובֿ. קאָרגע צען יאָר האָט זי געצאָלט דעם גדוד עבֿודה אין דעמאָלטיקן פּאַלעסטינע, דערנאָך דער קאָמונע אין קרים, דערנאָך איז זי געווען דאָס געטרײַע ווײַב פֿון מענדל גאָרשמאַן ז״ל, וואָס איז בפּירוש ווערט געווען אַזאַ ווײַב ווי שירע. זי איז אַ ייִדישע מאַמע, צון אירע קינדער, זי איז אַ ייִדישע מאַמע צון אירע איידעמס און דער שנור. זי איז אַ ייִדישע מאַמע, יאָ מאַמע, אויך צון אירע אייניקלעך. איצט איז זי געקומען אָפּצאָלן אַ חובֿ זיך אַליין. זי איז געקומען אַהער ווי אַלע קומען, געקומען אין לאַנד פֿון ייִדישן חשבון־הנפֿש. זי האָט אירע יאָרן זינט זי האָט אָנגעהויבן צו שרײַבן, נישט אויפֿגעהערט. איצטער וויל זי שרײַבן מערער, מיט יעדן טאָג מערער. אויב איר האָט זי געזען אייערנעכטן און זי האָט אײַך עפּעס נײַס איבערגעלייענט, ווייסט איר נישט וואָס זי האָט נעכטן אָנגעשריבן און אַוודאי און אַוודאי נישט, וואָס הײַנט. זי צאָלט דעם חובֿ צו זיך, ווי מע צאָלט בײַ אונדז אויס אַ דירה, איז זאָל זי צאָלן, ווי שוין געזאָגט עד מאה ועשרים. מיר וועלן דערבײַ אויך נישט דערלייגן.

ווי איר זעט אויף אָט די דאָזיקע פּאָר זײַטלעך האָב איך מיר אָנגעצייכנט נאָר די טעזיסן לויט וועלכע איך האָב געזאָלט בויען אַ לאַנגע לאַנגע לעקציע, נאָר צום סוף זיך מתקנא געווען אין שירע גאָרשמאַנס קורצער דערציילונג און באַשלאָסן עס צו מאַכן בקיצור און ענדיקן ווי זי, באַצײַטנס. אַ דאַנק.

בערל רויזן ז״ל

פֿאַר אַ יאָרן דעם 12טן אויגוסט 1986, ווען אין ישׂראל און אין די תּפֿוצות איז אָפּגעמערקט געוואָרן, חוץ רוסלאַנד ווו סע ווערט נישט אָפּגעמערקט, דער 34סטער יאָרצײַט נאָך די אומגעבראַכטע ייִדישע שרײַבערס דאָרט און די אַלמנות פֿון די אומגעבראַכטע דוד האָפֿשטיין און פּרץ מאַרקיש — פֿייגע און אסתּר, וואָס זענען געקומען פֿון תּל־אָבֿיבֿ קיין ירושלים מיט די קינדער און אייניקלעך צום ״גן תּשב״י״ (תּשי״ב–1952 דאָס יאָר פֿון זייער אומקום), צו דער סימבאָלישער מצבֿה פֿאַר די אומגעבראַכטע, וועמענס קבֿרים זענען אומבאַקאַנט, געגנוי אין יענעם טאָג, איז אין קעשענעוו, פֿון אַן אויטאָ־קאַטאַסטראָפֿע אומגעקומען דער אַהין־געקומענער צו גאַסט פֿון טשערנאָוויץ בערל רויזן ״אַ פֿאַרדינסטפֿולער טוער אויפֿן געביט פֿון ייִדישער ליטעראַטור־פֿאָרשונג און פֿון איבערזעצונגען אויף ייִדיש פֿון אַנדערע שפּראַכן״ ווי עס שרײַבט וועגן אים דער מאָסקווער ״סאָוועטיש היימלאַנד״.

קאָן זײַן, אַז דאָס איז אַ צופֿאַל, וואָס ער איז אומגעקומען גראָד אין דעם טאָג, נאָר דער, וואָס האָט געקענט דעם פֿינקטלעכן, ניכטערן, פֿאַרזיכטיקן בערל רויזן, זעט אים אויס דער טויט זײַנער פֿון אַן אויטאָ־קאַטאַסטראָפֿע אין קעשענעוו, דער שטאָט מיט ברייטע גאַסן אין גלײַכע ליניעס, מער ווי מיסטעריעז, בפֿרט אַז אַזעלכע פֿאַלן מיט איבערפֿאָרן אויף טויט זענען דאָרט נישט ווייניק באַקאַנט און האָבן זיך בײַ בערל רויזן נאָך נישט געהאַט אָפּגעשטעלט.

בערל רויזן איז געבוירן געוואָרן אין 1913 אין דער משפּחה פֿון אַ שוחט אין באַסאַראַבער ייִדישן שטעטל אָטעק. ער איז יונג געקומען קיין טשערנאָוויץ. יאָרן לאַנג ביז 1940 געווען אַ העברעיִשער לערער פֿון פּריוואַטע לעקציעס און — אין דער ייִדישער ליטעראַטור און שפּראַך־פֿאַרליבטער לינקער אינטעליגענט. אין לערניאָר 1940–1941 האָט ער געאַרבעט אין איינער פֿון די ייִדישע שולן אין סאָוועטישן טשערנאָוויץ, אין די מלחמה־יאָרן געווען אויפֿן פֿראָנט "און דאָרטן (האָט ער מיר איין מאָל דערציילט), אַז כ'האָב מיך פֿאַרבענקט נאָך אַ ייִדיש לידערבוך, האָב איך מיר אויפֿגעמישט אין זכּרון די לידער פֿון משה־לייבן, אי. מאַנגערן, ה. לייוויקן, די משלים פֿון אליעזר שטיינבאַרגן און אַלץ, וואָס איך האָב געדענקט אויסנווייניק, און זיך געלייענט". נאָך דער מלחמה ווידער לערער אין אַ ייִדישער שול, אין דער לעצטער ייִדישער שול נומער 18 אין טשערנאָוויץ. געאַרבעט ביז איר פֿאַרמאַכן זיך און איינצײַטיק געלערנט אין טשערנאָוויצער אוניווערסיטעט אויפֿן פֿאַקולטעט פֿון פֿרעמדע שפּראַכן, ספּעציאַליזירט זיך אין ענגליש, ווערט איינער פֿון די בעסטע ענגליש־לערער אין שטאָט און אַזוי ווײַט גוט געאַרבעט, אַז אין אַ געוויסער צײַט האָט מען אים באַשולדיקט, אַז ער פֿלאַנצט אײַן ליבשאַפֿט צו דער ענגלישער שפּראַך בײַ זײַנע סאָוועטישע שילער. אַזאַ זינד!... ער האָט דערפֿון געלאַכט, נאָר וואָס ער האָט דערפֿון איבערגעלעבט, האָט ער אַליין דעמלט געוווּסט. און אָט איז רויזנס ביבליאָגראַפֿיע לויט "סאָוועטיש היימלאַנד":

"אין 1936 האָט בערל רויזן דעביוטירט מיט אַן אָפּהאַנדלונג וועגן ייִדישע שפּראַך־פֿראַגן אינעם וואַרשעווער זשורנאַל "ייִדיש פֿאַר אַלעמען". ער איז דער מחבר פֿון אַ ריי ליטעראַטור־פֿאָרשערישע אַרבעטן וועגן דעם שאַפֿן פֿון ל. טאָלסטאָי, א. טעשכאָוו, וו. קאָראָלענקאָ, מ. גאָרקי ווי אויך אַרטיקלען וועגן שלום עליכם, א. שטיינבאַרג, בער האַלפּערן א.אַ." צו אָט דער קורצער נישט פֿולער ביבליאָגראַפֿישער רשימה דערלויבט מיר נאָך צוצוגעבן כאָטש עטלעכע פּרטים, וועלכע וואַרפֿן אַ שײַן אויפֿן כאַראַקטער פֿון רויזנס אַרבעטן:

וועגן דער ייִדישער טעמאַטיק אין די ווערק פֿון א. ס. פּושקין;
ייִדישע טעמאַטיק אין די ווערק פֿון וו. קאָראָלענקאָ;
ייִדישע מאָטיוון אין דער שאַפֿונג פֿון אַלעקסאַנדער קופּרין;
ייִדישע געשטאַלטן אין די ווערק פֿון מאַקסים גאָרקי;
מאַקסים גאָרקי וועגן דער דיכטונג פֿון חיים נחמן ביאַליק;
פֿ. מ. דאָסטאָיעווסקי און זײַן קאָרעספּאָנדענט אורי קאָווגער;

שלום־עליכמס קאָרעספּאָנדענץ און זײַנע באַגעגענישן מיט רוסישע שרײַבער; "דער כּוח פֿון משל" צו אליעזר שטיינבאַרגס 100סטן געבוירן־יאָר". אַ פּאָעמע ("יידישע קולטור", ניו־יאָרק, מערץ־אַפּריל 1980, נומער 2). דאָס ליד איז אויך איבערזעצט געוואָרן אין עבֿרית פֿון מרדכי סבר און אָפּגעדרוקט אין "מאזניים";

"אליעזר שטיינבאַרג אין שפּיגל פֿון זײַן צײַט און זײַן סבֿיבֿה", געשריבן צוזאַמען מיט יוסף בורג.

און איצט וויל איך אײַך נאָך אָט וואָס דערציילן: אין די זעכציקער יאָרן האָב איך געשיקט אַ ליד א.נ. "אונטער דער שטילקייט" אין די וואַרשעווער "יידישע שריפֿטן" און מײַן פֿרײַנד דוד ספּאַרד ז"ל, דער רעדאַקטער פֿון די י. ש. האָט מיר דעמלט געשריבן, אַז צום באַדויערן קען ער עס נישט דרוקן. כ'האָב זיך גלײַך געכאַפּט פֿאַרוואָס — די צווייטע סטראָפֿע האָט אַזוי געקלונגען: "אונטערן ווײַ פֿונעם שטילן וואָרט / רודערט געשריי און רירט אויף די ווײַט, / און וועקט אויף דאָס בלוט פֿונעם ערשטן מאָרד / ביז צו די מאָרדן פֿון אונדזער צײַט". וואָס טוט מען? איך האָב אין דער פֿערטער שורה פֿאַרביטן בלויז איין וואָרט. נישט "פֿון אונדזער צײַט" נאָר "פֿון היטלערס צײַט" און דאָס איבערגעשריבענע ליד געשיקט אין "סאָוועטיש היימלאַנד". בערל רויזן האָט מיר דעמלט געזאָגט, אַז דאָס וועט נישט דורכגיין, ווײַל ווערגעליס, דער רעדאַקטער פֿון ס. ה. איז אַ דורכגעטריבענער ממזר. איך האָב נישט פֿאַרשטאַנען, פֿאַרוואָס ס'ע וועט נישט דורכגיין. ווערגעליס ווייסט דאָך נישט די געשיכטע פֿון ליד, וואָס איך האָב רויזנען דערציילט, דאָס ליד איז געווען געדרוקט אין "סאָוועטיש היימלאַנד" נומער 2, 1966, זײַט 36. אין מײַן בוך "שטערן אויפֿן הימל" האָב איך זיך אומגעקערט צום מקור. לייענענדיק אַצינד אין רויזנס ליד די שורות: "ס'האָט געפּלאַצט דער שיינער חלום / פֿון ליבע, פֿרײַנדשאַפֿט, גלײַכהייט, שלום, / ס'איז די גאולה נישט געקומען — / היטלער האָט די וועלט פֿאַרנומען" האָב איך זיך, פֿאַרשטייט זיך, בײַם וואָרט היטלער ימח שמו, נישט אָפּגעשטעלט. אַריבער 40 יאָר זינט היטלערס מפּלה און די מאָרדן, די מאָרדן פֿון אונדזער צײַט האָבן זיך נאָך נישט אָפּגעשטעלט.

"ישׂראל־שטימע", תּל־אָבֿיבֿ, 1987.3.3.

װעגן די אַרבעטן פֿון בערל רויזן

אין מײַן פֿאַרשפּעטיקט וואָרט צו בערל רויזנס מיסטעריעזן אומקומען פֿון אַ וועג־קאַטאַסטראָפֿע דעם 12טן אויגוסט 1986 אין קעשענעוו, ווו ער איז גראָד געווען צו גאַסט, אין דאָזיקן פֿאַרשפּעטיקטן וואָרט מײַנעם, וואָס איך האָב עס אָפּגעדרוקט אין "ישׂראל־שטימע" ערשט דעם 3טן מערץ 1987, האָב איך ציטירט

די מאָגערע ביבליאָגראַפֿיע, וואָס דער מאָסקעווער "סאָוועטיש היימלאַנד" האָט זיך פֿאַרגינענען צו ברענגען אין נעקראָלאָג אינעם נומער 10 פֿאַר אָקטאָבער 1986, אַז, און איך ציטיר ווידער פֿון דאָרט: "— — — בערל רויזן איז דער מחבר פֿון אַ רײ ליטעראַטור־פֿאָרשערישע אַרבעטן וועגן דער שאַפֿונג פֿון ל. טאָלסטאָי, טשעכאָוו, קאָראָלענקאָ, מ. גאָרקי ווי אויך אַרטיקלען וועגן שלום־עליכם, א. שטיינבאַרג, בער האַלפּערן און אַנדערע. זײַנע אַרטיקלען האָבן זיך געדרוקט אין "סאָוועטיש היימלאַנד", "בירעבידזשאַנער שטערן" ווי אויך אין אייניקע אויסלענדישע פּראָגרעסיווע זשורנאַלן".

די אויסלענדישע פּראָגרעסיווע זשורנאַלן, וואָס "סאָוועטיש היימלאַנד" דערמאָנט נישט זייערע נעמען זענען קודם־כּל די וואַרשעווער "פֿאָלקס־שטימע", ווו רויזן האָט געדרוקט 90% פֿון זײַנע אַרבעטן ווי אויך די ניו־יאָרקער "ייִדישע קולטור" דאַרף דאָ דערמאָנט ווערן.

חוץ די אויסגערעכנטע פֿיר נעמען פֿון רוסישע שרײַבערס, וואָס "סאָוועטיש היימלאַנד" דערמאַנט, האָט בערל רויזן געשריבן וועגן פּושקין און לערמאָנטאָוו, טורגעניעוו און דאָסטאָיעווסקי, קופּרין און סאַלטיקאָוו־שטשעדרין און אַנדערע צענדליקער אַרבעטן געדרוקט דאָס רובֿ, ווי שוין דערמאַנט, אין וואַרשעווער "פֿאָלקס־שטימע" פֿאַר די לעצטע 12–13 יאָר ביז צו זײַן טויט.

ער האָט אָנגעשריבן וועגן דײַטש־ייִדישן שרײַבער סטעפֿאַן צווײַג און וועגן רוסיש־ייִדישן שרײַבער איזאַק באַבעל. וועגן פֿאָטער פֿון דער ייִדישער פּאָעזיע שמעון פֿרוג, וואָס האָט אָנגעהויבן אין רוסיש און ווען ער איז איבערגעגאַנגען צו ייִדיש, האָט ער שוין געהאַט גאָר אַן אָנגעזעען אָרט אין דער רוסישער דיכטונג. וועגן צוויי גרויסע רוסישע קינסטלער דער סקולפּטאָר מאַרק אַנטאָקאָלסקי און זײַן תּלמיד, דער מאָלער איליאַ גינזבורג. ביידע ייִדן. ער האָט אויך געמאַכט אומצאָליקע איבערזעצונגען פֿון רוסיש, ענגליש, דײַטש, רומעניש און פֿון אוקראַיִניש, סײַ אין פּראָזע און סײַ אין ליד. צוזאַמען מיט זײַן טשערנאָוויצער בן־עיר, דער ייִדישער שרײַבער יוסף בורג האָבן זיי אָנגעשריבן אַן אַרבעט וועגן גרויסן ייִדישן משלים־שרײַבער אליעזר שטיינבאַרג און אויך אַנדערע בשותּפֿותדיקע אַרבעטן. האָט אָנגעשריבן אַ פּאָעמע וועגן שטיינבאַרגן "דער כּוח פֿון משל", וואָס איז, צווישן זײַנע ווייניקע לידער דאָס סאַמע בעסטע. ער האָט אָנגעשריבן וועגן בורגס פּראָזע און וועגן די ווילנער ייִדישער שרײַבערס יוסף ראַבין און בער האַלפּערן. וועגן דער טשערנאָוויצער ייִדישער אַקטריסע סידי טאַל. וועגן הײַנטצײַטיקן רוסיש־ייִדישן שרײַבער גריגאָרי קאַנאָוויטש. אויף צו מאַכן אַ פֿולע ביבליאָגראַפֿישע רשימה פֿון אַלץ, וואָס ער האָט אָנגעשריבן וואָלט מען געדאַרפֿט די געניטע האַנט פֿון אַ פֿאַכמענישן ביבליאָגראַף.

וועגן די ריזן פֿון דער רוסישער ליטעראַטור איז שוין געשריבן געוואָרן סײַ אין רוסיש און סײַ אין אַלע שפּראַכן אין דער וועלט הונדערטער, אויב נישט טויזנטער ליטעראַטור־פֿאָרשערישע אַרבעטן, איז וואָס זשע, פֿרעגן מיר מיט נײַגער, האָט בערל רויזן אַזוינס צוגעגעבן? ווײַזט זיך אַרויס, אַז גאָר וויכטיקס. זײַן אויפֿטו

באַשטייט אין דעם, וואָס ער האָט באַזונדער אויסגעטיילט פֿון זייער אַלעמענס שאַפֿן דעם ייִדישן מאָמענט, זייער באַציִונג צו ייִדן און נישט נאָר בײַ די אויסגעשפּראָכענע ייִדן־פֿרײַנד, נאָר אויך בײַ יענע, וואָס מיט דער מאָס פֿון שוואַרץ־ווײַס ווערסטו גאָרנישט אַרויסברענגען. ער האָט צונויפֿגעזאַמלט אַלע — צדיקים און האַלבע צדיקים און מיט קיין פֿערטל צדיקים וואַרפֿט מען זיך אויך נישט.

ער האָט אויפֿגעבויט אַ פֿאַרגאַנצטן בנין פֿון גרונטיקע גוט־באַגרינדעטע אויסשעפּנדיקע אַרבעטן. אויך אַזעלכע ווי:

1. שלום־עליכמס קאָרעספּאָנדענץ און זײַנע באַגעגענישן מיט גרויסע רוסישע שרײַבערס;
2. מאַקסים גאָרקי און דער יונגער שלום אַש;
3. מאַקסים גאָרקי ווענגן ביאַליקס דיכטונג;
4. די פֿרײַנדשאַפֿט צווישן צוויי גרויסע קינסטלער (דער רוסישער שרײַבער טשעכאָוו און דער ייִד, דער רוסישער מאָלער לעוויטאַן).

די אַלע אַרבעטן געהערן צו דער זעלבער טעמע, וואָס דאָמינירט און פֿאַרנעמט דעם אויבן אָן אין בערל רויזנס עיזבון.

אַצינד, ווען די נײַע רוסישע באַוועגונג פּאַמיאַט (זכּרון), די ערשטע צו געניסן פֿון גאָרבאַטשאָווס גלאַסנאָסט, האָט אויף זיך גענומען די שליחות אויפֿצודעקן און אַרויסצוברענגען אויף דער שײַן אַן אייגענעם עכט־רוסישן אַנטיסעמיטיזם און אַפֿילו צוגעצויגן לענינס נאָמען צו אָט דער באַוועגונג. זיי ווייסן צו דערציילן, אַז אין לענינס ביבליאָטעק האָבן זיך געפֿונען די עכט־רוסישע... פּראָטאָקאָלן פֿון די זקני ציון "אין עטלעכע עקזעמפּלאַרן" (ווײַזט אויס אויף צו פֿאַרשפּרייטן צווישן זײַנע נאָענטסטע מיטאַרבעטער ווי... טראָצקי, סווערדלאָוו, קאַמעניעוו, זינאָוויעוו און אַנדערע) און דאָס איז בײַ זיי דער באַווײַז, אַז לענין איז אַ זייעריקער.

כאָטש די "פֿאָלקס־שטימע" קומט אָן אין אַ באַגרענצטער צאָל קיין רוסלאַנד און מיט אָפֿטע הפּסקות, אויב זי קומט נאָך דאָרט בכלל אָן און איז אַ ווייניק פֿאַרשפּרייטע וואָכנשריפֿט, איז זי דערגאַנגען, ווײַזט אויס צו די לײַט פֿון **פּאַמיאַט** מיט רויזנס אַרבעטן און ווי היטלער אין זײַן צײַט האָט געוואָרנט די וועלט פֿאַר דער געפֿאַר פֿון די צוויי ייִדישע "גרויסע אימפּעריעס" — איינע אַ באָלשעוויסטישע אין בירעבידזשאַן און די צווייטע אַ ציוניסטישע אין פּאַלעסטינע, האָבן די פּאַמיאַט־לײַט דערזען אַ געפֿאַר אין דעם, וואָס עמעצער טיילט אויס די פֿרײַנדשאַפֿט צו ייִדן מצד רוסישע גרויסע שרײַבערס.

ווער ווייסט צי מיט רויזנען איז נישט געשען דאָס זעלבע, וואָס מיט אַ ייִדן אין לענינגראַד, אַ קרבן פֿון די פּאַמיאַט־לײַט, צי האָט מען געפֿונען דעם שאַפֿער, וואָס האָט רויזנען איבערגעפֿאָרן, צי איז געווען אַ געריכטלעך פֿונאַדערקלײַבן זיך בכלל, ווי אַזוי איז דאָס געשען?

דעם ציל, וואָס בערל רויזן האָט זיך געשטעלט מיט זײַן שרײַבן האָט ער כּמעט ווי דערגרייכט. ווי זאָגט עס מאָטל פּאָליאַנסקי אין זײַן "מײַן שטילע טרער בײַם פֿרישן קבֿר פֿון אַ פֿריינד" ("פֿאָלקס־שטימע", דעם 13טן סעפּטעמבער 1986): " — —

— מע קאָן גלייבן, אַז בערל רויזן האָט געטראַכט און געטרוימט צו קאָנען אַ מאָל די אַלע, דאָ און דאָרט אָפּגעדרוקטע אַרבעטן זײַנע צונויפֿזאַמלען אין איינעם אונטער איין דאַך צווישן צוויי טאָוולען אין בוך־פֿאָרעם, האָט אָבער דער שיקזאַל געוואָלט, אַז דאָס רעאַליזירן פֿונעם דאָזיקן טרוים זאָלן איצט דאַרפֿן טאָן אַנדערע".

("ישׂראל־שטימע", 22.3.1988)

וועגן "ווי אַ זאַך מאַכט זיך" פֿון איזיו שערף

גלײַכווערטלעך גראַפֿיש איבערגעטײַטשט פֿון מאַמע־לשון אויף בילדער־שפּראַך

50 צייכענונגען, פֿאַרלאַג "אַליין איז די נשמה ריין", רחובֿות, אָקטאָבער 1991, 300 עקזעמפּלאַרן

פֿישל שערף האָט געהאַט אַ קליין גאַלאַנטעריי־געוועלבל אויפֿן טשערנאָוויצער מעלפּלאַץ־מאַרק און אין דער היים אַ גרויסע ייִדישע ביבליאָטעק. געווען איינער פֿון אליעזר שטיינבאַרגס גרויסע חסידים און אַן אַקטיווער טוער אין טשערנאָוויצער ייִדישן שול־פֿאַראיין.

בנימין שעכטער האָט אויפֿן זעלבן מעלפּלאַץ געהאַט אַ שניטקראָם. געווען איינער פֿון די פֿאַנאַטישסטע ייִדיש־ריטער נאָך פֿון פֿאַר דער טשערנאָוויצער באַרימטער ייִדישער שפּראַך־קאָנפֿערענץ.

בײַ פֿישל שערף איז געוואַקסן אַ בן־יחיד, איזיו, וואָס האָט זיך אָנגעזאַפּט פֿון טאַטע־מאַמע און פֿון דער גרויסער ייִדישער ביבליאָטעק אין שטוב מיט ליבשאַפֿט צו מאַמע־לשון.

בײַ בנימין שעכטער איז געוואַקסן אַ בת־יחידה ביילציע און אַ בן־יחיד מרדכי. ביילע גאָטעסמאַן איז הײַנט אַ באַקאַנטע ייִדישע דיכטערין מיט צוויי אַרויס־געגעבענע לידער־ביכער און אַ זאַמלונג פֿון צוואָנציק זינגלידער מיט נאָטן און מרדכי איז דער באַקאַנטער בכל תּפֿוצות ייִדיש־וועלט ייִדיש־לינגוויסט, דער וואָרטזאָגער פֿון לײַטיש מאַמע־לשון און העלדישער קעמפֿער קעגן דײַטש־מעריזמען אין ייִדיש, דער צונויפֿשטעלער פֿון ייִדישן אָרטאָגראַפֿישן וועגווײַזער, וואָס איך רוף לײַטישער ייִדיש־אויסלייג.

איזיו שערף האָט טאַקע, ווי געזאָגט, זיך אָנגעזאַפּט מיט ליבשאַפֿט צו ייִדיש לשון, נאָר אים האָט פֿון קינדווײַז אָן געצויגן צו דער בילדערשפּראַך, צו מאָלעריי. ווען איך בין אין די דרײַסיקער יאָרן געקומען קיין טשערנאָוויץ, איז איזיו שערף שוין געווען אַ באַקאַנטער מאָלער. די אויסשטעלונגען מיט די בילדער פֿון משה קריניץ, פּסח שיראָקי, איזיו שערף, ר. וואָלפֿער און אַנדערע, וואָס הערש

סעגאַל האָט אײַנגעאָרדנט, דער פֿרײַנד פֿון ייִדיש קינסטלער, װעגן װעלכן כ׳האָב שױן נישט אײן מאָל געשריבן, די דאָזיקע אױסשטעלונגען דעמלט האָבן צוגעצױגן אַ גרױסן עולם.

די יונגע ייִדישע פּאָעטן און פּראָזאַיִקער, מאָלער און דראַמאַטורגן, פּראָפֿעסיאָנעלע אַקטיאָרן און אַמאַטאָרן, לערערס און קולטור־טוער, װאָס סעגאַל האָט זײ אַרום זיך גרופּירט האָבן אין טשערנאָװיץ מיט זיך פֿאַרגעשטעלט אײן געזעלשאַפֿט און ס׳איז נישט װיכטיק, װי אַזױ אײנער דעם צװײטן האָט גערופֿן חבֿר צי הער, דו צי איר, נאָר אַלע זענען בפּועל ממש געװען אײנער מיטן צװײטן נאָענטע פֿרײַנד, נאָענטע חבֿרים.

דער עלטסטער פֿון די יונגע מאָלער און דער פּראָדוקטיװסטער איז געװען משה קריניץ, װאָס אַלע קונסט־ליבהאָבער און אַלע זײַנע קאָלעגן האָבן גאָר הױך געשאַצט. אין דער סאַמע מיטן פֿון זײַן הױכן שעפֿערישן פֿלי האָט אים דער גורל אַראָפּגעשאָסן און ער איז אין 1974סטן יאָר אין טשערנאָװיץ געשטאָרבן. זײַן בת־יחידה, װאָס האָט דאָ נישט לאַנג עולה געװען קײן ישׂראל האָט מיטגעבראַכט אַן אוצר פֿון איר טאַטן דאָ אױסצושטעלן.

די בילדער פֿון פּסח שיראָקי, װאָס איז דאָ אין ישׂראל אױך אין אָנהײב זיבעציקער יאָרן געשטאָרבן, זענען געװען װי ער אַלײן איז געװען ביז גאָר ערנסט און שאַרף סײַ אין די פֿאַרבן און סײַ אין די ליניעס, װאָס האָבן זיך דורכגעשלאָגן דורך טונקלענישן און שאָטנס.

איזיו שערף, אים צו לאַנגע לעבעדיקע יאָרן, האָט זיך אױסגעטײלט פֿון זײַנע קאָלעגן זכרונם־לברכה, מיט זײַן חן און הומאָר אין זײַן מאָלערײַ. אין זײַן אַלבום מיט גראַפֿישע בלעטער ״מאָטיװן און געשטאַלטן אין דער ייִדישער ליטעראַטור״, װאָס װידער הערש סעגאַל האָט אין 1969 אין תּל־אָבֿיבֿ אין פֿאַרלאַג ״עקד״ אַרױסגעגעבן, זענען פֿון 18 צײכענונגען — אײנס געװידמעט מ. מ. װאַרשאַװסקין, אײנס צו י. ל. פּרץ, אײנס גאָלדפֿאַדענען, אײנס צו מענדעלע מוכר־ספֿרים, אײנס צו זלמן שניאור, אײנס משה נאַדירן, אײנס אַ פֿאָלקס־קינדערליד און צען צײכענונגען שלום־עליכמען. דאָס לעצטע דאָס 18טע איז אַן אױטאָפּאָרטרעט. אױב לאַבן איז געזונט איז שמײכלען אַװדאי און אַװדאי געזונט, װײַל שמײכלען געדױערט לענגער.

אײגנטלעך האָב איך געזאָלט גלײַך אָנהײבן מיט די 50 איבערגעטײַטשטע גלײַכװערטלעך,נאָר װײַל כ׳האָב אָנגעהױבן מיטן ייִחוס פֿון מײַן אַלטן פֿרײַנד איזיו שערף און דערמאַנט דעם אַלבום מיט צײכענונגען פֿון 1969, װאָס סעגאַל האָט אַרױסגעגעבן אין ישׂראל, װען שערף האָט נאָך געלעבט אין יאַס, רומעניע (װוּ ער איז, אַגבֿ, געװען לאַנגע יאָרן דער סצענאָגראַף פֿון דאָרטיקן ייִדישן מלוכה־טעאַטער ביזן פֿאַרמאַכן זיך), כּדי װידער צו װײַזן פֿון װאַנעט דער מאָלער קומט, מוז איך שױן אױך דערמאַנען זײַנע פֿריִערדיקע צײכענונגען צו די זעקס שלאָפֿלידער, ניגונים: לײבו לעװין אַרױסגעגעבן פֿון זעלבן הערש סעגאַל אין 1939, זײַנע צײכענונגען צו זײליק באַרדיטשעװערס לידער מיט ניגונים

אַרויסגעגעבן פֿון הערש סעגאַל אין זעלבן יאָר.ביידע אַלבומען זענען איבערגעדרוקט געוואָרן אין ישׂראל אין 1969 און אין 1981 און אַז איך האַלט בײַ די פֿריִערדיקע צייכענונגען שערפּס מעג איך אויך דערמאָנען זײַנע עטלעכע און צוואַנציק צייכענונגען צו מײַן פּאָעמע "מאַרקולעשט", פֿון װעלכע כ'האָב אויסגענוצט, לײַדער, נאָר פֿיר, ווי אויך די נישט אויסגענוצטע צייכענונגען צו מײַן "מאָטל וועליקי".

נאָך אַזאַ לאַנגן אַרײַנפֿיר ווערט, האָף איך, קלאָר ווערן פֿאַר וואָס ס'האָט דעם מאָלער איזיו שערף, כאָטש ס'האָט אים געצויגן פֿון קליינערהייט צו דער בילדער־שפּראַך, האָט זיך דאָך אין אים אָפּגערופֿן זײַן מוטער־שפּראַך, צו וועלכער ער איז אַנגעזאָפּט, ווי געזאָגט, מיט אַזוי פֿיל ליבשאַפֿט און אין איצטיקן בילדער־אַלבום "ווי אַ זאַך מאַכט זיך" צונויפֿגעבראַכט ביידע שפּראַכן, ווײַל יִידיש רוט נישט, יִידיש לאָזט זיך נישט און דאָ מוז איך ווידער דערמאָנען די שעכטערס, דעם שבֿט שעכטער. די מוטער ליפּשע שעכטער שרײַבט אין אירע זכרונות — "איך בין גליקלעך, וואָס גאָט האָט מיר געהאָלפֿן צו זען זיבן אייניקלעך (פֿון אירע צוויי קינדער מ.ח.), וואָס וועלן אפֿשר לייענען מײַנע זכרונות". פֿון איר זון מרדכי האָב איך נישט לאַנג באַקומען אַ בריוו (פֿאַרן 23סטן אָקטאָבער, 1991) און צווישן אַנדערע זאַכן שרײַבט ער דאָרט אויך — "כ'האָב שוין אַ גאַנצן מנין אייניקלעך (נײַן ייִנגלעך און איין מיידעלע). ס'צענטע איז צוגעקומען אין אויגוסט. זיבן פֿון זיי, די וואָס קענען שוין רעדן קנאַקן זיי אַ ייִדיש! אַ ייִדיש פֿון ייִדישלאַנד". אויב צורעכענען צו זיי ביילע גאָטעסמאַנס אייניקלעך, וויפֿל וועלן זיך באַקומען אוראייניקלעך ליפּשעס, וואָס רעדן ייִדיש?

אין זײַן אַרײַנפֿיר שרײַבט דער מאָלער — פֿון בערך 250 גלײַכווערטלעך, וואָס איך האָב אין דער בילדערשפּראַך פֿאַרטײַטשט, האָב איך אָפּגעקליבן נאָר 50 און ברענג זיי אײַך דאָ.

אין דער אמתן זענען עס 51, ווײַל אין דער הילע, "ווי אַ זאַך מאַכט זיך" זענען מיר אַ וואַזע פֿון וועלכער סע וואַקסן אַרויס צוויי הענט, וואָס מאַכן זי אָט די זאַך, די וואַזע און ס'איז אַ פֿאַרטײַטשט גלײַכווערטל, כאָטש סע קומט נישט אַרײַן אין דער רשימה.

געוויינלעך, ווען מען איבערזעצט פֿון איין שפּראַך אין אַ צווייטער און דערנאָך צוריק פֿון דער צווייטער אין דער שפּראַך פֿון אָריגינאַל, באַקומט זיך אַ גאַנץ נײַער טעקסט און שוין נישט דער אָריגינאַל, איז ווי זשע קאָן איך צוריקברענגען די צייכענונגען צום מאַמע־לשון, צום אָריגינאַל? גאַנץ פּשוט, איך דאַרף אַרײַנקוקן אין אַלבום און ברענגען די רשימה:

1. אָדם אַ מענטש, קאַטשקע רוק זיך, 2. לייגט זיך אין אַ קליין טעפּעלע, 3. אויסגעוועון די צײַט, 4. אויס כּלה, ווידער מויד, 5. אויס קאַפּעליוש־מאַכער, 6. אַ קישקע אָן אַ דנאָ, 7. אויפֿן בוידעם אַ יריד, 8. אַ סוד פֿאַר אַ מנין מענטשן, 9. אַ סימן, אַ גוי מיט אַ ווײַסער קוטשמע, 10. נעמט ווי אַ בלינד פֿערד.

ווען די ייִדישע פּרעסע וואָלט געצאָלט האָנאָראַר, האָנאָראַר לויט דער צאָל

שורות, וואָלט איך אײַך דאָ געבראַכט די פֿולע רשימה פֿון אַלע 51 גלײַכ־ווערטלעך, נישט רעכענענדיק זיך דערמיט צי איר האָט דערצו געדולד און צי ס'איז פֿאַר אײַך אינטערעסאַנט די גאַנצע רשימה איבערצולייענען, נאָר אַזוי ווי מע צאָלט נישט, וועל איך זיך דאָ אָפּשטעלן און בײַם געזעגענען זיך אײַך ראָטן אײַנצושאַפֿן זיך דעם אַלבום, ווײַל שמייכלען איז געזונט דאָקטוירים הייסן שמייכלען.

וועגן סאַמע עיקר — וועגן עליה

פֿאַראַן אַ רוסיש פֿאָלקס־מעשׂהלע "אַ באָרשט פֿון אַ האַק" הייסט עס דאָס מעשׂהלע, אין וועלכן סע דערציילט זיך וועגן אַ ניקאָלײַעווסקי סאָלדאַט, וואָס האָט אויסגעדינט 25 יאָר סלוזשבע, און פֿאָרט אַהיים. נאָכן אָפּפֿאָרן אַ דרײַ הונדערט ווערסט מיט דער באַן איז אים נאָך געבליבן אַ צוויי הונדערט ווערסט צוצוגיין צו פֿוס ביז צו זײַן היימישן דאָרף. נאָכן ערשטן טאָג גיין איז ער בײַ נאַכט אָנגעקומען אין אַ דערפֿל אַ מידער און נאָך מער אַ הונגעריקער. אָנקלאַפּנדיק אין סאַמע ערשטן שטיבל, האָט אים געעפֿנט אַ זקנה.

— באַבעשי, איך קען בײַ דיר איבערנעכטיקן?

— דו קענסט, ענטפֿערט זי אים. צי האָט זי דען געקענט אים ענטפֿערן, אַז נישט?

— און עפּעס צו עסן איז דאָ בײַ דיר, באַבעשי?

— ניין, זונעלע, איך האָב גאָרנישט אין שטוב.

— גוט, ענטפֿערט ער, אָבער אַ האַק אין שטוב פֿאַרמאָגסטו? איך קען אָפּקאָכן אַ באָרשט פֿון אַ האַק.

זי האָט אים דערלאַנגט אַ האַק און אַ טשוהון מיט וואַסער און אַ ביסל שפּענער. ער האָט אויפֿן פּריפּעטשיק צעלייגט פֿון די שפּענער אַ פֿײַער אונטערן פֿולן טשוהון, די האַק אַרײַנגעוואָרפֿן אין וואַסער און זיך געווענדעט צו דער זקנה: און איצט, באַבעשי, גיב מיר אַ שטיקל פֿלייש צום באָרשט. זי האָט אים געגעבן. און איצט, זאָגט ער, גיב מיר אַ פּאָר רויטע בורעקלעך און עטלעכע קאַרטאָפֿל און קרויט און זאַלץ און אַלץ־אַלץ, וואָס מע דאַרף אויף אָפּצוקאָכן דעם באָרשט און אַז ער איז פֿאַרטיק געוואָרן, דער באָרשט, האָט ער די האַק אַרויסגעוואָרפֿן און פֿאַרבעטן די באַלעבאָסטע צו עסן מיט אים דעם "באָרשט פֿון אַ האַק".

יש אומרים, אַז דאָס מעשׂהלה איז נישט קיין רוסיש. רוסיש איז נאָר דער באָרשט און אפֿשר אויך די האַק. בײַ אַ אַנדער פֿאָלק דערציילט מען די זעלבע מעשׂה, נאָר וועגן אַ סוף פֿון אַ שטיין. בײַ אַ דריט פֿאָלק דערציילט מען די זעלבע מעשׂה, נאָר וועגן אַ טשאָרבע פֿון אַ מעסער. פֿאַראַן, מסתּמא, בײַ אַנדערע פֿעלקער אַנדערע וואַריאַנטן. בײַ ייִדן, למשל, דערציילט מען וועגן אַ קוגל פֿון

דשעגעבץ (שמירעבץ צו רעדער פֿון אַ וואָגן), נאָר דאָס איז אַן אַנדער סאָרט מעשׂהלע מיט אַן אַנדער מוסר־השׂכּל און מיר וועלן זיך אומקערן צו אונדזער מעשׂהלע, צום רוסישן וואַריאַנט — "אַ באַרשט פֿון אַ האַק".

אויב איר וועט דערציילן דאָס מעשׂהלע פֿאַר קינדער, וועלן זיי, די קינדער, לויטן כּלל — "אויף אַ מעשׂה פֿרעגט מען נישט קיין קשיות" טאַקע גאָרנישט פֿרעגן און אויב אַ דערוואַקסענער וועט יאָ פֿרעגן, צוליב וואָס דאַרף מען די האַק אין באַרשט אַרײַן, וועלן די קינדער אים ענטפֿערן, אַז אָן דער האַק וואָלט קיין מעשׂה נישט געווען. פֿאָלקס־מעשׂיות זענען אָבער נישט קיין קונסט לשם קונסט און דער ענטפֿער איז אַן אַנדערער — אָן דער האַק וואָלט די באָבעשי די אַלע פּראָדוקטן צום באַרשט נישט געגעבן. אין רוסלאַנד נאָך דער אָקטאָבער־איבערקערעניש, אַז די ווירטשאַפֿט האָט זיך פֿון אָרט נישט גערירט, איז דער נעפּ געווען די האַק, וואָס האָט אַרײַנגעצויגן די פּראָדוקטן אין טאָפּ אַרײַן. בײַ אַלע רעזשימען אין רוסלאַנד, סײַ בײַ אַ מעסער־רעזשים, סײַ בײַ אַ האַק־רעזשים קאָכט מען די באַרשטן פֿון איין און די זעלבע פּראָדוקטן. די באָלשעוויקעס האָבן געטענהט, אַז בײַ אַ קאָמוניסטישער פּלאַנירטער ווירטשאַפֿט ווערן די פּראָדוציר־קרעפֿטן באַפֿרײַט צון אַ העכערער פּראָדוקציע ווי אויך צו אַ מער גערעכטער פֿאַרטיילונג. זענען מיר טאַקע עדות, אַז בײַ זייער פּלאַנירטער ווירטשאַפֿט ווערן פֿון דער רוסישער פּרוכטבאַרער שוואַרצערד נישט אַרויסגעצויגן און נישט פּראָדוצירט גענוג לעבנס־מיטלען, וואָס מע דאַרף זיי דערפֿאַר אימפּאָרטירן פֿון יענע לענדער, וועלכע פּראָדוצירן מער וויפֿל זיי אַליין באַדאַרפֿן, דאָס הייסט אויף עקספּאָרט, דערפֿאַר אָבער פּראָדוצירן די באָלשעוויקעס מערער ביקסן, אויך אויף עקספּאָרט און טוען אַלץ, אַז די קונים זאָלן זיי וואָס מערער באַדאַרפֿן אין זייער קאַמף פֿאַר... שלום, פֿאַרשטייט זיך, ווי קען עס דען אַנדערש זײַן?

כ'האָב געהאַט אין טשערנאָוויץ אַ שכן אַ פּאַרטייער, אַפֿילו אַ פּאַרטיי־סעקרעטאַר ערגעץ ווו אויף אַן אונטערנעמונג. ער פֿלעגט שטענדיק רעדן וועגן "לאַגער פֿון שלום אין דער שפּיץ מיטן גרויסן ראַטן־פֿאַרבאַנד". ווען כ'האָב זיך מיט אים איין מאָל געטראָפֿן אויג אויף אויג און ער איז ווידער אַרויס מיט זײַן פּסוק, האָב איך אים געפֿרעגט, וואָס איז פֿאַרן ראַטן־פֿאַרבאַנד וויכטיקער, דער שלום צי דער שפּיץ. ריכטיקער — דער שלום צי דאָס שטיין אין שפּיץ פֿונעם שלום־לאַגער. ער האָט אַ שמייכל געטאָן. קיין נאַר איז ער נישט געווען. שטילערהייט געמאַכט מיטן פֿינגער — נו־נו־נו און אַריבער אויף אַן אַנדער טעמע.

ווען ס'איז אונטערגעשריבן געוואָרן דער קעמפּ־דייוויד־אָפּמאַך, דער שלום־אָפּמאַך צווישן מצרים און ישׂראל און רוסלאַנד האָט זיך אים קעגנגעשטעלט, האָב איך זיך דערמאָנט אין מײַן פֿראַגע צו מײַן שכן. דער אָפּמאַך איז דאָך געשלאָסן געוואָרן אָן דעם שפּיץ פֿון רוסלאַנד, טויג ער נישט און מע דאַרף זיך אים קעגנשטעלן און שטיצן דעם פֿראָנט, וואָס זאָגט זיך אָפּ צו שליסן אַ שלום מיט ישׂראל, דעם אַזוי גערופֿענעם אָפּזאָג־פֿראָנט, קונים פֿון רוסיש געווער.

אין זייער קריטיק צו אַלצדינג, וואָס איז נישט סאָוועטיש אָדער נישט אונטערן סאָוועטישן איַינפֿלוס, טענהן די רוסן, אַז אין די מערבֿ־לענדער איז כּמעט קיין חילוק נישט פֿון די סאָציאַליסטן ביז די אַנדערע, די רעכטע פּאַרטייען. אין דער אמתן זענען כּמעט אַלע פּונקטן פֿון דער סאָציאַליסטישער פּראָגראַם — אַן אַרבעטסטאָג פֿון מאַקסימום אַכט שעה (היַינט שוין אַפֿילו וויניקער), יערלעכער באַצאָלטער אורלויב, עלטער־פּענסיע, קראַנקן־קאַסעס און פֿאַרזיכערונגען קעגן קראַנקייטן און אינוואַלידשאַפֿט, בכּבֿודיקער לוין, לעגאַלע פּראָפֿעסיאָנעלע פֿאַראיינען מיט רעכט צו פּראָקלאַמירן שטריַיקן און צענדליקער אַנדערע דערגרייכונגען, וועלכע די סאָציאַליסטן האָבן אויסגעקעמפֿט, ווערן היַינט דורך די רעכטע פּאַרטייען אָפּגעהיט, אויב זיי ווילן עקזיסטירן, וויַיל די פּונקטן פֿון דער סאָציאַליסטישער פּראָגראַם זענען געוואָרן פּונקטן פֿון די קאָנסטיטוציעס אין די דאָזיקע לענדער, אָן זיך צו באַנוצן מיטן וואָרט סאָציאַליזם, אויף אַזוי וויַיט האָבן זיך אין דעם זין די לינקע מיט די רעכטע דערנענטערט. דאַקעגן דער ראַטן־פֿאַרבאַנד און אַלע זיַינע סאַטעליטן־לענדער, וועלכע רופֿן זיך סאָציאַליסטישע זענען פֿאַרגליווערט געוואָרן און דערפֿירט דערצו, אַז דער אַרבעטער־קלאַס אין דער אַזוי גערופֿענער קלאַסנלאָזער געזעלשאַפֿט זאָל דאַרפֿן פֿירן אַ קלאַסנקאַמף מיט די סאָציאַליסטישע מאַכט־אָרגאַנען, אַ קאַמף פֿאַר ברויט ווי, למשל, סאָלידאַרנאָסט אין פּוילן. אמת, אין די בורזשואַזע דעמאָקראַטיעס, ווי די סאָוועטן רופֿן די מערבֿ־לענדער און זייערס גליַיכן, איז אויך נישט אַלץ אידעאַל. פֿאַראַן אויך רעכטע פּאָליטיקער אויף זייער אופֿן פֿאַרגליווערטע, וועלכע קלאַמערן זיך אויך אין זייערע נעבטיקע אידעען. מיר איז פֿאַרגעקומען קאָמיש, ווען אויף אַן עפֿנטלעכן ויכּוח האָט בעגין אָפּלאַכעריש געפֿרעגט פּרסן — "ווו איז אַהינגעקומען דאָס וואָרט סאָציאַליזם פֿון איַיער פּאָליטישן ווערטערבוך?". פּרס איז דאָס איינציקע פּראָבלעם מיט וועלכן בעגין האָט זיך אויסגעצייכנט ספּראָוועט. בכלל איז בעגין אַ מומחה אויף אָפּצולאַכן. אויך סאַדאַטן האָט ער צעלייגט, אונדזער בעגין. ווען סאַדאַט האָט אָנגערופֿן קאַרטערן אומבאַוווסטער העלד, האָט בעגין עפֿנטלעך און אויפֿן אָרט, אָן אַ סך צו טראַכטן, אים פֿאַרריכט, אַז דער העלד, קאַרטער, הייסט עס, איז גאָרנישט אַזאַ אומבאַוווסטער. אָבער אין די אונטערהאַנדלונגען האָט סאַדאַט באַקומען אַלץ, וואָס ער האָט געוואָלט באַקומען און אַפֿילו איבערגעלאָזט אַ צאָן אויף צאָנווייטיק — טאַבאַ מיטן לוקסוס־האָטעל סאָנעסטאַ.

מע מוז מודה זיַין, אַז אין דער אָפּאָזיציע האָט בעגין געגלאַנצט. מיר דערמאָנט זיך אַ גלענצנדיקע רעפּליק פֿון בעגינען, ווען פּרס איז געווען פֿאַרטיידיקונגס־מיניסטער און דערקלערט, אַז ער איז נישט שטאַרק געריַרט פֿון באַריכט פֿון מדינה־קאָנטראָלער און פֿון זיַינע — דעם קאָנטראָלערס, באַמערקונגען צו געוויסע אַספּעקטן אין זיַין, פּרסעס, מיניסטעריום. דערויף האָט בעגין אויסגערופֿן: און אפֿשר וועסטו זיך סטאַרען כאָטש אַ ביסל געריַרט צו ווערן, מר פּרס. כ׳האָב זיך צוגעקוקט אין משך פֿון עטלעכע יאָר, ווי אַזוי דער פּרעמיער־מיניסטער מנחם

בעגין ווערט געווירט פֿון די באַמערקונגען און קריטיק אויף זײַן חשבון און כ׳מוז פֿעסשטעלן, אַז קיין שום צד האָט נישט געגלאַנצט.

ווען פרס, ווי דער שעף פֿון דער אָפּאָזיציע, האָט איין מאָל אין דער כנסת געפֿרעגט בעגינען, וואָס איז מיט זײַנע אָפּטע דראָונגען אויפֿן אַדרעס פֿון די סירישע ראַקעטעס, האָט אים בעגין געענטפֿערט, אַז צה״ל איז מסוגל אין משך פֿון אַ פּאָר שעה די ראַקעטעס צו צעשטערן. ס׳איז מיר פֿאָרגעקומען קאָמיש, וואָס בעגין קלערט אויף פּרסן, אויף וואָס צה״ל איז פֿעיִק. פרס, וואָס איז געווען וויצע־פֿאַרטיידיקונגס־מיניסטער פֿון בן־גוריון און פֿאַרטיידיקונגס מיניסטער אין לעצטן קאַבינעט פֿון מערך, ווייסט זיכער נישט ווייניקער פֿון פּרעמיער בעגין אויף וואָס צה״ל איז פֿעיִק.

דער אמת איז, אַז לענג־אויס דעם גאַנצן וועג פֿון זײַן רעגירן די עטלעכע יאָר, וואָס ער האָט רעגירט, איז אים אויסגעקומען, בעגינען, צו שטיין קעגן פּילצאָליקע קעגנער. קודם־כּל די קעגנער פֿון אַ שלום מיט מצרים, די קעגנער פֿון אַזוי גערופֿענעם אייגענעם לאַגער, קעגנער פֿון אומקערן די נאַפֿט־קוואַלן אין אַבו ראָדעס, קעגנער בײַם צענעמען די יִישובֿים אין פּיתחת רפֿיח. דערנאָך קעגנער פֿון אַנדערן לאַגער, פֿון דער התישבֿות אין יהודה און אין שומרון. דערנאָך כּל מיני קעגנער פֿון דער לבֿנון־מלחמה. אַזעלכע, וועלכע זענען געווען קעגן דער דאָזיקער מלחמה בכלל און אַזעלכע, וועלכע זענען מסכּים געווען אַרײַנצוגיין נאָר 40 ביז 45 קילאָמעטער. קעגנער פֿון אַרײַנגיין קיין ביירוט און קעגנער פֿון אויפֿהאַלטן זיך דאָרט נאָך ביירוט און נאָכן אַרויסטרײַבן פֿון לבֿנון אַראַפֿאַטן.

פֿראַגן פֿון טעריטאָריעלע פּרעטענזיעס אָדער, פֿאַרקערט, טעריטאָריעלע פּשרות קערן זיך גאָרנישט אָן מיט לינקס אָדער רעכטס. דער רעכטער דע־גאָל האָט צוריקגעבראַכט די פּראַנצויזן פֿון אַלזשיר און איר געגעבן זעלבס־שטענדיקייט, דער רעפּובליקאַנער ניקסאָן האָט געענדיקט די מלחמה אין וויעטנאַם. דער מיניסטער פֿון דער לינקער, דער מערך־רעגירונג, משה דיין, האָט געהאַט דערקלערט, אַז בעסער שאַרם אַ שייך אָן אַ שלום איידער אַ שלום אָן שאַרם אַ שייך און משה דיין דער מיניסטער פֿון דער רעכטער, פֿון דער ליכּוד־רעגירונג אונטער בעגינען האָט אָפּגעגעבן שאַרם אַ שייך פֿאַר אַ שלום, אָדער, ריכטיקער, פֿאַר אַ שלום־אָפּמאַך.

(אין משך פֿון בעגינס רעגירן זענען איינער נאָכן אַנדערן געווען דרײַ פֿינאַנץ־מיניסטאָרן מיט פֿאַרשידענע שטעלונגען צו פֿינאַנציעלע פּראָבלעמען און דאָס נישט דערפֿאַר, ווײַל בעגין זאָל, חלילה, האָבן געביטן זײַן קוק אויף אָט די פּראָבלעמען, נאָר ווײַל ער האָט בכלל נישט געקוקט אָדער גאָר אַראָפּגעקוקט אויף אָט די ״נידעריקע״ און ״נישט וויכטיקע״ ענינים.)

מע קען זײַן אַן אָנהענגער אָדער אַ קעגנער פֿון דער אָדער יענער שטעלונג. מע קען אויך זײַן אַ צעטומלטער פֿון אויסהערן אַלע צדדים און ערשט נישט וויסן, ווו מען איז אין דער וועלט. אָבער אויף איין געביט זענען, דאַכט זיך, נישט פֿאַראַן קיין

קעגנער, חוץ אפֿשר די אָפֿענע קעגנער, די קאָמוניסטן. איך מיין דאָ דאָס געביט פֿון עליה און איך קען ביז היַינט נישט פֿאַרשטיין די גלײַכגילטיקייט דווקא מצד בעגינען צו דער עליה, און דאָס פֿאַרנאַכלעסיקן זי מצד זײַנע צוויי קליטה־מיניסטאָרן פֿריִער לוי און דערנאָך אוזן.

(״ישׂראל־שטימע״, 1984)

איך דערמאָן זיך: ס'איז געווען דאָס לערניאָר 1940-41. איך בין געווען לערער אין אַ ייִדישער מיטלשול אין קעשענעוו, אַגבֿ, דאָס ערשטע סאָוועטישע לערניאָר דאָרט. ווען כ'האָב זיך אַרומגעקוקט, אַז קיין ייִדישע געשיכטע ווערט אין דער ייִדישער שול נישט געלערנט, האָב איך איין מאָל, טרעפֿנדיק אַליין דעם שול־דירעקטאָר — אַן אָדעסער ייִד מיטן נאָמען גייערמאַן — אים געפֿרעגט, וואָס דאָס באַדײַט. זאָל זײַן, האָב איך געזאָגט, נישט פֿון די בורזשואַזע היסטאָריקער גרעץ צי דובנאָוו, נאָר אַ מאַרקסיסטישע געשיכטע פֿו ייִדישן פֿאָלק. דערבײַ האָב איך אין זינען געהאַט די אַרויסזאָגונגען, אין וועלכע כ'האָב זיך דערמאָנט, פֿון אַ מאַרקולעשטן קאָמוניסט אויף זײַנער אַ לעקציע בשעתו אין דער דאָרטיקער קולטור־ליגע וועגן בורזשואַזע און מאַרקסיסטישע היסטאָריקער. דער שול־דירעקטאָר האָט קודם־כּל געוואָלט וויסן, צי כ'האָב שוין עמעצן געפֿרעגט וועגן דעם. ניין, האָב איך געזאָגט. אויב אַזוי איז גוט, ענטפֿערט ער, און איר זאָלט טאַקע קיינעם מער נישט פֿרעגן. בײַ אונדז האָט ער געזאָגט, לערנט מען נישט קיין געשיכטע פֿון דעם אָדער פֿון יענעם פֿאָלק באַזונדער. נישט פֿונעם רוסישן און נישט פֿונעם אוקראַיִנישן, נאָר פֿונעם ראַטן־פֿאַרבאַנד. די געשיכטע פֿון פֿ.ס.ס.ר. איין געשיכטע אויף אַלע שפּראַכן אין אַלע שולן פֿונעם לאַנד, האָט ער געזאָגט און איז אַוועק. דאָס הייסט, האָב איך בלײַבנדיק אַליין, מיר געזאָגט. די געשיכטע פֿון דער טעריטאָריע פֿון דער ריזיקער רוסישער אימפּעריע. דאָס הייסט, האָב איך מיר אין יאָרן אַרום פֿאַרטײַטשט — אויב אין קאַווקאַז, אין גרוזיע, למשל, ווערן אַנטדעקט סימנים, שפּורן, באַווײַזן פֿון אַלטע קולטורן פֿון צוריק מיט טויזנטער יאָרן, קענען די רוסן שרײַבן: בײַ אונדז אין לאַנד זענען שוין מיט טויזנטער יאָרן צוריק געווען א.אַ.וו. איך וועל זיך דאָ נישט אַרײַנלאָזן אין דעם הבֿה נתחכּמה פֿון גרויסרוסישן נאַציאָנאַליזם. אין דער געשיכטע פֿון פֿ.ס.ס.ר. פֿאַרנעמט דאָס רוסישע ייִדנטום אַ פּאָר שורות פֿון לענינס אַרויסזאָגונגען קעגן די צאַרישע פּאָגראָמען. דאַכט זיך, אַז אויך בירעבידזשאַן פֿאַרנעמט, אָדער האָט פֿאַרנומען אַ שטיקל פּלאַץ.

ווען איך האָב צוריק מיט עטלעכע יאָר באַקומען דאָס ווונדערלעכע בוך פֿון מרדכי שנער — ״פֿון מטולה ביז אילת״ האָב איך מיר געזאָגט און אָט איז די געשיכטע פֿון ייִדישן לאַנד. עס האָבן זיך באַקומען צוויי באַזונדערע געשיכטעס — די געשיכטע פֿון ייִדישן פֿאָלק און די געשיכטע פֿון ייִדישן לאַנד, וואָס צוליבן לאַנגן ייִדיש גלות פֿאַלן זיך די צוויי געשיכטעס נישט שטענדיק צונויף און די אויפֿגאַבע

פֿון ציוניזם אין פּשוטע ווערטער באַשטייט אין צוריקברענגען דאָס ייִדישע פֿאָלק אָדער די גרעסטע טייל זײַנע צום ייִדישן לאַנד. כּל־זמן די גרעסערע טייל פֿון ייִדישן פֿאָלק לעבט נישט אין ייִדישן לאַנד האָט דער ציוניזם זײַן ציל נישט דערגרייכט.

(ירושלים, 15טן פֿעברואַר 1984)

פֿון "איינִיקייט" צוריק צו "סאָוועטיש היימלאַנד"

אין די מלחמה־יאָרן האָט אָנגעהויבן אַרויסצוגיין אין ראַטן־פֿאַרבאַנד אַ ייִדישע צײַטונג "איינִיקייט" צו ערשט אין קויבישעוו דערנאָך אין מאָסקווע. די גרעסטע איבערראַשונג פֿון דער דאָזיקער צײַטונג איז געווען דער נאָמען "איינִיקייט" און האָט באַטײַט איינִיקייט פֿון סאָוועטישן ייִדנטום מיט די ייִדן פֿון דער גאַנצער וועלט, בעיקר, מיטן גרעסטן ייִדישן יישוב, דאָס אַמעריקאַנער ייִדנטום. אויך אין אַמעריקע גופֿא האָט אָנגעהויבן אַרויסצוגיין אַ פּאַראַלעלע אויסגאַבע מיטן זעלבן נאָמען "איינִיקייט" און דערמיט איז די איבערראַשונג נאָך מער אונטערגעשטראָכן געוואָרן, ווײַל ביז דער מלחמה האָט דאָס סאָוועטישע ייִדנטום באַטײַט אַ טייל פֿונעם סאָוועטישן פֿאָלק און האָט גאָרנישט קיין בשותּפֿותדיקס מיט די ייִדן פֿון דער קאַפּיטאַליסטישער וועלט. כּלל ישׂראל האָט דאָרט געמיינט אַ רעאַקציאָנערער באַגריף, וואָס שטימט נישט מיט סטאַלינס "דער מאַרקסיזם און די נאַציאָנאַלע פֿראַגע". קעגן סאָוועטישן ייִדנטום זענען געעפֿנט געוואָרן צוויי פֿראָנטן, איינעם — קעגן פֿאַרבינדונגען מיט די ייִדן אויסער די גרענעצן פֿון ראַטנפֿאַבאַנד, ווער פֿון יענעם דור לייענער געדענקט נישט, וואָס דער דיכטער פּרץ מאַרקיש האָט אַרײַנגעכאַפּט פֿאַרן אָפּדרוקן זײַן כּשרע פּאָעמע "נישט געדאגהט" אין די וואַרשעווער "ליטעראַרישע בלעטער". דעם צווייטן פֿראָנט, אַן אינערלעכער, איז געעפֿנט געוואָרן קעגן דער אַזוי גערופֿענער נאַציאָנאַלער באַגרענעצטקייט פֿון די סאָוועטישע ייִדן אינערהאַלב דעם ראַטן־פֿאַרבאַנד. די גרויסע צאָל ייִדישע שולן און אַפֿילו אַ צאָל ייִדישע הויכשולן, די ייִדישע צײַטונגען און זשורנאַלן, ייִדישע טעאַטערס און פֿאַרלאַגן פֿון ייִדישע ביכער, וועלכע זענען אויפֿגעקומען מיטן אַזוי גערופֿענעם שוווּנג פֿון אָקטאָבער זענען ביסלעכווײַז אײַנגעשרומפּן געוואָרן, פֿאַרקלענערט געוואָרן אין זייער צאָל. די, וועלכע האָבן אַזוי גיך נישט אײַנגעשלאָסן זיך אינעם "נאַטירלעכן" אַלגעמיינעם שטראָם פֿון אינטעגראַציע און דאָס מיינט רוסיפֿיקאַציע, האָט מען באַצייכנט נישט נאָר פֿאַר נאַציאָנאַל באַגרענעצט, ווי אויבן דערמאַנט, נאָר אויך פֿאַר אָפּגעשטאַנען און פֿון נאַציאָנאַל באַגרענעצט און נאַציאָנאַל אָפּגעשטאַנען ביז באַשולדיקט ווערן אין בורזשואַזן נאַציאָנאַליזם איז איין שפּאַן.

מיטן אײַנשליסן אין 1939–1940 די מערבֿ־געביטן לענג־אויס כּמעט דער

גאַנצער מערבֿ־גרענעץ, אין צפֿון — די באַלטישע לענדער עסטלאַנד, לעטלאַנד און ליטע אין דרום — באַסאַראַביע און אַ שטיק בוקאָווינע און צווישן צפֿון און דרום — מערבֿ־ווײַסרוסלאַנד און מערבֿ אוקראַיִנע, געביטן געדיכט באַפֿעלקערטע פֿון ייִדן, מיטן אײַנשליסן זיי אין באַשטאַנד פֿון ראַטן־פֿאַרבאַנד האָט די אײַנגעשרומפּענע סאָוועטישע ייִדישע קולטור צובאַקומען פֿריש בלוט אויך אין שעפֿער נאָר דער עיקר אין אָפּנעמער — לייענער און טעאַטער־באַזוכער און טויזנטער ייִדישע שילער אין די ייִדישע שולן, וואָס האָט זיי אין דער אמתן דערוואַרט דער זעלבער גורל פֿון אונטערגאַנג. ווי אַ לערער פֿון איינער פֿון די פֿינף ייִדישע מיטלשולן אין קעשענעוו אינעם לערניאָר 1940–1941 געדענק איך, אַז אויפֿן לערניאָר 1941־42 איז פֿאַרפּלאַנירט געוואָרן בלויז דרײַ ייִדישע מיטלשולן און צוויי פֿאַרבײַטן אויף נאָך רוסישע. אין די דאָזיקע געביטן זענען מיטן אַרײַנמאַרש פֿון דער רויטער אַרמיי פֿאַרמאַכט געוואָרן אַלע ייִדישע אינסטיטוציעס און צײַטונגען. ס'איז געווען שווער צו נעמען אין די הענט די איינציקע דעמלט אין גאַנץ רוסלאַנד ייִדישע צײַטונג דעם קיִעווער "דער שטערן" און צו זען דאָס בילד, ווו דער חבֿר מאָלאָטאָוו דריקט די האַנט פֿון הער היטלער אין בערלין.

היטלערס אָנפֿאַל אויף רוסלאַנד האָט אַ סך געענדערט. עס זענען פֿאַרשוווּנדן די שאָדנפֿריידיקע מעלדונגען וועגן דער העלדישער גערמאַנישער אַוויאַציע, וועלכע האָט דערפֿאָלגרײַך באָמבאַרדירט לאָנדאָן און טויזנטער אַנדערע זאַכן. עס האָט זיך באַוויזן די צײַטונג "אייניקייט", וואָס האָט צוגלײַך מיט אַלע סאָוועטישע צײַטונגען געבראַכט דאָס מאָל באַריכטן פֿון פֿראָנט. וועגן סטאַלינגראַד און וועגן קיִעוו, וועגן וואַרשע און וועגן צעשטערטן בערלין. די "אייניקייט" האָט שפּעטער געבראַכט באַריכטן פֿון גראַמיקאָס אויפֿטריטן אין דער אָרגאַניזאַציע פֿון די פֿאַראייניקטע פֿעלקער דערנאָך באַריכטן וועגן ישׂראלס באַפֿרײַונגס־מלחמה און אַלץ איז געגאַנגען כּשורה, אָבער נישט בײַ סטאַלינען. ער האָט פּלוצעם געמאַכט אַ סוף צו אַלץ — צום ייִדישן אַנטיפֿאַשיסטישן קאָמיטעט און צו זײַנע מיטגלידער, צו דער צײַטונג "אייניקייט", צום ייִדישן פֿאַרלאַג און צו די בעסטע ייִדישע שרײַבערס, צום ייִדישן טעאַטער און צו די בעסטע אַקטיאָרן. ס'איז צו אַלץ געקומען אַ סוף, ביז ס'איז געקומען אַ סוף אויך צו סטאַלינען. כרושטשאָוו האָט אָפּגעשטעלט סטאַלינס אינקוויזיציע, האָט באַפֿרײַט הונדערטער טויזנטער אומשולדיקע אַרעסטאַנטן און צווישן זיי די ייִדישע שרײַבערס. אַ קליינע צאָל פֿון עלטערן דור, דער גרעסטער טייל האָט זיך פֿון אַרעסט ניט אומגעקערט. וועגן זייער טראַגישן גורל האָט מען זיך שפּעטער דערוווּסט. די שרײַבערס פֿון צווייטן דור זענען ווער פֿריִער און ווער שפּעטער אַלע אַהיימגעקומען, אַרויסגענומען זייערע כּתבֿים פֿון די באַהעלטעניש און — ווי די טבֿע פֿון שרײַבערס — זיך געזעצט ווײַטער צו שרײַבן, נאָר כרושטשאָוו האָט זיך נישט געאײַלט צו רעסטאַוורירן די ייִדישע קולטור, דאָך איז די לופֿט שוין געווען אַן אַנדערע. עס האָבן אָנגעהויבן אָנקומען ייִדישע אויסגאַבעס פֿון פּוילן. ס'האָט זיך אויסגעקלאָרט אַ מאָדנע סיטואַציע. דאָס נאָכמלחמהדיקע סאָציאַליסטישע פּוילן מיט אַ פּאָר צענדליק טויזנט ייִדן פֿון דער שארית הפּליטה

האָבן ייִדישע שולן, אַ ייִדיש טעאַטער, אַ ייִדישן פֿאַרלאַג, אַ ייִדישע טאָגצײַטונג און אַ חודשלעבן ייִדישן זשורנאַל, אַ ייִדישן היסטאָרישן אינסטיטוט און צענדליקער ייִדישע קלובן און רוסלאַנד מיט קאַרגע דרײַ מיליאָן ייִדן האָט גאָרנישט פֿון אָט די זאַכן געהאַט. וועמען קאָן מען פֿרעגן, צי דאָס איז די נײַע קאָמוניסטישע לאָגיק?

צו ביסלעך האָבן ייִדישע שרײַבער אָנגעהויבן שיקן זייערע ווערק קיין וואַרשע און וואָס אַ מאָל געוואָרן געוואַגטער.

פֿון איין זײַט די ייִדישע קאָמוניסטן אין פֿראַנקרײַך אָדער ווי אַנדערע ווילן, בלויז די ייִדישסטן צווישן זיי, האָבן דורך דער פֿראַנצייזישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי שטאַרק געדרוקט אויף מאָסקווע וועגן רעסטאַורירן די ייִדישע קולטור אין ר״פֿ. פֿון דער אַנדערער זײַט האָבן די סאָוועטישע לעבן־געבליבענע שרײַבערס אין זייערע ווערק געדרוקט אין פֿולן אַרײַנגעבראָקט רמזים וועגן דער דיסקרימינאַציע לגבי זיי און ייִדישע ייִדן. נאָך אין פֿרילינג 1960 איז אין אוקראַיִנישן שרײַבער־פֿאַראיין אין טשערנאָוויץ אײַנגעאָרדנט געוואָרן אַן אָוונט קעגן אַ ייִדישן שרײַבער און פֿאַר אַזעלכע שורות ווי: איך וואָלט געוואָלט נאָך זוכה זײַן דאָ איינס — / די קינדער זאָלן רעדן הונדערט שפּראַכן / און אַלע זאָלן פֿילן זיך אַלץ איינס / ווי גלײַכע שותּפֿים צו די שפּילצײַג־זאַכן. פֿאַר אָט די שורות איז ער געשטעמפּלט געוואָרן ווי אַ פֿרעמדער און זײַן קול איז אין אַן אַרטיקל אין דער אָרטיקער אוקראַיִנישער צײַטונג באַצייכנט געוואָרן ווי ״אַ פֿרעמד קול״, נאָר סוף־סוף האָבן זיך די סאָוועטן אונטערגעגבן, כאָטש נישט זייער גערן.

אַהרן ווערגעליס איז גערופֿן געוואָרן צו זײַן שעף־רעדאַקטאָר פֿון אַ ייִדישן ליטעראַרישן זשורנאַל — אָרגאַן פֿון אַלפֿאַרבאַנדישן שרײַבער־פֿאַראיין. ווערגעליס האָט זיך באַלד אָריענטירט אין וואָס דאָ גייט און נישט ״אייניקייט״ איז געוואָרן דער נאָמען פֿון זשורנאַל און נישט אַפֿילו ״סאָוועטיש״ און נישט ״היימלאַנד״, נעמען פֿון פֿריִערדיקע אויסגאַבעס, נאָר ״סאָוועטיש היימלאַנד״ און דאָס סאָוועטישע ייִדנטום ווערט אומגעקערט צו זײַן פֿריִערדיקן פֿאַרמלחמהדיקן סטאַטוס פֿון ערבֿ־״אייניקייט״ אויפֿן וועג צו אונטערגאַנג.

אין אויסלאַנד איז דער זשורנאַל באַגריסט געוואָרן נישט נאָר פֿון לינקע נאָר אויך פֿון די א.ג. רעכטע שרײַבערס. ווערגעליס האָט זיך אַרויסגעלאָזט איבער דער וועלט און געגאָסן פֿוןביידע וועלטן. אין מאָסקווע האָט ער צוגעטראָפֿן זײַנע באַלעבאַטים מיט דער קאָנצעפּציע סאָוועטיש היימלאַנד פֿאַרן סאָוועטישן ייִדנטום און אין דרויסן האָט ער געפֿלעגט די אילוזיע פֿון אייניקייט. דער ניו־יאָרקער פֿאַרלאַג ״איקוף״ האָט זיך אַפֿילו געאײַלט אים אַרויסצוגעבן אַ לידערבוך אין אַ פּראַכט־אויסגאַבע. ער האָט געדרוקט אין זײַן זשורנאַל די ווערק פֿון אויסלענדישע לינקע שרײַבערס, ווערק וואָס ער האָט אָפּגעקליבן און רעדאַגירט און געקראָכן ״צו גאַסט״ אין די אויסלענדישע אויסגאַבעס מיט ווערק פֿון סאָוועטישע ייִדישע שרײַבערס, וואָס ווידער ער האָט אָפּגעקליבן און רעדאַגירט. ער האָט אַפֿילו געפּרוּווט נעמען אונטער זײַן רעדאַקטאָרישן קאָנטראָל יענע ווערק פֿון סאָוועטיש־ייִדישע שרײַבערס, וואָס ווערן געשיקט און געדרוקט אין ״פֿאָלקס־שטימע״ און

„ייִדישע שריפֿטן" אין וואַרשע, נאָר דאָס האָט ער בײַ די דאָרטיקע רעדאַקטאָרן סמאָליאַר און ספּאַרד נישט געפּועלט. אויך דאָס סאָוועטישע ייִדנטום האָט נישט אָנגענומען ווערגעליסעס קאָנצעפּציע פֿון אַ סאָוועטיש היימלאַנד. עס האָט זיך נאָך פֿריִער אָנגהויבן אַ קאַמף פֿאַר עליה, וואָס ווערט עד־היום פֿאָרטגעזעצט און קעגן וועלכן ווערגעליס פֿירט אַ שמוציקן קאַמף.

דער ראַטן־פֿאַרבאַנד האָט אַ פּראָבלעם — אין אויגוסט 1940 האָבן זיי געשלאָסן אַן אָפּמאַך מיט היטלערן, אים געהאָלפֿן און דערמעגלעכט אָנצוהייבן די 2טע וועלט־מלחמה, צו צעברעכן פּוילן, פֿראַנקרײַך, צו באָמבאַרדירן ענגלאַנד און אַנדערע מעשׂים טובֿים. ווערגעליס האָט דערפֿונדן פֿאַר זײַנע באַלעבאַטים אַזאַ טינט, מיט וועלכער מע קען, אַזוי מיינט ער, אויסמעקן אָט דאָס שענדלעכע קאַפּיטל פֿון דער געשיכטע און דאָס איז זײַן ראָמאַן אין וועלכן ער שילדערט די ציוניסטן ווי פֿאַרבינדעטע פֿון היטלערן. וואָס טוט מען נישט צוליב באַלעבאַטים?

פֿון מײַן נאָטיצביכל

זיבן יאָר בין איך אַלט געווען, ווען איך האָב זיך דערוווּסט פֿון אונדזער איינציקן קריסטלעכן מיטשילער אין ערשטן קלאַס פֿון דער אָבליגאַטאָרישער רומענישער פֿאָלקסשולע אין ייִדישן שטעטל מאַרקולעשט, אַז מיט אַ 1900 יאָר צוריק האָב איך דערהרגעט דעם קריסטלעכן גאָט. לויט מײַנע ידיעות פֿון חדר, ווו כ'האָב שוין זינט אַ פּאָר יאָר ביז דער פֿאָלקסשולע געלערנט, האָט גאָט באַשאַפֿן הימל און ערד, ימען און טײַכן, חיות, פֿייגל און פֿיש,ביימער און גראָזן אויף דער ערד און די זון, די לבֿנה און די שטערן אויפֿן הימל און גאָט איז פֿון אייביק ביז אייביק און אַלמעכטיק. נאָך פֿריִער, פֿאַרן חדר, האָב איך געהערט פֿון מײַן מוטער: גאָט אין הימל, דער וואָס לעבט אייביק, דער גרויסער, דער שטאַרקער גאָט, איז ווי אַזוי זשע האָב איך געקענט הרגענען אַ גאָט, אַז איך קען זיך נישט אַפֿילו ספּראַווען מיט אָט דעם מיטשילער אונדזערן און ווען האָב איך עס געטאָן? מיט 1900 יאָר צוריק האָב איך עס געטאָן.

שפּעטער ווען איך בין אונטערגעוואַקסן, האָב איך שוין געוווּסט, אַז מיט גאָט האָט מײַן מיטשילער געמיינט ישון, דעם גאָט פֿון די קריסטן און אַז ישו איז געבוירן ווי איך, אַ ייִד, וואָס מע האָט אים צו די אַכט טעג מל געווען ווי מיך, אַז ער האָט געלערנט תּורה, איך ווייס נאָר נישט אין וועלכן חדר און בײַ וועלכן מלמד. ווען ער איז עלטער געוואָרן האָט ער געפֿירט ויכּוחים אין בית־המקדש, אַז צו אים זענען צוגעשטאַנען צוועלף תּלמידים, ייִדן ווי ער אַליין, ישו, און אַז פֿון די צוועלף ייִדן זענען עלף געווען לײַטישע, נאָר איינער פֿון זיי, דער צוועלפֿטער זאָל אים האָבן געמסרט, פֿאַרקויפֿט פֿאַר 30 זילבערשטיק און אַז די רוימער, וועלכע האָבן געהערשט דעמלט אין ישוס לאַנד, אין ייִדישן לאַנד, האָבן אים געקרייציקט און אַז

ער איז צוריק לעבעדיק געוואָרן. די ערשטע קריסטן זענען געווען ייִדן און די רוימער האָבן זיי פֿאַרפֿאָלגט. שפּעטער זענען די רוימער אַליין אויך געוואָרן קריסטן. פֿאַר די ייִדן האָבן זיי איבערגעלאָזט די שולד פֿאַרן קרייץ און זיי ווײַטער פֿאַרפֿאָלגט.

די אַלע זכרונות און געדאַנקען זענען מיר אויפֿגעקומען אין שייכות מיט דעם, וואָס די דײַטשן זענען 25 יאָר נאָכן קריג און זייערע שווערע פֿאַרברעכנס מיד געוואָרן צו טראָגן די שולד פֿאַרן אומברענגען זעקס מיליאָן ייִדן, זעקס מיליאָן ישוס פֿאָלקסברידער, וועלכע זענען נישט לעבעדיק געוואָרן און אָנגעזעענע דײַטשישע פּאַרלאַמענטאַריער פֿונעם "נײַעם" דײַטשלאַנד האָבן געשטימט פֿאַרן אַזוי גערופֿענעם פֿאַרעלטערונגס־געזעץ. ווען מע דערמאָנט די אַראַבער די אינערלעכע רײַסערײַען זייערע, די אומאויפֿהערלעכע קעגנזײַטיקע מאָרדן, דעם שוואַרצן סעפּטעמבער, למשל, און אַנדערע ענלעכע מעשׂים טובֿים זייערע, ענטפֿערן זיי: דאָס זענען חשבונות צווישן ברידער און ס'איז נישט קיינעמס עסק. ווען מע האָט צוריק מיט אַ פּאָר יאָר געוויזן אַ פֿילם, ווו אַזוי מע האָט אין סאַודיע עקזעקוטירט אַ פּרינץ און אַ פּרינצעסין פֿאַר אַ נישט געזעצלעכער ליבע, האָבן זיי אויפֿגעהויבן אַ גוואַלד, די סאַודיער קעגן פֿילם, אַז דאָס זענען זייערע געזעצן און זייערע פּרינצן און קיינער טאָר זיך צו זיי נישט מישן.

ווען איך האָב אַ מאָל געזאָגט צו מײַנעם אַ באַקאַנטן, אַ קריסט: סײַ ישו און סײַ יהודה איש קריות זענען ביידע געווען ייִדן און וואָס גייט עס אײַך אָן, וואָס איין ייִד האָט געטאָן אַ צווייטן ייִדן, אויב ער האָט עס בכלל געטאָן. דערויף האָט ער מיר געענטפֿערט — אָבער ישו איז דאָך אַ גאָט, אונדזער גאָט און נישט סתּם אַ ייִד. ווײַזט אויס, אַז דערפֿאַר האָבן זיי ישון פּראָקלאַמירט פֿאַר אַ גאָט, כּדי דערמיט אונדז צו דערקלערן פֿאַר גאָטס־מערדער, אויף וועלכע קיין פֿאַרעלטערונגס־געזעץ איז נישט חל. דאָס דאָזיקע געזעץ קען מען אָבער אָנווענדן לגבי די מערדער פֿון זעקס מיליאָן שטערבלעכע סתּם־ייִדן. שטערבלעכע און פֿאַרגעסלעכע, וואָס מע קען דערנאָך אין גאַנצן פֿאַרלייקענען.

*

ווען צוריק מיט אַ צאָל יאָרן האָט דער פּויפּסט יאָהאַן דער 23סטער געפּרוּווט אַראָפּנעמען פֿון ייִדישן פֿאָלק די כּלומרשטע שולד אין קרייציקן ישון, האָט איינער אַ ייִד אַ חכם געפֿרעגט: וואָס גייט ער טאָן? ער גייט ליקווידירן דאָס קריסטנטום? די קריסטלעכע אמונה האַלט זיך דאָך אויפֿן בילבול, אַז די ייִדן האָבן געהרגעט ישון, אַז איינער פֿון ישוס תּלמידים, יהודה איש קריות, האָט אים פֿאַרקויפֿט פֿאַר 30 זילבערשטיק. אַפֿילו אַטעיִסטן צווישן די בני קריסטן, וועלכע האַלטן, אַז ישו — לא היה ולא נברא, אַז דאָס איז נישט מער ווי אַ לעגענדע, האַלטן זיך אָבער בײַ דעם, אַז יהודה איש קריות האָט אים פֿאַרקויפֿט, איז ווי זשע גייט ער עס, דער פּויפּסט, באַפֿרײַען די ייִדן פֿון דער אָנגענומענער זינט יאָרהונדערטער שולד, פֿון דעם אויף וואָס דאָס קריסטנטום האַלט זיך?

פֿאַראַן אַ ייִדישע לעגענדע, אַז דער רבונו־של־עולם האָט צו ערשט פֿאַר־געלייגט זײַן תּורה צו אַלע פֿעלקער אין דער וועלט און נאָר דאָס ייִדישע פֿאָלק האָט זי אָנגענומען איז ווי אַזוי זשע פֿאָרט האָט ער געפֿונען דערנאָך דעם וועג צו אָט די פֿעלקער? איז דער ענטפֿער, ער האָט זיי צוגעזאָגט – ווי זאָגט זיך אין קאַדיע מאַלאָדראָוסקיס אַ ליד: "אַ בער פֿונעם וואַלד און אַ בערעלע צו". ער האָט זיי צו דער תּורה צוגעגעבן אַ קליין תּורהלע, להבדיל, אַן וואַנגעליע מיט אַ פּרשה יהודה איש קריות. נישט אין זכות פֿון ישון, וועלכער זאָל האָבן געווען אַן אָנהענגער פֿון בית הלל, נאָר אין זכות פֿון דער אויבן דערמאָנטער פּרשה מיט יהודה איש קריות האָבן די פֿעלקער סוף־סוף אָנגענומען די תּורה און האַלטן אין איין שטראָפֿן דאָס ייִדישע פֿאָלק. ווי נאַיִוו מצד אייניקע ייִדן, וועלכע באַרימען זיך פֿאַר קריסטן, אַז דער גאָט זייערער ישו שטאַמט פֿון ייִדן. מיר האָט דערציילט אַן אַלטער אַראַבער פֿון ירושלימער אַלטשטאָט, ווי אַזוי די טערקן האָבן זיך געפֿירט מיט די אַראַבער אין פּאַלעסטינע, ווו זיי האָבן געהערשט, טראָץ דעם, וואָס די טערקן זענען מחמדאַנער און מחמד, זייער נביא איז אַן אַראַבער.

*

וויפֿל טויזנטער, צענדליקער טויזנטער אָדער הונדערטער טויזנטער יאָרן זענען אַוועק, ביז פֿון דער מאַלפּע האָט זיך, לויט דאַרווינס לערע, אַרויסבאַקומען דער מענטש?

וויפֿל טויזנטער אָדער צענדליקער טויזנטער דורות פֿון מענטשלעכער אַנטוויקלונג זענען אַוועק, ביז אין איינעם אַ טאָג האָט דער מענטש דערגרייכט די מדרגה אויסצורופֿן: בראשית ברא אלהים את השמים ואת הארץ.

איז דאָס אַפּיקורסות? חלילה. פֿון אַזאַ סאָרט אַפּיקורסות איז אַנטשטאַנען דער מאָנאָטעיִזם, דער גלויבן אין אַן איין און איינציקן גאָט. ווער איז געווען אַבֿרהם אָבֿינו, דער וואָס ווערט פֿאַררעכנט פֿאַרן ערשטן מאָנאָטעיִסט, פֿאַרן באַגרינדער פֿונעם מאָנאָטעיִזם? אַן אַפּיקורס, דער אַפּיקורס של תּורת תּרח (קיין אַנדער תּורה איז דעמלט נישט געווען). ער האָט געזען אין די ברעטלעך, אין די אָפּגעטער פֿון זײַן טאַטן תּרח, אַז – עינים להם ולא יראו. אָזנים להם ולא ישמעו – און ער האָט זיי צעשטערט, צעבראָכן. אין גאַנצן אַן אַ גאָט האָט דער "אַפּיקורס" אַבֿרהם די וועלט נישט איבערגעלאָזט, האָט ער אונדז געגעבן אַ גאָט אַ לעבעדיקן, אַן אייביקן און אַן איין און איינציקן, וואָס האָט באַשאַפֿן הימל און ערד, דער גרויסער גאָט, וואָס מע קען אים נישט זען און ער זעט און הערט אַלץ, דער גאָט פֿון אַבֿרהם און שפּעטער אויך פֿון יצחק און פֿון יעקבֿ. אלהינו ואלהי אבֿותינו. אַבֿרהם האָט אלהי אבֿותינו נישט געקענט זאָגן, ווי מיר זאָגן. ער איז געווען ווי שוין געזאָגט, דער אַפּיקורס של תּורת תּרח, זײַן טאַטן.

"ישׂראל־שטימע"

אַ בליק צוריק

אינעם לערניאָר 1940–41 בין איך געווען לערער אין אַ ייִדישער סאָוועטישער מיטלשול אין קעשענעוו. דאָס ערשטע און דאָס לעצטע לערניאָר פֿאַר דער אָקערשט געעפֿנטער מיטלשול, ווײַל דעם 22סטן יוני 1941 איז רוסלאַנד באַפֿאַלן געוואָרן פֿון איר פֿאַרבינדעטן — דײַטשלאַנד. נאָכן זיג איבערן שׂונא און צוריקקער האָט מען אין קעשענעוו מער קיין ייִדישע שולן נישט געעפֿנט.

ביז יוני 1940 איז די הויפּטשטאָט פֿון דער מאָלדאַווישער אויטאָנאָמער געגנט געווען טיראַספּאָל. קעשענעוו איז געוואָרן די הויפּשטאָט פֿון דער מאָלדאַווישער רעפּובליק נאָך דעם ווי די רויטע אַרמיי איז אַרײַן אין באַסאַראַביע. צווישן רומעניש און מאָלדאַוויש איז פֿאַקטיש קיין חילוק נישטאָ. די סאָוועטן האָבן אָבער פֿאַרביטן דעם לאַטײַנישן אלף־בית פֿון רומעניש אויף אַ קירילישן (לייען: רוסישן) פֿאַר מאָלדאַוויש און דאָס איז געוואָרן דער איינציקער חילוק צווישן די צוויי שפּראַכן. מאָלדאַווישע שרײַבער האָבן געקריצט מיט די ציין און אונטערגעשריבן די ווענדונג מע זאָל זיי מזכּה זײַן מיט דער רוסישער שריפֿט, ווי, למשל, צוואַנציק ייִדישע מתפּללים בעטן, חלשן ממש, מע זאָל זיי פֿאַרמאַכן דאָס בית־מדרש, ווו זיי דאַווענען. געווען שווינדלער, וועלכע האָבן טראַנסקריבירט ווערק פֿון רומענישע שרײַבער פֿון איין שריפֿט אין דער אַנדערער און די סאָוועטישע פֿאַרלאַגן האָט זיך געלוינט צו צאָלן האָנאָראַר ווי פֿאַר איבערזעצונגען. מיט דער רוסישער שריפֿט האָט מען געעפֿנט אַ טירעלע צו רוסיפֿיקאַציע. די טענדענץ פֿון אונטערלעקער אַרײַנצוברענגען וואָס מער רוסיציזמען אין דער מאָלדאַווישער שפּראַך איז באַטראַכט געוואָרן ווי אַ פּראָגרעסיווע טענדענץ.

– –

סוף 1969 זענען מיר, מײַן בעלאָטשקע ע"ה און איך, געווען אין טרוסקאַוועצער סאַנאַטאָריע און געטרונקען דאָרט נאַפֿטוסיע, אַזאַ היילנדיק מינעראַל־וואַסער, וואָס שמעקט אַ ביסעלע נאָך נאַפֿט. געווען דאָרט צווישן די קורגעסט אַן עסטאָניער, דאַכט זיך אַ שרײַבער, מיט וועלכן ס'איז אונדז אויסגעקומען צו זיצן אין עסזאַל בײַ איין טיש. נאָך עטלעכע באַגעגענישן האָט ער זיך איין מאָל צערעדט פֿאַר אַלע פֿריִערדיקע שווײַגנדיקע טעג. איך בין אַ קאָמוניסט, האָט ער געזאָגט, נאָך פֿון פֿאַר דער אַנעקסיע פֿון די באַלטישע לענדער. אַזוי האָט ער בפֿירוש געזאָגט — **אַנעקסיע**, בין געווען אויפֿן פֿראָנט פֿון ערשטן טאָג פֿון דער מלחמה ביזן לעצטן טאָג. בין באַלוינט געוואָרן מיט אָרדענס, זיך דערדינט צום ראַנג פֿון מאַיאָר און ווי אַזעלכער נאָך דער מלחמה געדינט אין די אָרגאַנעס (זיכערקייטס־אָרגאַנען — ק.ג.ב.) בײַם אויסזוכן און אויפֿדעקן קאָלאַבאָראַנטן און אַנדערע אויסוורפֿן, וואָס האָבן מיטגעאַרבעט מיט די היטלערישע דײַטשן, דערנאָך, אין ציווילן לעבן זיך אָנגעשלאָסן מיטן גאַנצן ברען

אינעם שטילן קאַמף, וואָס די פֿירערשאַפֿט פֿון אונדזער רעפּובליק פֿירט פֿאַר אָפּגעבן פּריאָריטעט דער אַנטוויקלונג פֿון דער לאַנדווירטשאַפֿט און ווי ווײַט מע קען זיך קעגנשטעלן דער אינדוסטריאַליזאַציע, ווײַל אינדוסטריאַליזאַציע מיינט אַ גרויסער שטראָם רוסישע אַרבעטער און ספּעציאַליסטן, וואָס וועט אונדז פֿאַרפֿלייצן און דערטרינקען. מיר זענען אַ קליין פֿאָלק.

אין צימער האָט מיר מײַן פֿרוי דערנאָך געזאָגט: ער איז, דאַכט זיך, גערעכט, נאָר דו האָסט געשוויגן, נישט געוואָלט צוגעבן גערעכט דעם מאַיאָר פֿון ק.ג.ב. געשוויגן האָב איך, האָב איך איר געענטפֿערט, ווײַל איך האָב געטראַכט, אַז אונדזערע ייִדישע צרות זענען גרעסערע.

ערשט אין מערץ 1972 קומענדיק קיין ישׂראל, האָב איך גלײַך געדרוקט אין "לעצטע נײַעס", "פֿאָרווערטס" (ניו־יאָרק), "פֿאָלקסבלאַט" און אַנדערע אויסגאַבעס אַ סעריע לידער און דערנאָך זיי אַרײַנגענומען אין מײַן ערשטער לידערזאַמלונג "אין פֿרעמדן גן־עדן", וואָס איז אַרויס אין תּל־אָבֿיבֿ אין 1974. די לעצטע געשעענישן אין טאַלין, אין קעשענעוו און אין אַנדערע סאָוועטישע שטעט און רעפּובליקן, וואָס די גלאַסנאָסט האָט זיי דערמעגלעכט, האָבן אין מיר אויפֿגעלעבט די זכרונות פֿון גרויסרוסישן שאָוויניזם און גראָבער רוסיפֿיקאַציע, וואָס יעדער ווידערשטאַנד קעגן איר איז באַטראַכט געוואָרן ווי בורזשואַזער נאַציאָנאַליזם מיט אַלע סינאָנימען דערצו. פֿינעף לידער האָב איך דאָ אָפּגעקליבן פֿאַר אײַך פֿונעם "פֿרעמדן גן־עדן":

זעליאָני שום

איך גיי בײַם זײַט פֿון גרויסן וועג,
פֿון פֿרעמדן וועג
און האַלט אין שאָטן מײַנע טעג,
די לעצטע טעג.
מײַן ייִדיש וואָרט דערשראָקן, שטום,
איך שווײַג אין הילכיקן אַרום,
נאָר שווײַגן קאָן איך אויכעט ניט
די רוסן גייען אין דער מיט
און זינגען הויך אַ רוסיש ליד,
זיי זינגען שטאַרק און איך זינג מיט
אין גרינעם רוסישן אַרום —
זעליאָני שום, ווערסעני שום.

ס'איז גרין די שוצפֿאַרב דעם סאָלדאַטס
און רוסיש איז די שוץ כּאַראַצס

און דעמס און יענעמס, דײַנע אויך,
מיר פּײַקלען יעדער אויף זײַן בויך
מיט אַלע פֿינגער אין דער הויך
אין גרינעם רוסישן אַרום —
זעליאָני שום, װעסענני שום.

מיר רעדן רוסיש און מע גייט
מיט אַלע מיט, מיט קינד און קייט,
דער רוס מוז װיסן, װאָס מע רעדט
און װאָסער העמד מע טראָגט אין בעט,
צי איז עס רוסיש אויסגענייט
און װאָסער שיך און װאָסער קלייד,
װײַל זײַנער איז ער דער אַרום —
װעסענני שום, זעליאָני שום.

און זינגט װער ייִדיש, דו צי טייף,
די שפּראַך די ייִדישע איז טרייף,
כּאָטש כּשר איז דער אינהאַלט, ריין
און קען אויף רוסיש שטענדיק גיין,
סע זעצט זיך איבער גרינג און שיין
און מישט זיך אויס מיטן אַרום —
זעליאָני שום, װעסענני שום.

פֿאַראַנען לידער קורץ און שאַרף,
פֿאַראַן אַ ליד, אַ װוּנדערהאַרף,
אַ טיף און טרויעריק ייִדיש ליד,
אַ טרויערליד האָט זיך צעבליט
אין װינטער טיף, אין פֿרעמדן שניי,
זײַן קלאַנג איז אוי, זײַן װאָרט איז װיי,
דער פֿרילינג קומט דאָך װידער באַלד
און גרין װעט װערן פֿעלד און װאַלד
און װאָס װעט זײַן? דאָס ליד — אַ מת
אַ ייִדישער אין "רוסקי ליעס"
און רוסן טאַנצן אים אַרום —
זעליאָני שום, װעסענני שום.

"לעצטע נײַעס" 14.4.1972; "אין פֿרעמדן גן־עדן" זײַט 264

על נהרות

אויף די ברעגעס פֿון די טײַכן בבֿלס
זיצן מיר שוין יאָרן, יאָרן לאַנג,
״לעבן זאָל דאָס היימלאַנד אונדזערס, בבֿל,
אונדזער היימלאַנד!״ קלינגט אונדזער געזאַנג.

מיר, די בבֿלער פֿון משה׳ס גלויבן,
ווערן אַפּיקורסים מיט דער צײַט,
און מיר בוקן זיך, קניִען אין די שטובן,
אין די שטובן פֿאַר די היגע לײַט.

מעגן אויף די היגע לײַט אונדז האַסן,
טרעטן מעג אונדז אויך אַיעדער חם,
וועלן מיר אַרויסגיין אין די גאַסן
און זיך אָפּזאָגן פֿון אונדזער אַלטן שטאַם.

מעג מען אונדז באַשמוצן און באַשפּײַען,
אונדז דערנידעריקן טויזנטפֿאַך,
וועלן מיר זיי בעטן אונדז באַפֿרײַען
פֿונעם סאַמע לעצטן — אונדזער שפּראַך.

אונדזער מוטערשפּראַך איז וואַווילאָנסקי,
אונדזער פֿאָטערלאַנד איז וואַווילאָן
און ניט ביאַליק און ניט לייוויק און ניט שלאָנסקי —
מאַיאַקאָווסקי, דאָס איז אונדזער פֿאָן.

מאַיאַקאָווסקיס ״פּאַספּאָרט״ — אונדזער ביבל,
אונדזער תּורה, אונדזער גאַנץ תּנך,
און מיר שפּאַנען אין מוזשיצקע שטיוול
און מיר וויסן שוין אַ סך, אַ סך...

אויף די ברעגעס פֿון די טײַכן בבֿלס
זיצן מיר שוין יאָרן, יאָרן לאַנג.
״לעבן זאָל דאָס היימלאַנד אונדזערס, בבֿל,
אונדזער היימלאַנד!״ קלינגט אונדזער געזאַנג.

״אין פֿרעמדן גן־עדן״ זײַט 255

איך זינג און איך וואַרג זיך

איך זינג און איך וואַרג זיך מיטן געזאַנג,
ס'איז שטעכיק און ביינעריק יעדער קלאַנג
און שטעקט אינעם האַלדז ניט אַהער, ניט אַהין.
וואָס קומט מיר אַרויס, וואָס די ערד איז גרין,
דער הימל אין טײַך איז טיף און בלוי,
אַז סײַ ווי סײַ איז עס ניט אַזוי.
דער טײַך איז קיין טײַך ניט, נאָר אַ "רעקאַ"
די ערד איז קײַן ערד ניט נאָר "זעמליאַ"
און איבער מײַן פֿרילינג הערשט "וועסנאַ".

"לעצטע נײַעס" 14.4.1972; "אין פֿרעמדן גן־עדן" זײַט 262

שרײַב מיר אויף

שרײַב מיר אויף די סאַמע שענסטע ווערטער,
וואָס זיי זאָלן לייענען זיך אַליין,
יעדער גראַם זאָל זײַן ווי אַ באַשערטער,
קומען זאָל ער אומגעריכט צו גיין.

רעד צו מיר דאָס סאַמע בעסטע לשון,
רעד צו מיר די סאַמע זיסטע רייד,
טראַכט מיר אויס דאָס סאַמע שענסטע משל,
וואָס מע הערט אויך שלאָפֿנדיקערהייט.

שטעל צונויף דאָס סאַמע דינסטע לידל,
וואָס סע ציטערט בײַ דעם מינדסטן ריר.
ניט איך זאָל עס שפּילן אויפֿן פֿידל,
נאָר דער פֿידל שפּילן זאָל אויף מיר.

וועסטו סײַ ווי סײַ מיך ניט געווינען,
ניט מיט שיינקייט, פֿאַרביקייט און רייץ,
ווײַל איך דאַרף אַ שטיקל ברויט פֿאַרדינען
אויף דער שפּראַך, וואָס שטעלט מיר צו דעם ווייץ.

"פֿאָלקסבלאַט" ת"אָ, נומ' 7, יולי 1972; "אין פֿרעמדן גן־עדן" זײַט 257

און אָט אַזוי

און אָט אַזוי
איז אין גליקלעכן הויז —
אַ גליקלעכע קאַץ
כאַפּט אַ גליקלעכע מויז.

און אָט אַזוי
טאַנצט אַ שטעקן אין גאַס,
ער מאַכט מיטן הונט
אַ גליקלעכן שפּאַס.

און אָט אַזוי
איז אין גליקלעכן דאָרף —
אַ גליקלעכער וואָלף
עסט אַ גליקלעכע שאָף.

און אָט אַזוי
איז אויף גליקלעכער ערד,
אַ גליקלעכע בײַטש
שמײַסט אַ גליקלעך פֿערד.

„פֿאָרווערטס", ניו־יאָרק 17.9.1972; „אין פֿרעמדן גן־עדן" זײַט 282

אומזיסטע שרעק

אינעם פֿאַרגרעסערטן ערבֿ ראָש־השנה־נומער פֿאַרן 25סטן סעפּטעמבער 1992 פֿון דער תּל־אָבֿיבֿער „נײַע צײַטונג" (נומער 399) טרעפֿן מיר אַן אַרטיקל פֿון איר רעדאַקטער יוסף מגן אונטערן קעפּל „עדוואַרד שעווערנאַדזע און אַרן ווערגעליס". די צוויי נעמען ווערן געבראַכט אין איינעם אויף צו פֿאַרגלײַכן דעם גורל פֿון ערשטן, גאָרבאַטשאָווס געוועזענעם אויסערן מיניסטער, וואָס איז גלײַך נאָכן אויפֿלייזן זיך פֿונעם ראַטן־פֿאַרבאַנד צוריק געפֿאָרן אַהיים צו זיך קיין גרוזיע און דעם גורל פֿון צווייטן, וואָס איז גלײַך נאָכן פֿאַרמאַכן זיך פֿון זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד" געבליבן אָן אַ היימלאַנד. אין סטאַלינס לעצטע יאָרן פֿון זײַן הערשאַפֿט האָט עס געהייסן — אַ קאָסמאָפּאָליט אָן אַ שטאַם און אָן אַ שבֿט. מער ווערט אין אַרטיקל שעווערנאַדזע נישט דערמאַנט. וועגן ווערגעליסן שרײַבט מגן, אַז ער איז בשעתו געשטעלט געוואָרן אין שפּיץ פֿון זשורנאַל נישט ווײַל ער איז געווען אַ

גוטער דיכטער, נאָר ווײַל ער איז געווען אַ געטרײַער דינער פֿון אוממענטשלעכן און ייִדנפֿײַנטלעכן רעזשים.

איך דערמאָן זיך, מיר האָט אַ מאָל עמעצער בײַ אַ טישל אין בופֿעט פֿון לייוויק־הויז (איך געדענק שוין נישט גענוי ווער) געזאָגט:

אַרן ווערגעליס איז טאַקע וואָס אין דער קאָרט, נאָר אַ פּאָעט איז ער אַ גוטער.

מיט וואָס איז ער וואָס אין דער קאָרט און מיט וואָס אַ גוטער פּאָעט, האָב איך געוואָלט איבערפֿרעגן, נאָר די אונטערנעמונג פֿון יענעם אָוונט האָט זיך אָנגעהויבן, דער עולם איז אַוועק אַרויף אין זאַל און איך בין געבליבן אָן ענטפֿער. איך האָב בײַ זיך געטראַכט: אַזוי איז עס, אַז אַ מיידל איז שיין, איז זי נאַריש ווי אַ קעלבל. אַז אַ מויד איז מיאוס, איז זי אָבער קלוג ווי די וועלט און אַז איינער איז וואָס אין דער קאָרט, איז ער אַ גוטער פּאָעט.

אָט ליגט פֿאַר מיר ווערגעליסעס לעצט לידערבוך "צוויבערגאַנג" (סאָוועטסקי פּיסאַטעל, 1989). איך מיש אויף די זײַט 136 און טרעף דאָס ליד "שײַלעס". צום נאָמען פֿון ליד קומט אַ צושריפֿט אַ ציטאַט פֿונעם ישׂראלדיקן "דבֿר":

"יישמאָעל איז געווען אַ פּערע אָדאָם, אַ גראָבער יונג און אַ רעצייעך. אַווראָם אָווינו האָט אים געדאַרפֿט פֿײַנט האָבן" (דאַוואַר).

און אָט איז די ערשטע סטראָפֿע פֿון דאָזיקן ליד:

אַווראָם אָווינו, אַלטער נאַר,
דײַן קינד זאָלסט פֿײַנט האָבן אומיסטן —
עס זאָגט דיר אונטער דער דאַוואַר
(אַ בלעטל באַ די ציעניסטן)

אויב איר מיינט, אַז ציעניסטן איז דאָ אַ גראַם צום וואָרט אומיסטן האָט איר אַ טעות. דער אומגעלומפּערטער אומיסטן איז דער גראַם צו ציעניסטן, כאָטש דער בוי פֿון פּערז איז אַ פֿאַרקערטער. דערויף איז דאָך ווערגעליס, ווי געזאָגט, אַ גוטער פּאָעט.

די גרעסטע צאָל פֿײַלן שיסט מגן אויס קעגן נאָמען פֿון אַ נײַער צײַטשריפֿט אין מאָסקווע "די ייִדישע גאַס", וואָס דאַרף קומען אויפֿן אָרט פֿונעם "סאָוועטיש היימלאַנד". ווערגעליס האָט גוט געוווּסט אַלע יאָרן, ווי אַזוי די ייִדישע גאַס אין דער וועלט און אין ראַטן־פֿאַרבאַנד גופֿא נעמט אויף מיט ציינקריצעניש יעדן נומער פֿון זשורנאַל מיט זײַנע אָנפֿאַלן פֿון אַן אַנטיסאָניסט אויף ישׂראל, אויף דער עליה און אויף די עולים. איצט וויל ער זיך איבערבעטן מיט אָט דער ייִדישער גאַס. סע דאַרף הייסן אַז אָט דער נאָמען וועט אים צו עפּעס מחייבֿ זײַן, אָט דער אײַנפֿאַל זײַנער מיטן נאָמען איז גאָרנישט קיין נאַרישער, נאָר יוסף מגן אַלאַמירט — "די ייִדישע גאַס" מיינט אויפֿלעבן דעם אַלטן גלותיזם און דעם אַלטן דאָיִזם און אַנדערע יזמען.

מגן נעמט שטעלונג צו דער רײַזע פֿון מרדכי צאַנין און יצחק וואַרשאַווסקי קיין מאָסקווע אויסצושטרעקן אַ האַנט און העלפֿן שאַפֿן דעם נײַעם זשורנאַל. אייניקע דאָ בײַ אונדז ווײַלען זיך – צאַנין, דער גרינדער און לאַנגיאָריקער רעדאַקטער פֿון די "לעצטע נײַעס" איז געפֿאָרן ראַטעווען אַ קאָלעגע, דעם געוועזענעם הויפּט־רעדאַקטאָר פֿון "סאָוועטיש היימלאַנד". אויך האָב איך געהערט און דווקא פֿון אַן אוהבֿ־ייִדיש און ייִדיש־אַקטיוויסט ווי ער האָט בייזוויליק אַ זאָג געטאָן – די ייִדישע פּרעסע און ליטעראַטור אין דער וועלט האַלט בײַם אונטערגיין, איז מען געפֿאָרן זוכן אַ יורש אין מאָסקווע.

איך ווייס נישט צי אַרן ווערגעליס אַליין, וואָס איז שוין אָט־אָט־אָט אַ 75ער, צי ער טראַכט פֿון אַ יורש אָדער ער האַלט, אַז ער איז דער אומפֿאַרבײַטלכער רעדאַקטער און נאָך אים – מעג אַפֿילו קומען אַ מבול. ווערגעליס איז, אגבֿ, נישט דער איינציקער בײַ אונדז אַזעלכער, נאָר דאָס קער נישט צון אונדזער הײַנטיקער טעמע.

אומזיסט שרעקט זיך יוסף מגן פֿאַר גלותיזם און דאַיִזם. די ייִדישע פּרעסע אויף דער ייִדישער גאַס אין דער גאַנצער וועלט – אין ניו־יאָרק און אין בוענאָס־אײַרעס, אין פּאַריז און אַפֿילו אין וואַרשע, אַלע ייִדישע וואָכנשריפֿטן, חודש־זשורנאַלן, פּערטליאָר־שריפֿטן, האַלביאָר־שריפֿטן און אַלמאַנאַכן און אַלע אַנדערע צײַטשריפֿטן, אין דער ייִדישער וועלט ווידמען 90% פֿון זייערע זײַטן פֿאַר ישׂראל. דאָס העברעיִשע ישׂראל, ווו מע האָט אַ מאָל אין די קיאָסקן געברענט ייִדישע צײַטונגען און ווו ייִדיש דאַרף נאָך הײַנט קעמפֿן און קעמפֿט פֿאַר איר קיום, אָט דאָס העברעיִשע ישׂראל גייט ווערן דער איינציקער צענטער פֿאַר ייִדישער קולטור און ליטעראַטור. אין די תּל־אָבֿיבֿער ייִדישע פֿאַרלאַגן קומען ייִדישע שרײַבערס פֿונעם גרויסן גלות דאָ אַרויסצוגעבן זייערע ווערק. די געשיכטע טוט זיך אירס. אַ גרויסע טייל פֿון ייִדישן פֿאָלק ווערט פֿאַרשלונגען פֿון דער אַסימילאַציע און נאָך אַ גרעסערער טייל, ווו זיי זאָלן זיך נישט געפֿונען שטייען אויסגעדרייט, נישט דווקא בײַם דאַווענען, מיטן פּנים צו ישׂראל.

איך געדענק ווי די ייִדישע קאָמוניסטן אין נאָכמלחמהדיקן פּוילן האָבן אַגיטירט קעגן דער עליה קיין ישׂראל און דערנאָך, דערנאָך... האָבן זיי אַלע אַליין עולה געווען.

ווען אַלע אַנטי־ציוניסטן וועלן עולה זײַן קיין ישׂראל, וועט מקוים ווערן דער ציוניסטישער אידעאַל. נישטאָ זיך וואָס צו שרעקן פֿאַר גלותיזם און דאַיִזם. ס׳איז אומזיסט שרעק.

הערץ ריווקין (הײַסינער)

הערצל הײַסינער איז געבוירן געוואָרן אין 1908 אין דער באַסאַראַבער ייִדישער קאָלאָניע קאָפּרעשט. דעביוטירט האָט ער אין 1931 אין קעשענעווער "דאָס קאָאָפּעראַטיווע וואָרט" מיט אַ ליד "קאָאָפּעראַציע", וואָס איז געזונגען געוואָרן ווי אַ הימן צום נחת פֿון זײַן פֿאָטער אליעזר הײַסינער, דער פֿאָרזיצער פֿון קאָפּרעשטער קאָאָפּעראַטיווער "לײַ־ און שפּאָר־קאַסע".

אליעזר הײַסינער איז געווען אַ הייסער ציוניסט און זײַן מיזיניק אַ נאָמען געגעבן נאָך דעם, וואָס האָט אין... "באַזעל געגרינדעט די ייִדישע מדינה"... דער זון אָבער האָט שוין יונגערהייט נישט אָנגענומען די שליחות, וואָס דער פֿאָטער האָט געוואָלט אויף אים אַרויפֿלייגן. ער האָט געשריבן לידער אויף סאָציאַלע טעמעס נוסח "ברידער און שוועסטער פֿון אַרבעט און נויט", זיי געדרוקט קודם אין די "טשערנאָוויצער בלעטער" דערנאָך צוגעשטאַנען ווי אַ מיטרעדאַקטאָר צוזאַמען מיט הערש ווײַנשטיין און יאַנקל יאַקיר צום קעשענעווער איינמאָליקן "אָנזאָג". ער האָט אָנגענומען ווי זײַן ליטעראַרישן נאָמען הערץ ריווקין, אַריבערגעפֿאָרן קיין בוקאַרעסט און אין איינעם מיט מאָטל סאַקציער און יאַנקל יאַקיר ווי פֿאָרשטייער פֿון דער יונגער ייִדישער שרײַבער־גרופּע "יונג־רומעניע" מיטגעאַרבעט פֿריִער אין "די וואָך", דערנאָך אין דער וואָכנשריפֿט "שויבן" רעדאַגירט פֿון יעקבֿ שטערנבערג, משה אַלטמאַן און שלמה ביקל.

טראָץ דער ערנסטקייט פֿון דער סאָציאַלער טעמאַטיק האָבן זיך די לידער בײַ די באַסאַראַבער ייִדישע דיכטער ווי למשל בײַ זעליק באַרדיטשעווער, יוסף טראַכטנבערג, יאָסל לערנער, הערץ ריווקין און בײַ אַנדערע אויסגעצייכנט מיט זייער פֿאָלקסטימלעכקייט און חן. נישט געווען קיין ייִדיש־לייענער אין באַסאַראַביע, וואָס זאָל נישט קענען ריווקינס ליד "נאַכטיקע לידער פֿון שכנישן דאָרף". "פֿון שכנישן דאָרף" איז שפּעטער געוואָרן דער נאָמען פֿון זײַן איינציקער לידערזאַמלונג, וואָס ער האָט אין בוקאַרעסט באַוויזן אַרויסצוגעבן. אַ שווערע איבערלעבעניש פֿאַרן יונגן גלייביקן קאָמוניסט זענען געווען די מאָסקווער פּראָצעסן אין 1937. ער האָט אָפּגעדרוקט און דערנאָך אויך אַרײַנגענומען אין דער אויבן־דערמאָנטער לידערזאַמלונג זײַן באַקאַנטע "עלעגיע", פֿאַר וועלכער ער איז פֿאַרפֿאָלגט געוואָרן דערנאָך דאָס גאַנצע לעבן.

אין 1940 איז ער ווידער אין קעשענעוו. דאָס מאָל די הויפּטשטאָט פֿון דער פּראָקלאַמירטער מאָלדאַווישער סאָוועטישער רעפּובליק. דאָ האָט ער געהאַט אויסצושטיין אויף די פֿאַרזאַמלונגען פֿון סאָוועטישן שרײַבער־פֿאַראיין מוראדיקע אָנפֿאַלן און עס אויסגעהאַלטן. איבערגעלעבט די מלחמה און זיך צוריקגעקערט קיין קעשענעוו צוזאַמען מיט חבֿרים שרײַבערס.

נאָך דעם ווי זײַן נאָוועלע "דער טאַטע און דער זון" איז דורך דער מאָסקווער "איינִיקייט" פּרעמירט געוואָרן האָבן זיך ווידער געפֿונען אַזעלכע, וועמען סע האָט וויי געטאָן פֿאַר דער "זאַך פֿונעם פּראָלעטאַריאַט" און נאָכגעשיקט זייערע תּרעומות

צו דער זשורי הלמאַי מע האָט פּרעמירט אַזוינעם און אַזעלכען. אַנדערע ווידער, בײַ וועמען ריווקינס פּאָעזיע האָט אַרויסגערופֿן קנאה, האָבן באַגריסט זײַן פּראָזע־ביכל "אַרום קעסל־צעך" — סוף־סוף, האָט עס בײַ זיי געהייסן, האָט דער שרײַבער הערץ ריווקין געפֿונען זײַן ריכטיקן זשאַנער...

אין 1949 בעת דער סאָוועטישער אינקוויזיציע, דאָס מאָל אַן אינקוויזיציע נישט קעגן דעם ייִדישן גלויבן, נאָר קעגן דער ייִדישער ליטעראַטור איז געקומען אויך די ריי אויף קעשענעווער ייִדישע שרײַבערס. ריווקינס האַלטן זיך אויף די אכזריותדיקע אויספֿאָרשונגען איז געוואָרן אַ שם דבֿר. וועגן זײַנע חבֿרים "פּאָדיעלו" האָט ער אויסגעשריגן צו זײַן אויספֿאָרשער: זיי זאָגן ליגן נישט נאָר אויף מיר, נאָר אויך אויף זיך אַליין. ס'איז אייער ליגן, וואָס איר האָט זיי דיקטירט.

אין אַ לאַגער אין קאַזאַכסטאַן האָט ער אין 1951 אויסגעהויכט זײַן נשמה. אַ יאָר פֿאַרן הײנט שוין באַוווּסטן 1952.

סע קומט אַ דאַנק די רעדאַקטאָרן פֿון קאָפּרעשטער יזכּור־בוך "קאָפּרשט עיירתינו", וואָס האָט אָפּגעדרוקט אַ גרויסן ציקל פֿון זייער בן עיר הערץ ריווקינס לידער. פֿון דאָרט ברענג איך די שוין אויבן דערמאָנטע עלעגיע און אַ ליד וועגן הערץ ריווקין, וואָס איז געווען געדרוקט אין "ירושלימער אַלמאַנאַך" נומער 9 אין 1977.

הערץ ריווקין

עלעגיע

ס'האָט בלוט אין מיר פֿאַר בושה, פֿאַר פֿאַרדראָס
זיך הײַנט צעברויזט, צעזשומעט,
נאָך קיין מאָל האָט ביז הײַנט דער נאָגנדיקער אומעט
ניט אַזוי צעבראָכן מיך, פֿאַרמאַטערט.
ווי אַ ווונד.

אַזוי פֿיל צווײַגן אויף וועלכע ס'האָט גלויבן מײַנער אינעם מענטשן
זיך צעוואַקסן, ניט איין מאָל זיך צעבליט מיט פֿרישן זאַפֿט —
זע נאָר ווי זיי ברעכן זיך און צו דער ערד זיי פֿאַלן
מיט אַזאַ ציניש־שווידערלעכער קראַפֿט.

זע נאָר, זע נאָר.

זוך איך ווערטער מיך אַליין צו טרייסטן,
וויל בײַ מיר פֿאַר מיר אַליין כאָטש עפּעס פּועלן,

און ס׳ברענט אין בריט די ווונד ווי זשאַרענדיקע קוילן.
גאולה, וועלט־דערלייזער און מאַרטירער.

מענטש, ווער ביסטו, זאָג!
פירער צי פאַרפירער?
– מענטש!

אין חלל פון מײַן איינזאַם צימער
האָבן זיך אַזוי פיל שוואַרצע בשורה־ברענגער אויפגעהאָנגען
און זיי הענגען, הענגען.
כ׳האָב מורא מײַן אייגן וואָרט אויף ליפן הײַנט צו ברענגען.
מענטש, מענטש, מיט וואָס, קען איך מיך טרייסטן,
אָפּגעפלויגן הײַנט אַ סטײַע ווײַסע טויבן...
ס׳טוט אַזוי מיך וויי מײַן בלינדער גלויבן,
ס׳טוט אַזוי מיך וויי.

שטיי איך איצט און ציטער,
ציטער פאַרן מאָרגן,
פאַרן סודותדיקן שפּעטער,
איך און דו און ער –
ווער זענען מיר עס, ווערן כאָטש ניט קיין קינפטיקע פאַרעטער,
ניט קיין קינפטיקע פאַרעטער?

אַ נעפּל האָט פאַרצויגן אויך דעם בליאַסק פון מוטיק־פעסטע בליקן.
מיר דאַכט, אַ דור אַ גאַנצער איז פאַרוווּנדעט, קראַנק מסוכן.
ס׳האָט די ווונד זיך אײַנגעגעסן ביזן מאַרך פון ביינער.
כ׳בין ניט איינער. כ׳בין ניט איינער.

טרערן וואַרגן, שטעלן זיך אין האַלדז,
– מענטש – דאָס קלינגט שטאָלץ...
– מענטש!

– – – – – – – – – – – – – – – – – – – –

שטילער, שטילער. אָפּגעווישט די טרערן.
זאָל דער שׂונא כאָטש ניט זען, ניט הערן.
ס׳איז דער וועג נאָך אַזאַ לאַנגער, אַזאַ שווערער,
מאַך די אויגן צו און גלויב און בענטש!

מענטש. לייטערונג. גאולה. וועלט־געוויסן.
טיף אין האַרצן האָט זיך עפּעס אָפּגעריסן.
אָפּגעריסן.

פֿעברואַר 1937

הערץ ריווקין (הײַסינער)

וויפֿל האָט דיך אָפּגעקאָסט דער נאָמען,
וואָס דײַן טאַטע, דער ציוני פֿון קאַפּריווקע
האָט געגעבן דיר און דו האָסט ניט געוואָלט אים
און זיך צוגעזעצט דעם נאָמען פֿון דײַן מאַמען — רבֿקה.

וויפֿל האָט דיך אָפּגעקאָסט דער ייִחוס
פֿונעם שיינעם ייִד, דײַן טאַטן פֿון קאָפּרעשט,
כאָטש דו האָסט אין דיכטערישער שליחות
וועגן מאַרקס געזונגען, ניט וועגן דעם בעש״ט.

וויפֿל האָט דיך אָפּגעקאָסט די בושה —
דײַן משיח, וואָס האָט קולבאַקן צעשאָסן,
האָט צעטראָטן מיט די שטיוול די ירושה
אויך דײַן מאַמעס און דײַן מאַמע־לשון.

ס'איז געווען דער ענטפֿער אויף די פֿראַגן
פֿון עלעגיע דײַנער דער נאַיִווער.
דאָס צו פֿרעגן נאָר נאַיִווע וואַגן:
״זאָג, ווער ביסטו, פֿירער צי פֿאַרפֿירער?״

מער פֿון אַלע האָסטו נאָענט צום האַרצן
זיך גענומען אַלע קרומע זײַטן
פֿון דײַן העלן חלום, וואָס אין שוואַרצן
זיך אויך דיר באַוויזן אין די ווײַטסטע ווײַטן.

דיך אַרײַנגעכאַפּט אין זיינע רויטע נעגל,
וואָס ער האָט זיי פֿאַר דער וועלט באַהאַלטן,
אויסגעמישט די שנייען מיט די וועגן
און אויף אייביק דיך פֿאַרהאַלטן.

״נײַע צײַטונג״, 21.8.1992

סענטענצן

מאָנאָטעיִזם וואָלט געדאַרפֿט הייסן נישט נאָר גלויבן אין איין גאָט, נאָר אויך איין גלויבן אין איין גאָט און וויפֿל גלויבנס האָבן מיר, וויפֿל מאָנאָטעיִזמען?

*

די דיאַלעקטיקער האַלטן, אַז ביז אַ היקעוואַטע רופֿט אָן אַ זאַך בײַם נאָמען, האָט זיך די זאַך שוין געביטן.

*

ער מוז זיך אָנטאָן אַ מאַסקע, מע זאָל נישט זען, אַז ער האָט נישט קיין פּנים.

אין יעדן שטיין, האָט געזאָגט מיקעל אַנדזשעלאָ, שלאָפֿט אַ סקולפּטור. מע דאַרף נאָר פֿונעם שטיין אַוועקהאַקן דאָס איבעריקע. גיי אָבער ווייס אין וואָס פֿאַר אַ שטיין, וועלכע סקולפּטור סע שלאָפֿט.

*

תורת־משה איז טאָקע מן־השמים, נאָר די חומש־לידער האָט אָנגעשריבן איציק מאַנגער.

*

אין חדש תחת השמש חוץ געניאַלע מוזיקאַלישע קאָמפּאָזיציעס.

*

וואָס פֿילט אַ כינעזער, ווען ער טוט אַ טראַכט, אַז ער איז איינער פֿון אַ מיליאַרד?

*

וויפֿל קאַטאָליקן זענען הײַנט פֿאַראַן אויף דער וועלט? — נײַן הונדערט מיליאָן, אַ מיליאַרד? וויפֿל מוסולמענער זענען הײַנט פֿאַראַן אויף דער וועלט? — נײַן הונדערט מיליאָן, אַ מיליאַרד? — איז וואָס זשע פֿאַר אַ ווערט קען בײַ זיי האָבן אַ מענטשלעך לעבן?

*

ווען די קריסטלעכע לעגענדע האָט אויסגעקליבן פֿאַר ישוס פֿאַררעטער איינעם פֿון זײַנע תּלמידים, איינעם פֿון זײַנע 12 ייִדישע תּלמידים און דווקא דעם מיטן נאָמען יהודה איז עס געווען דער ערשטער טײַוולאָניש־כיטרער צוגעטראַכטער אַנטיסעמיטישער עלילת־דם. מע מעג דאָס רעכענען פֿאַרן אָנהייב פֿון דער געשיכטע פֿונעם אַנטיסעמיטיזם, וואָס דויערט עד־היום.

*

אין פּוילן האָט דער אַנטיסעמיטיזם איבערגעלעבט דאָס פּוילישע ייִדנטום.

*

די בעסטע צוקונפֿט פֿאַר אַ נעאָלאָגיזם איז צו ווערן מיט דער צײַט אַן אַרכאַיִזם.

*

פֿון אַלע שפּראַכן, וואָס ייִדן רעדן, זענען נאָר צוויי, וואָס נאָר ייִדן רעדן זיי — ייִדיש און עבֿרית. רוסיש, למשל, רעדן נישט נאָר די רוסיפֿיצירטע ייִדן און רוסיפֿיצירטע אַנדערע פֿעלקער, נאָר אויך די... רוסן. מיט ענגליש איז די זעלבע זאַך אַוודאי און אַוודאי.

*

וועגן איינעם אַ דיכטער: נעמט בײַ אים אַוועק די גוזמאות, די היפּערבאָלעס און דער פּיש בלײַבט אָן אַן עק.

*

דער אמת שווימט טאַקע אַרויף ווי בוימל אויפֿן וואַסער, נאָר אָפֿט צו שפּעט, ווען מע דאַרף אים שוין נישט.

*

פֿאַראַן שרײַבער, וועלכע האָבן אַ פּאַטענט ווי אַזוי צו שרײַבן אָן טאַלענט.

*

מיט דער פּען מאַכט מען טעותים, נאָר נישט קיין ליאַפּסוסן.

*

וואָס איז אַ מאָנאַסטיר פֿון מאָנאַשקעס? — גאָטס האַרעם.

*

היינע, מאַרקס און איינשטיין די דײַטשן, רובינשטיין, אַנטאַקאָלסקי און פּאַסטערנאַק די רוסן. בערגסאָן דער פֿראַנצויז, טוווים דער פּאָליאַק, שפּינאָזע דער האָלענדער, קאָלומבוס דער שפּאַניער און פֿיל־פֿיל פֿון אַנדערע פֿעלקער זיי בילדן דאָס יידישע פֿאָלק.

*

סאָליסטן האָבן נישט ליב קיין דיריזשאָרן.

*

נאָך סטאַלינען וויל שוין קיין ערלעכער מענטש נישט זײַן קיין גרויסער, קיין... געניאַלער.

אויף מײַן חשבון

י. קאַראַ

אַ צאַרטער ליריקער, רעאַליסט און וויזיאָנער

עטלעכע ווערטער וועגן שאַפֿן פֿון מ. כאַראַץ

1

טשערנאָוויץ 1934. אויף די זונטיק־אָוונטן פֿונעם "יידישן שולפֿאַראיין" און אויף די לעקציעס פֿון זײַן "סעמינאַר פֿאַר יידישער ליטעראַטור און שפּראַכקענטעניש" באַווײַזט זיך אַ וויסנדאַרשטיקער באַסאַראַבער בחור. אויפֿן ערשטן בליק — איינער פֿון די צענדליקער קליינשטעטלדיקע יונגע־לײַט, וואָס קומען פֿון באַסאַראַביע, בוקאָווינע, מאַראַמורעש, מאָלדעווע מיט בענקעניש נאָך אַרבעט און בילדונג, נאָך עפּעס טאָן און אויפֿטאָן.

דער מאַרקולעשטער בחור מאיר כאַראַץ איז אַ הויכער, מאָגערער, בלאָנדער, קאַסאָקער יונגער־מאַן מיט אַ פּנים, אַ לשון און אַן אויפֿפֿירונג, וואָס זאָגט אָן: פֿרישקייט, אוממיטלבאַרקייט, נאַיִווקייט, עקשנות, אָבער אויך ראַפֿינירטקייט און וויזיאָנערישקייט. מילא צוצוהונגערן איז ער געוווינט נאָך פֿון דער היים בײַ דער אָרעמער מאַמען, דער עגונה, אָבער לערנען, וואַקסן, פֿאַרטיפֿן זיך — דאָס איז פֿאַר אים מעגלעך געוועזן ערשט אין דער גרויסער שטאָט, אַ דאַנק זײַן עקשנות און אויסדויער. כאַראַץ וואַרפֿט זיך לערנען דײַטש מיטן ברען פֿון אַ ישיבֿה־בחור. יעדן אָוונט ברענגט ער אונדז צוטראָגן לאַנגע רשימות דײַטשישע ווערטער, וואָס מע מוז אים איבערזעצן. מע מוז אים צוליב טאָן צוליב זײַן צודרינגלעכקייט. איבעריקנס טוט עס יעדער גערן, ווײַל מע שפּירט, אַז אין זײַן פּראָווינציעלער אומבאַהאָפֿנטקייט ליגט פֿאַרבאָרגן אַ "כּלי". און שאלות האָט ער אָן אַ שיעור, אַזוי, אַז דער אָנפֿירונג פֿונעם "סעמינאַר": חיים גינינגער, הערש סעגאַל און מיר וואָלט קוים געקלעקט צײַט, געדולד און וויסן צו פֿאַרענטפֿערן אַלע זײַנע שאלות און טענות.

אונטער שווערע ראַנגלענישן, פֿיזישע און גײַסטיקע, אַנטוויקלט זיך מאיר כאַראַץ, אָבער שוין דעמלט לאָזט זיך מערקן דער קען־שטריך פֿון זײַן כאַראַקטער: וואָס מער זײַנע צווײַגן צעוואַקסן זיך אין דער הייך, אין דער ברייט — אַלץ טיפֿער גרייכן זײַנע וואָרצלען אין דער רויערד פֿון זײַן היימישן שטעטל, אין זײַן שטאַם, אין זײַן היימלאַנד. ס'איז נישט קיין נאָסטאַלגיע נאָכן "פֿאַרלוירענעם גן עדן", נאָר אַ טיפֿע פּאָעטישע פֿאַרטראַכטקייט וועגן דעם זין און ווערט פֿון זײַן מענטשלעכן און דיכטערישן וועזן: "ווי שפּיגלען צעשטעלט אויף דער וועלט / אויף אָפּשפּיגלען בעלעם פֿון ווײַטן, / אַזוי זענען שטעטלעך צעשטעלט / געשטאַנען אַמאָליקע

צײַטן...״ און שפּעטער נאָכן חורבן: ״אָפּגעברענטע שטעטלעך — אויפֿגעבויטע שטעט / גייט אַרום אַ זקן, גייט אַרום און רעדט: / ס׳איז נאָך פֿרי צו שטאַרבן און צו לעבן שפּעט...״ אַ טראַגישער סך הכּל.

אין די ״טשערנאָוויצער בלעטער״ אונטער דער רעדאַקציע פֿונעם ענערגישן, קלוגן און טיף־מענטשלעכן שמואל אבא סופֿר, איז אין יוני 1935 אָפּגעדרוקט געוואָרן מאיר כאַראַצעס ערשט ליד ״אַ ייִדענע״ געהייליקט דער מאַמען אין דעם שטעטל זײַנעם — מאַמע און שטעטל זענען די צוויי גרונט־מאָטיוון אין זײַן פּאָעטישן סך־הכּל ביזן הײַנטיקן טאָג.

2

מאיר כאַראַצעס עכטע, פֿאַראַנטוואָרטלעכע באַציִונג צו ליטעראַטור, צום ליד, צו זײַנע אייגענע אינערלעכע קוואַלן, זײַן אינטענסיווער אַרבעט איבער זיך — ברענגט פּירות, באַרײַכערט זײַנע קינסטלערישע אויסדרוק־מיטלען. פֿאַראַן בײַ מ. כאַראַצן לידער פֿון 1937–1939, וועלכע מע וואָלט געקענט איצט איבערדרוקן און מיר וואָלטן זיי אָנגענומען פֿאַר שפּאָגל נײַע הײַנטצײַטיקע, אפֿשר גאָר פֿאַר אַ נײַעם עטאַפּ אין כאַראַצעס שאַפֿן. באַדאַרף דאָס, אַז כאַראַץ איז דיכטעריש נישט געוואַקסן? דאָס באַדײַט, אַז באַלד נאָך זײַנע ערשטע טריט איז ער רײַף געוואָרן, זיך אויספֿאָרמירט, באַקומען אַן אייגענע פּאָעטישע פֿיזיאָנאָמיע. אַוודאי איז כאַראַצן מיט יאָרן — דער עיקר אין די לעצטע 25 יאָר לעבן אין אַ סאָוועטישער סבֿיבֿה — צוגעקומען אַ סך לעבנסקענטעניש און וועלט־דערקענטעניש, מײַסטערשאַפֿט, אָבער שוין אין די לידער פֿון ערבֿ דער צווייטער וועלט־מלחמה איז ער אין גאַנצן אַ פּאַרטיקער — כּולו רײַף. מיר דאַכט זיך, אַז די גרונטשטריכן — אייגנאַרט און ״מאָדנעקייט״ זענען אין תּוך אַ זעלטענער סימביאָז צווישן פֿאָלקסטימלעכער פּשטות און סימבאָליסטישער ראַפֿינירטקייט. זײַן אויפֿריכטיקייט, עכטקייט האָט נישט צו טאָן מיט פּראָסטאָקישער נאַטוראַליסטישער פֿאָטישקייט. ס׳איז אַ הימל פֿון רעיונות און גלײַכצײַטיק זייער אַן ערדישע פּאָעזיע. פֿאַר כאַראַצעס סטיל איז כאַראַקטעריסטיש דער גערעגל צווישן פֿילאָזאָפֿישער געדאַנקלעכקייט און צאַרטן אײדעלן אימאַזש.

להיפּוך פֿון אַנדערע דיכטער אויטאָדידאַקטן, איז בײַ כאַראַצן נישט פֿאַראַן דער דראַנג אַרויסצוווײַזן ״בילדונג״, ווילקענעוודיקייט. פֿון נאַטור אויס איז ער אַן אַנטיקאָנפֿאָרמיסט. זײַן צולהכעיסדיקייט העלפֿט אים אָבער אַרויס אין די שווערסטע מאָמענטן פֿון לעבן. און אַזעלכע מאָמענטן האָט ער געהאַט איבערגענוג. סײַ פֿאַר דער מלחמה, סײַ אין דער מלחמה, סײַ אין די יאָרן נאָך איר. ווי שווער ס׳איז אים נישט געווען, איז זײַן שאַפֿונגס־דראַנג נישט געהאַמעוועט געוואָרן. קיין שום מניעות האָבן נישט געקענט שטערן זײַן שעפֿערישן אימפּעט.

אין מלחמה־צײַט און שפּעטער האָט מאיר כאַראַץ געדרוקט לידער אין דער ״אייניקייט״, אין די אַלמאַנאַכן ״היימלאַנד״ (מאָסקווע), ״שטערן״ (קיִעוו). שפּעטער

טרעפֿן מיר זײַנע לידער אין די וואַרשעווער "פֿאָלקס־שטימע" און "ייִדישע שריפֿטן", אין דער פּאַריזער "נײַע פּרעסע", אין דער ניו־יאָרקער "ייִדישער קולטור". אין "סאָוועטיש היימלאַנד" טרעפֿן מיר זײַנע לידער פֿון ערשטן נומער אָן אין 1961. ער איז גוט פֿאַרטראָטן אין דער מאָסקווער אַנטאָלאָגיע פֿון ייִדיש־סאָוועטישער פּאָעזיע (1965). דער לייענער וואַרט אָבער אויף אַ באַנד, וואָס זאָל פֿאַרסכהכּלען זײַן 30־יאָריק שאַפֿן.

3

אין אַ שמועס, וואָס כ'האָב געהאַט מיט כאַראַצן סוף 1963, האָט ער מיר צווישן אַנדערן געזאָגט: "בײַ לייוויקן דאַרף מען לערנען אויפֿריכטיקייט, בײַ מאַנגערן — ווי אַזוי זיך אָפּגעבן מיט הנאה דעם לייענער, מיט אַ זינגעוודיקייט איז באַרופֿן צו פֿאַרשאַפֿן פֿרייד, וואָס בײַ יעקבֿ שטערנבערגן געפֿינען מיר די פֿאַרבן פֿון אונדזער באַסאַראַבער לאַנדשאַפֿט און בײַ אַלטמאַנען קענען מיר לערנען די מאָס פֿון אָטעם..." נאָך אַ נישט זען זיך פֿון אַ יאָר 17–18 האָט ער מיר דערציילט וועגן זײַנע איבערלעבענישן און ליטעראַרישע דערפֿאַרונגען פֿון די לעצטע יאָרן, וועלכע האָבן אויסגעפֿורעמט זײַן לעבנס־באַנעם, זײַנע דיכטערישע מיטלען, אויסגעברייטערט זײַנע גײַסטיקע האָריזאָנטן. אַ ראיה דערצו זענען זײַנע לידער פֿאַר די לעצטע 10–15 יאָר: רעאַליסטיש, ליריש, וויזיאָנעריש — אין איין צונויפֿשמעלץ. פֿאַראַן די בריק צווישן דיכטער און לייענער: "אין דרויסן שטייט פֿאַרמאַכט אַ שורה שטיבער, / און אויף די גראָזן וואַכן שטילע לידער. / זיי ענדיקן זיך, הייבן אָן זיך ווידער / און חזרן אַ גאַנצע נאַכט זיך איבער...". מאיר כאַראַצס ברייטער אינטערעסן־קרײַז שפּיגלט זיך אָפּ אין דער גאַמע פֿון זײַנע מאָטיוון, פֿון זײַן טעמאַטיק. די גאַמע ציט זיך פֿון: "איך זיץ און איך צערטל דעם טרויער, / די שכנים באַהיטן דעם טויער. / ווער האָט עס מיך ליב אָן מײַן וויסן?" ביז: "עס וואַקסט די שטאָט אין ווונדערלעכע טאָלן, / אַריבער אַלע בערג און העכער, העכער..." טרויער, בענקשאַפֿט, פֿאַרבענקטקייט, אָבער גלײַכצײַטיק קלינגען אָפֿט אין זײַן ליריק אַזוינע טענער ווי: "פֿון די באַרג־קוואַלן אין לויטערע פֿאַרטאָגן / קוועלט די פֿרייד אַרײַן אין אַלע גלידער". פֿאַרבינדנקייט מיטן לעבן, זיך פֿילן איינס מיט אַלעמען און נישט פֿאַרזען דאָס, וואָס אַלע זעען, איז איינער פֿון כאַראַצעס גרונט־שטריכן: "ווי אַ בושל שטייט דער הייבקראַן אויף אַ נײַעם אַרבעטס־פּלאַץ". צײַטנווײַז זענען אַזוינע מאָטיוון דורכגעפֿלאָכטן מיט היסטאָרישע ייִדיש־נאַציאָנאַלע רעמיניסצענצן, מיט ווײַטע אָנדײַטן און רמזים: "פֿון בויונג צו בויונג מיר טראָגן אַריבער די הענט, / מיר לייגן אַרויף זיי אויף ציגל און נעמען אַראָפּ זיי פֿון ווענט". אָדער אַזוי טיף־דורכגעפֿילטע שורות: "נישט קיין ווידוי זאָגן צוליב ברויט, / ס'לעבן איז אַ ווידוי זאָגן ביזן טויט..." — — "נישט קיין ווידוי זאָגן צוליב גליק, / ס'לעבן איז אַ ווידוי זאָגן פֿון דער סאַמע וויג..." — — "נישט קיין ליגן זאָגן צוליב פֿאַלשער פֿרייד, / ס'לעבן איז אַ ווידוי זאָגן טאַנצנדיקערהייט..."

פֿאַרוואָרצלט אין דעם היימישן פּייסאַזש, אין דעם לעבן און געמיט פֿונעם פֿאָלק, אין זײַן דורותדיקער שאַפֿונג פֿאַראַנקערט אין דערווירקלעכקייט, אין דער נײַער גײַסטיקייט — שטײַגט באַראַצעס דיכטונג "פּער אַספּעראַ אַד אַסטראַ", דורך מניעות צו די שטערן אַלץ העכער און העכער.

ער ראַנגלט זיך און דעראָבערט דעם זיג, אַ פֿאַרדינטן, אויסגעקעמפֿטן זיג.

("פֿאָלקס־שטימע", וואַרשע, 3טער יולי, 1965, זײַט 4)

ישׂראל עמיאָט

אַ האַרציקער פּאָעט!

(מאיר חרץ: "לידער צו אייגענע", פֿאַרלאַג "ישׂראל־בוך", ת"א, 1975)

מאיר כאַראַץ (אָדער חרץ) באַווײַזט אין זײַן לידער־בוך, אַז מע קען זײַן אַ זייער גוטער פּאָעט מיט פּשטות, וואָס איז גלײַכצײַטיק ראַפֿינירט. גלייבט מיר, אַז ער קען נאָכמאַכן די עקוויליבריסטיק פֿון דער מאָדערנער דיכטונג, נאָר ער דאַרף עס נישט. פּונקט אַזוי ווי אַ שיינהייט אַ מויד וועט זײַן שיין אין אירע פּשוטע קליידלעך, אָן שמינקעס און פּודער אַפֿילו. ער שעפּט מיט עמערס פּאָעזיע אַרום זיך. ער הייבט אויף קליינע, פּשוטע טוונגען און טוט זיי אָן קרוינען אויף די קעפּ. איינעם פֿון די בעסטע בוקאָווינער ייִדישע פּאָעטן דערמאָנט ער יעקבֿ פֿרידמאַן ע"ה אָן יענעמס אינטעלעקטואַליזם און פֿילאָזאָפֿישע אײַנפֿאַלן. זײַן ציקל מאַמע־לידער, דערמאַנען אין יוסף הלל לעוויס "מײַן טאַטע דער סופֿר" (פֿון די בעסטע ציקלען אין דער ייִדישער פּאָעזיע) אַזוי פֿיל האַרציקייט, אַזוי פֿיל שיינקייט און אַזוי פֿיל טרערן! און ערגעץ ווו הערט זיך אַן עכאָ פֿון דוד האָפּשטיין, דעם גרויסאַרטיקן ליריקער. הערט איין ליד חרצעס אין גאַנצן:

מײַן מאַמע גרייט צום טיש און קוקט מיר נאָך, צי עס איך\
און ציטערט איבער מיר בײַ יעדן שלונג!\
זי עפֿנט אויף די טיר ווי אין דער נאַכט פֿון פּסח\
און לאָזט אַרײַן דעם נבֿיא אליהו מיט אַ קלונג.

דער נבֿיא אליהו איז אויסגעטראַכט דאָך שענער,\
ווי ווען ער וואָלט געשטאַנען דאָ לעבעדיק בײַם טיש,\
דער נבֿיא אליהו, דער שענסטער צווישן מענער,\
דער שענסטער שוין דערפֿאַר, וואָס מע זעט אים נישט.

דער נבֿיא אליהו, מיר דאַכט זיך, אַז מײַן פֿאָטער
איז אויבעט אויפֿן הימל אַרויפֿגעפֿלויגן הויך.
מײַן מאַמע לאַכט זיך אויס: זײַן האַרץ איז פֿון אַ טאָטער
און אַלע מײַנע זעונגען צערינען ווי דער רויך.

ער איז פֿול מיט פּאָעזיע ביז יעדער פֿינגער זײַנעם. דער חסרון זײַנער איז נאָר, וואָס די פּאָעזיע שטראָמט אין אים ווי אַ טײַך איבער די ברעגעס און ער קען אים צײַטנווײַז נישט פֿאַרהאַלטן.

ער איז פֿול מיט פֿאָלקישקייט. גלייבט אים אַלץ, ער איז עכט און ערליך. גלייבט נאָר נישט די שורות אין זײַן ליד "מעמואַרן":

פֿאַרגאַנגענע טעג, פֿאַרגעסענע בילדער,
איך קוק אויפֿן ליידיקן רוים און איך שילדער
די פּוסטקייט פֿון רוים — מיר איז גאָרנישט פֿאַרבליבן
פֿון דעם, וואָס איך האָב נישט באַצײַטנס פֿאַרשריבן. (ז' 31)

ער געדענקט יאָ! געדענקט אפֿשר צו פֿיל, איך מיין דערמיט, אַז דווקא נישט אַלע פּרטים האָבן געדאַרפֿט פֿאַרפֿיקסירט ווערן אין ליד. אַזאַ פּרעכטיקער פּאָעט ווי כּאַראַץ, ווייס זיכער, אַז אַ ליד איז אַ סומע פֿון אַ סך, אַ סך איבערלעבונגען פֿון אַ סך פּרטים, וואָס קומען צום אויסדרוק מער אומדירעקט. אין דעם באַשטייט טאַקע די מײַסטערשאַפֿט פֿון אַ דוד האָפֿשטיין. כּאַראַץ שרײַבט אין זעלבן אָקערשט ציטירטן ליד:

און אפֿשר גענוג איז אַ שפּור פֿון אַ צייכן,
אַ רמז, קוים־קוים פֿון אַן ענלעכן שמייכל?

אין דעם גייט עס טאַקע, דער רמז פֿון אַן ענלעכן שמייכל, דאָס איז די פּאָעזיע. אָבער מיט אָט דער באַמערקונג איז אַלץ איינס דער מאַמע־ציקל רירנדיק־שיין און טייל לידער פּשוט פּרעכטיק.

אַ סימן פֿון זײַן עכטקייט איז אויך זײַן "צו די ישׂראל־הימלען". דאָס ליד מיט וועלכן ער עפֿנט דאָס בוך איז לגמרי ניט דעקלאַראַטיוו. ער האָט געבראַכט זײַן גאַנצן שטעטלדיקן באַגאַזש און צו די הימלען בעט ער וואָס? טשיקאַווע: זיי זאָלן אים אָפּגעבן אַ פּלאַץ מקבר צו זײַן זײַן מאַמען:

אָ, הימלען, גיט מיר אָפּ אַ פּלאַץ,
איך וויל מקבר זײַן מײַן מאַמען.
זאָל איר מצבֿה — ברײַנע האַראַץ
אין די ישׂראל־וואָלקנס פֿלאַמען.

איך צווייפֿל ניט, אַז די קומענדיקע לידער פֿונעם ישׂראל־פּייסאַזש און מיליע וועלן אַרויסדרינגען פֿון זײַן בלוט. אַזאַ פּאָעט ווי כאַראַץ איז נישט קיין צופּאַסלער און ניט קיין דעקלאַראַציעס־שרײַבער, ער שרײַבט דעמלט, ווען ער ווייטיקט אויס אָדער פּרעדיקט אויס זײַן טעמע. מיר וועלן נאָך לייענען זײַנע נײַסטע לידער ווי די, "לידער צו בעלאַן". זיי האָבן אין זיך די טרויעריקע שיינקייט ווי די לידער צו זײַן מאַמען. איך דאַרף ציטירן אַ סך, אָבער לאָמיר פֿאַרענדיקן די רעצענזיע מיט איין סטראָפֿע פֿון זײַן ליד "אידיליע" אויף זײַט 125:

איך פֿלי ווי אַ פֿויגל, אַוועק פֿון מײַן נעסט
און ברענג אַ פּאָר קערנדלעך — קינדערלעך, עסט!
די קינדערלעך פּיקן אַ פּיק נאָך אַ פּיק,
דער טאַטע איז געפֿלויגן אַהין און צוריק,
דער טאַטע איז געפֿלויגן, אָט זעט ווי ער פֿליט,
די מאַמע איז געבליבן און האָט אונדז געהיט!
עס האָבן צעקריגט זיך דער בוים מיטן ווינט,
די מאַמע האָט געטוליעט צום האַרץ יעדעס קינד.

אַ טײַערער האַרציקער פּאָעט מאיר חרץ. איך גלייב, אַז זײַן בוך "לידער צו אייגענע" וועט שטאַרק אויסנעמען בײַם לייענער, וואָס וועט ליב באַקומען ביידע — סײַ דעם פּאָעט או סײַ דאָס בוך זײַנס "לידער צו אייגענע" וועלכע וועלן ווערן אויך זײַנע דעם לייענערס אייגענע.

("פֿאָרווערטס", 20סטער יולי 1975)

יאָסל לערנער

צענדליקער יאָרן מיט מײַן פֿרײַנד דעם דיכטער מאיר חרץ

אַ רעדע אויפֿן אָוונט לכּבֿוד זײַן נײַ־דערשינענעם לידער־בוך "שטערן אויפֿן הימל"

אין סוף פֿון די צוואַנציקער יאָרן האָט אויף די שפּאַלטן פֿון דער וואָכנשריפֿט "טשערנאָוויצער בלעטער" — (וועמענס רעדאַקטאָר עס איז געווען דער טראַגיש־אומגעקומענער אין האַראָדענקער לאַגער — שמואל אבא סופֿר הי״ד) — זיך באַוויזן די שרײַבער־גרופּע "יונג־רומעניע". צו אָט דער שרײַבער־גרופּע איז דער דיכטער מאיר חרץ צוגעקומען ערשט שפּעטער. ערשט אין 1934 איז אין די

"טשערנאָוויצער בלעטער" אָפּגעדרוקט געווען אַ ליד א"נ "אַ ייִדענע אויפֿן אָסיען־מאַרק". דער אויטאָר — פֿאַר אונדז אַ נײַער נאָמען — מאיר חרץ. קיין מאָל נישט געהערט פֿון אים. זאָל ער זײַן אַן אָנהייבער? פֿון וואַנען אַזאַ רײַפֿקייט?

שוין אין אָט דער ערשטער ליד זײַנער האָט זיך באַלד געלאָזט הערן אַן אָנזאָג אויף אַ קרעפֿטיקן טאַלאַנט מיט אַן אייגענעם צוגאַנג צו אַלץ וואָס זײַן אויער, אויג און האַרץ האָבן אויפֿגענומען, די סבֿיבֿה און דער באָדן, אויף וועלכן דער דיכטער איז אויסגעוואַקסן און אײַנגעוואָרצלט געווען.

דעמלט איז פֿאָרגעקומען מײַן ערשטע באַקאַנטשאַפֿט מיט מאיר האַראַץ. אַ באַקאַנטשאַפֿט דערווײַל נאָך אַ פּאַפּירענע.

אין 1937 בין איך געווען אײַנגעלאַדן קיין בעלץ צו לייענען אַ פֿאָרטראָג וועגן ייִדישן פֿאָלקלאָר. אײַנגעלאַדן האָט מיך אַ גרופּע פֿרײַנד פֿון ייִדיש און מיר געשריבן, אַז זיי וועלן מיך באַגעגענען אויפֿן וואָקזאַל, און כּדי מיר זאָלן זיך דערקענען, וועלן זיי האַלטן אין די הענט מײַן ביכל "דאָס געזאַנג פֿון דער הינטערגאַס".

ווען איך בין אַרויס פֿון וואַגאָן האָבן מיר זיך באַלד דערקענט. צווישן זיי איז געווען אַ הויכער רומענישער סאָלדאַט מיט לעבעדיקע ייִדישע אויגן. איין אויג האָט אַ קאַפּעלע געקוקט קיין פֿאָצן־זײַט. ער איז צוגעגאַנגען צו מיר, אויסגעשטרעקט די האַנט און זיך פֿאָרגעשטעלט: מאיר חרץ.

מיר האָבן זיך אַרומגענומען און צעקושט.

אַזוי איז פֿאָרגעקומען אונדזער ערשטע באַגעגעניש.

שפּעטער זענען אונדזערע באַגעגענישן געוואָרן אַלץ אָפֿטער. דאָס איז געווען אין טשערנאָוויץ, ווו איך האָב געוווינט פֿונעם 38טן יאָר.

נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה האָט חרץ זיך אומגעקערט קיין טשערנאָוויץ. מיר זענען יעדן טאָג שעהען־לאַנג געווען צוזאַמען, געלייענט איינער דעם צווייטן נײַע לידער, אויסגעהערט אַ מיינונג, אַן עצה. אָט אין יענע יאָרן האָט זיך פֿאַר מיר אויסגעפֿאָרמירט חאַראַצס פּאָרטרעט נישט נאָר ווי אַ ווונדערלעכער דיכטער, נאָר אויך ווי אַן איבערגעגעבענער חבֿר.

דאָס איז געשען אין 1949. חרץ האָט געמאַכט דעם ערשטן פּעטשאָנטעק פֿון די טשערנאָוויצער ייִדישע שרײַבער. ווען ער האָט זיך אין 1953 אומגעקערט פֿון "דאָרט" האָט ער מיר דערציילט: — געדענקסט ווען מיר האָבן אין אַ טאָג געשפּאַצירט אויף פּראָספּעקט סטאַלינאַ און זיך אָפּגעשטעלט בײַ אַ וויטרינע ווו ס'איז געשטאַנען סטאַלינס אַ גרויסער פּאָרטרעט און דו האָסט פּלוצים אַ זאָג געטאָן:

— אַז מע קוקט אויף זײַן פֿאַרוואַקסענעם שטערן זעט מען עפּעס נישט ער זאָל פֿאַרמאָגן אַ באַזונדערע תּפֿיסה, הגם ער האָט געמאַכט פֿונעם גאַנצן לאַנד איין גרויסע תּפֿיסה. —

מיר האָבן געלאַכט און שפּעטער פֿאַרגעסן אין אים. נאָר "דאָרטן" האָט דער אויספֿאָרשער מיך אַ פֿרעג געטאָן: — וואָס קענט איר אונדז דערציילן וועגן יאָסל

לערנער? דעמלט האָב איך זיך דערמאָנט אין דעם וויץ און געהאַט דאָס געפֿיל, אַז ער ווייסט עפּעס וועגן דעם. ער פֿלעגט קוקן אויף מיר און מיר האָט זיך געדאַכט אַז ער לייענט דאָס אויף מײַן שטערן.

ווי האָב איך גענומען דעם כּוח איך זאָל אים קוקן גלײַך אין זײַנע פֿינצטערע אויגן און ענטפֿערן:

— אַחוץ גוטס האָב איך נישט וואָס צו דערציילן וועגן יאָסל לערנער.

די 50קער יאָרן. חרץ שרײַבט הונדערטער לידער, וואָס ווערן פֿאַרעפֿנטלעכט אין פֿיל ייִדישע צײַטשריפֿטן. איז אָט אין 57טן יאָר דרוקט ער אָפּ אין די "ייִדישע שריפֿטן" דאָס ליד: "פֿאַר אַ נײַ ליד". איר וועט מיר דערלויבן איבערלייענען פֿאַר אײַך אַ פּאָר סטראָפֿן, מחמת מיט אָט דעם ליד איז פֿאַרבונדן אַ גאָר אינטערעסאַנטער עפּיזאָד, וועלכער וועט פֿאַר אונדז אויפֿדעקן נאָך אַ שטריך אין חאַראַצס פּאָרטרעט.

— איך שטיי פֿאַר אַ ליד פֿאַר אַ נײַעם
ווי פֿאַר אַ געשניצטער טיר
נאָר טויב איז די טיר צו מײַן שרײַען:
חבֿרים עפֿנט מיר!

מיר האָבן דאָ אַלע געבויט דאָך
דאָס הויז ווי אַ גאָרנדיק ליד
עס האָבן בײַ יעדן געגרויט דאָך
די קעפּ מיט מײַן קאָפּ אין דער מיט.

מיר האָבן דאָך אַלע אין איינעם
געמויערט פֿון דרויסן די ווענט
און איר זײַט — די ערשטע שכנים —
אַרײַן און די טיר אויף אַ פּרענט.

און איר האָט די שענסטע זאַלן
פֿאַרנומען און מיך נישט דערקענט,
געטענהט: פֿאַרנומען — פֿאַרפֿאַלן
מיר קענען נישט דײַנע הענט...

ווען דאָס ליד איז פֿאַרעפֿנטלעכט געוואָרן האָט עס געמאַכט אַ גרויסן רושם אויף אונדז — זײַנע פֿרײַנד, נאָר נאָך אַ גרעסערן רושם האָט עס געמאַכט אויף זיי — זײַנע פֿײַנד, אין ווענעמס שפּיץ ס'איז געשטאַנען דער שרײַבער הירש בלאָשטיין, וועלכער האָט זיך אַליין געקרוינט פֿאַרן פֿירער פֿון דער טשערנאָוויצער גרופּע ייִדישע שרײַבער.

זײַן שׂנאה צו חאַראַצן, מוז מען זאָגן — איז געווען אַ גערעכטע. ער — בלאָשטיין — האָט נישט געקענט מוחל זײַן חרצן זײַן דערפֿאָלג, זײַן שטיין מיט אַ גאַנצן קאָפּ העכער פֿון אים, פֿון דעם מורה־מורנו, דעם פּאָעט און פּראָזאַיִקער הערש בלאָשטיין.

ס'איז אים געלונגען אײַנצורײדן דעם סעקרעטאַר פֿון טשערנאָוויצער אָפּטײלונג פֿון שרײַבער־פֿאַרבאַנד — מיקאָלאַ בורבאַק און אויך דעם שרײַבער חיים מאַלאַמוד, אַז מע דאַרף רעאַגירן אויף חרצעס ליד. וואָס מײנט ער מיט די שורות: נאָר טויב איז די טיר צו מײַן שרײַען: ״חבֿרים, עפֿנט מירו!״ — ס'איז אַן אַנטי־סאָוועטיש ליד!

איז כעלעם געזעסן דרײַ טעג און דרײַ נעכט און געזען, אַז בלאָשטיין האָט רעכט און אַז מע דאַרף רעאַגירן נאָר... מע דאַרף נאָך צוּוואַרטן אַ ביסל.

האָבן זײ געוואַרט און זיך דערוואַרט.

אין דעם זעלבן יאָר פֿאַרעפֿנטלעכט חאַראַץ אין דער וואַרשעווער ״פֿאָלקס־שטימע״ אַ ליד א״נ ״פֿרילינג״:

״די קינדער לויפֿן אַלע זיך צונויף
פֿון זיבן הויפֿן אינעם הויף דעם גרעסטן
נאָר פֿרעמד אין פֿרילינג פֿילט זיך הויף מיט הויף
ווי פֿייגל פֿון פֿאַרשיידן ווײַטע נעסטן

איך וואָלט געוואָלט נאָך זוכה זײַן דאָ אײנס —
די קינדער זאָלן רעדן הונדערט שפּראַכן
און אַלע זאָלן פֿילן זיך אַלץ אײנס
ווי גלײַכע שותּפֿים צו די שפּילצײַג־זאַכן.

און ניט ווי יענע בבֿל־בויער דאָרט,
וואָס האָבן זיך בײַם טורעם ניט פֿאַרשטאַנען
און אײנער האָט געמאַכט פֿון צווייטנס וואָרט
אַ קנעכט, אַ שטומען אָקס אויף אײַנצושפּאַנען.

די שפּראַכן פֿון די קינדער זאָלן גרינג
פֿאַרשטײען אײנס דאָס צווייטע זיך ווי ברידער
און אָט דאָס פֿרילינג־לידל, וואָס איך זינג,
זאָל זינגען זיך מיט אַלע הונדערט לידער.

אָט דאָס ליד איז געווען פֿאַר בלאָשטײנען כמוצא שלל רבֿ. נאָר אַז גאָט האָט נאָך געהאָלפֿן און חאַראַץ האָט אָפּגעדרוקט אין די ״יִידישע שריפֿטן״ דאָס ליד: ״דער וואַנדערער״ מיט אַזוינע און אַזעלכע שורות:

גזלנים טוען אָן רוסאַלקעס דאָרט וואָס טאַנצן,
אין טיכעלעך מיט אויסגעמאָלטע קראַנצן,
אין שיכעלעך ווי רויטע פּאָמעראַנצן.
אַ ייִד אַנטלויפֿט פֿון דאָרט ווי פֿון אַ בראַנד.

איז דאָס מעסטל געוואָרן שוין איבערגעפֿולט. און אין מערץ 1960 איז גערופֿן געוואָרן אַן אַלגעמיינע פֿאַרזאַמלונג פֿון אַלע שרײַבער: רוסישע, אוקראַיִנישע, מאָלדאַווישע און ייִדישע.

אין דער פֿרי, אַ זייגער צען, יאַוועט זיך אַרײַן צו מיר אויף דער אַרבעט בלאָשטיין און זאָגט מיר: הײַנט איז אין שרײַבער־פֿאַראיין אַן אַלגעמיינע פֿאַרזאַמלונג. מע וועט, שײַנט מיר, ריידן דאָרט וועגן אונדז, די וועלכע דרוקן זיך אין איסלאַנד. וועגן מיר, וועגן אײַך און אויך וועגן חרצן. זעט אומבאַדינגט קומען צו דער צײַט און איך ראָט אײַך נישט רעאַגירן אויף די אָנפֿאַלן, נישט פֿאַרטיידיקן זיך, נאָר פֿאַרקערט, צוגעבן זיי רעכט און צוזאָגן אַז מער וועט אַזוינס זיך נישט איבערחזרן.

דער זאַל איז געווען איבערפֿולט מיט שרײַבער און מיט געסט. צווישן די געסט אַ פּאָר פֿרײַנד פֿון די פֿיר אותיות, ווי אויך אַ פֿאָרשטייער פֿון "אָבקאָם".

בײַם טיש אויבן אָן זיצן מיקאַלאַ בורבאַק, מימינו מיכאל ומשמאלו – גבֿריאל. חיים מאַלאַמוד און הירש בלאָשטיין.

בײַם עפֿענען די פֿאַרזאַמלונדג האָט בורבאַק צוערשט גערעדט וועגן דער פֿאַרזיי־קאַמפּאַניע און וועגן קוקורוזע, וועגן גרויסע גערעטענישן אויף... טשוהון און שטאָל ווי אויך וועגן אַרויסגעבן אַ זאַמלבוך, וועגן מיטגליד־אָפּצאָל, אי טאָמו פּאָדאָבנע.

הייסט עס – האָב איך געטראַכט – די פֿאַרזאַמלונג איז ניט וועגן אונדז, די זינדיקע, וועלכע דרוקן זיך אין אויסלאַנד און זיך באַרויִקט. נאָר באַלד איז בורבאַק גלײַך אַריבער צום עיקר.

– אונדזערע טשערנאָוויצער שרײַבער – האָט ער פֿאַרגעזעצט – דרוקן זייערע ווערק אין אויסלאַנד. אָט, צום בײַשפּיל, דער דיכטער הירש בלאָשטיין. זײַנע הויך־קינסטלערישע לידער פֿאַרשאַפֿן אונדז כּבֿוד, מיט זייער אמת צעקלאַפּן זיי אַלע רכילותן פֿון אונדזערע שׂונאים. פֿאַראַן, אָבער, אויך אַזוינע, ווי אַ שטייגער מאיר האַראַץ, וואָס מיט זײַנע מינדערווערטיקע שרײַבעכצן פֿאַרשאַפֿן אונדז אומכּבֿוד, וואַרפֿן שמוץ און טרײַבן רכילות אויפֿן ראַטן־פֿאַרבאַנד און זענען אַ געווינס פֿאַר אונדזערע שׂונאים.

עס באַקומט דאָס וואָרט מאַלאַמוד. ער רעדט וועגן די ייִדן, וועלכע האָבן געקעמפֿט אויפֿן פֿראָנט און געוואָרן העלדן פֿון ראַטן־פֿאַרבאַנד און פֿון ייִדן, העלדן פֿון סאָציאַליסטישער מי. – "אָט למשל, – זעצט פֿאָר מאַלאַמוד – דער פֿאָרזיצער פֿון איינעם פֿון די בליִענדיקסטע קאָלכאָזן אין דער בוקאָווינע, דער ייִד

בערגער. איך האָב שוין אויף דער טעמע אָנגעשריבן צענדליקער פֿאַרצייכענונגען פֿאַר דער היגער ״ראַדיאַנסקאַ בוקאָווינאַ״, און חרץ נאָך קיין איינע ניט״.

דער אמת איז, אַז בערגער, אַן אָפּשטאַמיקער פֿון דאָרפֿישע ייִדן, האָט — אין זכות פֿון דעם, וואָס ער האָט פֿאַרשטאַנען אין פֿעלד־אַרבעט און, דער עיקר, אין זכות פֿון דעם, וואָס ער האָט אויפֿגעשטעלט אַ גוייִשע משפּחה מיט אַ פּויערישער טאָכטער פֿון דאָרף און געקאָנט מאַכן אַ כּוסע — זוכה לגדולה געווען צו ווערן אַ פֿאָרזיצער פֿון אַ קאָלכאָז און געזאָרגט ווי אַ געטרײַער שטײַער־אויפֿמאָנער פֿאַר אַ ״גאָספּאָסטאַוקע״ איבערן פּלאַן.

מאַלאַמוד האָט געמאָלקן אָט די בערגער־טעמע, געשריבן און געדרוקט אין דער אוקראַיִנישער צײַטונג, ווײַל קיין ייִדיש וואָרט ווו צו דרוקן איז דעמלט ניט געווען.

עס באַקומט דאָס וואָרט בלאָשטיין. ער ציטירט אין אַ פֿאַרדרייטער רוסישער איבערזעצונג סטראָפֿן פֿון דעם ליד ״איך שטיי פֿאַר אַ ליד פֿאַר אַ נײַעם״, פֿון דעם ליד ״פֿרילינג״, ווי אויך טיילן פֿונעם ליד ״דער וואַנדערער״ און פֿרעגט: חבֿר חאַראַץ, פֿאַרוואָס שרײַבט איר רכילות אויף אונדזער לאַנד פֿון פֿרײַהייט און גלײַכהייט פֿאַר פֿעלקער און אויך פֿאַר אונדזער פֿאָלק, וואָס איז, ענדלעך, אויסגעלייזט געוואָרן און צום ערשטן מאָל אין דער געשיכטע באַקומען זײַן מלוכהשקייט אין ביראָבידזשאַן? ענטפֿערט! —

איך האָב נישט באַמערקט ווי בשעת מאַלאַמוד האָט גערעדט וועגן ייִדישע פֿראָנט־העלדן, האָט דער שכן לעבן חאַראַצן, אַ יונגער אוקראַיִנישער דיכטער, וואָס איז פֿון קיִעווער קאָמסאָמאָל געשיקט געוואָרן אויף ״אידעאָלאָגישער״ אַרבעט אין דער אָפּגעשטאַנענער בוקאָווינע, זײַענדיק אַ ביסל בגילופֿין, עפּעס געמורמלט פֿאַר זיך: ״ניט געווען קיין זשידעס אויפֿן פֿראָנט. נישט קיין ייִדישע העלדן פֿון מי״ אאַ״וו.

חרץ האָט באַוויזן צו הערן ביידע, סײַ מאַלאַמודן, סײַ די שטילע רעפּליקעס פֿון זײַן אוקראַיִנער קאָלעגע און ווען חאַראַץ איז גערופֿן געוואָרן צו דער טריבונע צו געבן אַן ענטפֿער און ס׳איז שווער געווען זיך פֿאַרזשטעלן, וואָס וועט ער האָבן צו זאָגן אין אָט דער אַטמאָספֿער — האָט ער רויִק און לאַנגזאַם געענטפֿערט:

— וואָס ווילט איר פֿון מיר? איר וואַרפֿט מיר פֿאָר, וואָס כ׳האָב געשריבן, אַז כ׳וואָלט געוואָלט זיך פֿילן גלײַך מיט אַלע אין אונדזער הויף, אָבער אָט יענער יונגער אוקראַיִנישער קאָלעגע מײַנער וויל זיך מיט מיר נישט שפּילן.

דער עולם ווערט אויפֿמערקזאַמער און חרץ זעצט פֿאָר:

— בשעת דער חבֿר מאַלאַמוד האָט דאָ גערעדט וועגן ייִדישע פֿראָנט־העלדן, האָט ער, זיצנדיק לעבן מיר אויף דער באַנק, געזאָגט: ״נישט געווען קיין זשידעס אויפֿן פֿראָנט״.

דער בעל־דבֿר האָט זיך אויפֿגעשטעלט און, וואַקלענדיק זיך, באַשטעטיקט:

— אמת, אמת. נישט געווען קיין זשידעס אויפֿן פֿראָנט...

בײַם פֿאָרזיצער־טיש איז געוואָרן אַ גערויש. דער פֿאָרשטייער פֿון ״אָבקאָם״

האָט עפּעס אײַנגערוימט בורבאַקן, װעלכער האָט זיך אױפֿגעשטעלט און געמאָלדן אַן איבעררײַס אויף 15 מינוט.

דער דורכפֿאַל פֿון דער אינסצעניזירטער "קריטיק" איז געװען אַ בולטער, כאָטש נאָכן איבעררײַס האָבן זײ געפּרוּװט האַלטן דעם זעלבן טאָן און אײנער פֿון זאַל האָט אַ זאָג געטאָן: עמיגראַנט.

חרץ האָט זיך נישט פֿאַרלױרן און געענטפֿערט:

— יאָ, אַן עמיגראַנט. איך װאָלט געװאָלט עמיגרירן פֿון מײַן נאַסן קעלער מיט די פֿאַרשימלטע װענט אין אַ מענטשלעכער דירה.

בורבאַק האָט זיך אױפֿגעהױבן און אַ זאָג געטאָן:

— זאַל דער אוקראַיִנישער נאַציאָנאַליסט אַרױסגײן פֿון זאַל!

און צו חרצן: "מיט דעם זענט איר אַוודאי גערעכט, טאָװו. חאַראַץ, און װי אין גיכן װעלן מיר זען אײַך אַרױסנעמען פֿונעם קעלער און אײַך געבן אַ ליכטיקע, גוטע דירה".

אָט אַזױ האָט זיך געענדיקט די אינסצעניזירונג פֿון דער "טראַיקע" בורבאַק-מאַלאַמוד-בלאָשטײן. דער באַשולדיקטער איז געװאָרן אַ באַשולדיקער, און איך האָב געטראַכט: אױף צו קענען אױסדרײען און איבערדרײען אַזױ די יוצרות, מוז מען, װי עס זעט אויס, באַזיצן: שׂכל, אײַנפֿאַל און מוט.

אָט די עטלעכע עפּיזאָדן האָב איך געװאָלט דערצײלן אין שײַכות מיט דעם אָונט געװידמעט דעם דיכטער מאיר חרץ צום דערשײַנען פֿון זײַן פֿערטן בוך לידער "שטערן אױפֿן הימל" און אים װינטשן נאָך לאַנגע יאָרן אויסזינגען און אַרויסזינגען זײַנע פּרעכטיקע געזאַנגען און זײ אָנגיסן מיט זײַן לויטער געמעל נישט ערגער װי ביז איצט.

("באַסאַראַבער ייִדן", נומער 14-15, ת"א, אַפּריל 1978,
און נומער 16-17, סעפּטעמבער 1978)

רבֿקה כּהן

שטערן אין הימל, לידער אויף דער ערד

א

ערשט מיטן דערשײַנען פֿון פֿינפֿטן באַנד לידער פֿון מאיר חרץ, **דאָס פֿינפֿטע ראָד** (פֿאַרלאַג "אײגנס", ירושלים 1978), איז װי לײַכטער געװאָרן אױפֿן האַרץ פֿונעם דיכטער, דעם עולה פֿון ראַטן־פֿאַרבאַנד, װאָס געפֿינט זיך שוין 5 יאָר מיט אונדז. די שרעק און זאָרג, װי אַזױ אַריבערצופֿירן זײַן שרײַבעריש פֿאַרמעג, האָט בײַ אים צוגענומען זײַן זיכערקײטס־געפֿיל, שאַפֿנדיק בײַ אים אַ געװיסן אומרו: צי

איז כּדאַי די גאַנצע טירחה? צי וועט זיך עס אים אײַנגעבן? אַ טייל פֿון זײַנע לידער זענען פֿאַרלוירן געגאַנגען בעת זײַנע וואַנדערונגען אין די מלחמה־יאָרן, אָבער אַ דאַנק זײַן גוטן זכּרון האָט זיך אים אײַנגעגעבן צו באַנײַען זײַנע לידער, טייל פֿון זיי אויף ס'נײַ צו פֿאָרמולירן און צונויפֿזאַמלען אין אַ שיינער צאָל, פֿינעף בענד, וועלכע זענען זייער געלויבט געוואָרן פֿון ליטעראַטור־מבֿינים.

4 קאַפּיטלען אינעם בוך טראָגן די נעמען פֿון די פֿריִערדיקע 4 ביכער: "אין פֿרעמדן גן־עדן", "הימל און ערד", "לידער צו אייגענע", "שטערן אויפֿן הימל". דער ערשטער באַנד איז דערשינען אין פּרץ־פֿאַרלאַג (ת"א, 1974). דער צווייטער און פֿערטער באַנד זענען אַרויסגעגעבן געוואָרן דורכן פֿאַרלאַג "אייגנס" (ירושלים 1974–1977). דער דריטער באַנד איז דערשינען אין פֿאַרלאַג "ישׂראל־בוך" (ת"א, 1975). צו די שוין דערמאָנטע 4 קאַפּיטלען אין פֿינפֿטן באַנד גייען נאָך אַרײַן צוויי קאַפּיטלען: "פּאָרטרעטן פֿון ייִדישע שרײַבערס", און "דאָס פֿינפֿטע ראָד", פֿון דאַנען אויך דער נאָמען פֿון בוך — "דאָס פֿינפֿטע ראָד". מיט זײַן חוש פֿאַר הומאָר און זײַן באַשיידענעם צוגאַנג צו זײַן שאַפֿונג, שרײַבט דער דיכטער אין זײַן ליד וועגן בוך "דאָס פֿינפֿטע ראָד": "און אַז מע זינקט אין בלאָטע בײַם אַרײַנפֿאָרן אין שטאָט, / איז וואָס קאָן העלפֿן שוין דאָס זינגען און דאָס זאָגן? / — — — און אפֿשר גאָר, ווער ווייסט, קאָן זײַן קאַפּויער — / ווו רעדער פֿיר קריכן ניט אַרויס, / זאָל גאָר דאָס פֿינפֿטע ראָד גראָד זײַן דער גואל, / וואָס לייזט אונדז פֿון די טיפֿע בלאָטעס אויס"...

ווי ס'זאָל זײַן, דער וואָס וויל שרײַבן וועגן די שאַפֿונגען פֿון מאיר חרץ, געפֿינט אין דעם "פֿינפֿטן ראָד" די מעגלעכקייט אַרויסצוגיין פֿונעם לאַבירינט פֿון די אויבנדערמאָנטע 5 ביכער: ווײַל, ווי אַזוי דען איז מעגלעך צו שרײַבן וועגן די 5 ביכער, אָן צו דערמאָנען זײַן ברייט־אַרומנעמענדיקע ליטעראַרישע שאַפֿונג, די פֿילפֿאַרביקייט און די פֿאַרטיפֿונג אין דעם רובֿ פֿון זײַנע לידער? וואָרעם ווען אַפֿילו מיר זאָלן אַנאַליזירן בלויז איין באַנד, וועט אין אַן אַרטיקל נישט סטײַען דערויף קיין אָרט.

ב

שוין אין אָנהייב דאַרף ווערן אונטערגעשטראָכן, אַז די לידער פֿון מאיר חרץ זענען שפּילעוודיק און זינגעוודיק, זיי פֿירן דיך צו פּראַכטפֿולע לאַנדשאַפֿטן, צו אַ פֿאַנטאַסטישער וועלט און חלומות, און צו אַ ווײַטער ווירקלעכקייט, וואָס לעבט אויף פֿאַר דײַנע אויגן. רײַך איז די וועלט פֿון געפֿילן און זכרונות פֿונעם דיכטער. דאָס רובֿ לידער אין דעם בוך זענען געשריבן געוואָרן דאָ אין לאַנד, נאָר זע דעם וווּנדער: די לידער וועלכע זענען געשריבן געוואָרן אין די דרײַסיקער און פֿערציקער יאָרן פֿלעכטן זיך צונויף ממש אָרגאַניש מיט די לידער געשריבענע אין די זיבעציקער יאָרן. ווײַזט אויס, אַז דאָס איז דערפֿאַר, ווײַל דער שעפֿערישער קוואַל פֿון וואַנען דער דיכטער שעפּט, איז דער זעלבער הײַנט פּונקט ווי דעמאָלט:

דער פייזאַזש, די פֿעלדער אין גרינען, דאָס געזאַנג פֿון די פֿייגל, די בלויע הימלען בײַ טאָג און די אויסגעשפּרייטע שטערן בײַ נאַכט, די ליבע צום מענטש, די טיפֿע הומאַנישקייט און דער גלויבן אין אַ בעסערן עתיד, ווי ס׳איז די קעגנוואַרט. אַ גוטסקייט גייט־אַרום אין חרצעס שירה, טראָץ די אומגליקן וואָס האָבן אים באַגלייט פֿון זײַן פֿריִער קינדהייט אָן.

דאָס דאָזיקע בוך איז נישט קיין סך־הכל פֿון אַ שאַפֿונג, עס שפּאַרט פֿון דעם אַרויס אַ געפֿיל פֿון באַפֿרידיקונג און די פֿרייד פֿונעם דיכטער, וואָס האָט זוכה געווען צונויפֿצוזאַמלען די שפֿע פֿון זײַנע שאַפֿונגען. די קומענדיקע לידער וואָס ער וועט שאַפֿן וועלן זײַן ווי אַ פּראָצענט צו זײַן שעפֿערישן קרן. אין דער אמתן, וואָס איז דען דער עיקר־באַגער פֿון דיכטער? — ״מיר ווילט זיך ליד און ברויט, געזאַנג און לופֿט און שײַן״ — דער דאָזיקער באַשיידענער פֿאַרלאַנג איז די טעמע וואָס איז דורכגעפֿלאָכטן אין די מערסטע לידער זײַנע.

די וואָרצלען פֿון מאיר חרץ געפֿינען זיך אין די כּישופֿדיקע לאַנדשאַפֿטן פֿון בעסאַראַביע, אין איר פֿרוכטבאַרער ערד, און אין דער שעפֿערישער מי פֿון אירע מענטשן. זײַנע שאַפֿונגען אָטעמען די דאָזיקע פּאַסטאָראַלע לאַנדשאַפֿטן אין וועלכע ער לעבט מיט זײַן גאַנץ וועזן, און זענען אָנגעזאַפּט מיט הנאה פֿון די גרינע פֿעלדער, פֿון דער תּבֿואה וואָס ווערט אײַנגעזאַמלט אין שײַער, פֿון די ריחות פֿון פֿעלד און גאָרטן, פֿון בליִונג און רײַפֿער פֿרוכט. דאָס אַלץ האָט ער אײַנגעזאַפּט אין זיך אין זײַן ייִדישן לאַנדווירטשאַפֿט־שטעטל מאַרקולעשט.

די וואָרצלען פֿון זײַן נאַרונג זענען נישט נאָר נישט פֿאַרוויאַנעט געוואָרן, נאָר פֿאַרקערט, זיי האָבן געהאַלטן און האַלטן אין איין בליִען אין זײַן האַרץ, און געגעבן אים דערמוטיקונג און כּוח אויסצוהאַלטן די שרעקלעכע איבערלעבונגען אין די מלחמה־טעג, און די שוידערלעכקייט פֿון דער שואה.

נאָר אַזוי דערקלערט זיך דער כּוח פֿון זײַן אַוועקשטעלן פֿאַר אונדז דאָס שטעטל אין איר נאַטירלעכן אויסזען, ווי אַ שטייגער זי וואָלט זיך אַרויסגעהויבן פֿון אירע חורבֿות און זיך אַוועקגעשטעלט אויף ס׳נײַ, מיט אַלע אירע זאַפֿטן און שיינקייטן פֿון יענע טעג פֿון זײַן קינדהייט און יוגנט.

אויף אַזעלכע ווי ער קאָן געזאָגט ווערן מיט די רייד פֿון שאול טשערניכאָווסקי: ״דער מענטש איז נאָר דאָס שטיקל ערד פֿון אַ קליין לאַנד, דער מענטש איז נאָר אַ געשטאַלט פֿון דער לאַנדשאַפֿט פֿון זײַן פֿאָטערלאַנד״.

ג

אין ערשטן קאַפּיטל פֿון זײַן בוך ״אין פֿרעמדן גן־עדן״ רעכנט זיך חרץ אָפּ, אַ גרונטלעכע און ביטערע אָפּרעכענונג, מיט דער וועלט פֿון דער רעוואָלוציע. ס׳איז אָבער כּדאַי צו דערמאָנען, אַז אין דער וואַרשעווער צײַטשריפֿט ״ייִדישע שריפֿטן״ פֿון יאָר 1962 (נומ. 10, זײַטן 185–186), האָט דער פֿרײַנט פֿון מאיר חרץ, דער דיכטער יאָסל לערנער, געשריבן וועגן די לידער פֿון חרץ, בײַ דער געלעגנהייט פֿון

חרצס אַלט ווערן 50 יאָר און אין דער דאָזיקער אָפּהאַנדלונג אַרויסגעברענגט די געפילן פֿון אונדזער דיכטער, ווי ער האָט זיי אויסגעדריקט אין דער צײַט, ווען די סאָוועטישע אַרמײ איז אַרײַן אין זײַן שטעטל אין בעסאַראַביע, אין סוף יוני 1940. דער דאָזיקער חשבון איז אַ קאָמפּליצירטער, און די דאָזיקע קאָמפּליצירטקייט דאַרף מען נישט פֿאַרגעסן. ווײַל אויך אין די אָנקלאַג־לידער פֿאַרגעסט נישט חרץ די ברייטע גרינע סטעפּעס, דער קוואַל פֿון זײַן אינספּיראַציע, ווו דער טראַקטאָר אַקערט און פֿאַרבט אויף שוואַרץ די ערד, און דער רעש פֿון די רעדער צעשפּרייט זיך ווי אַ געזאַנג איבער די ווײַטקייטן. זײַנע לידער זענען פֿול מיט די שיינע, גרינע סטעפּעס ווו עס רײַפֿט זיך די תּבֿואה, און פֿון די דאָזיקע ווײַטע רחבֿותן טראָגט ער זיך אַריבער אַהער אין טרוקענעם לאַנד, ווו ער געפֿינט זײַן רו אין אירע ווייכע זאַמדן. פֿון דאַנען קומט ער צוריק אין זכּרון צו יענעם ווינטער 1940, ווען זיי ביידע, זײַן פֿרוי און ער זענען אַרויס אויף דעם יסורים־וועג פֿון די מלחמה־טעג און איר שווידערלעכקייט, ווו עס האָט זיך אים אײַנגעקריצט די דאַטע פֿון ערשטער באַגעגעניש מיט טיפֿן שניי. שפּעטער — די טעג פֿון צעשיידונג און די טרוימען צו זײַן ווידער צוזאַמען. דאָס קליינע אָרעמע הײַזל, די גרויסע אָרעמקייט און דער רוף נאָך הילף, וואָס איז נישט דערגאַנגען צו די פֿאַרשטאָפּטע אויערן פֿון דער וועלט. ס'האָט זיך גוט אײַנגעקריצט אין זכּרון דער זאָג: "צוזאַמען איז גרינגער די משׂא", אָבער אָט דעם צוזאַמען האָט די מלחמה צעשטערט. אין איינעם פֿון די לידער הערט זיך די שטים פֿון דער וועלט וואָס איז אַרומגענומען מיט פֿלאַמען, אין זיי איז פֿאַרברענט געוואָרן אַ ריזן־טייל פֿון ייִדישן פֿאָלק. אָבער צווישן קדיש און געלעכטער זוכט דאָס לעבן ווײַטער דעם טעם פֿון קיום און המשך. אַ ליד וואָס איז געווידמעט זײַן אייניקל ברק, וואָס דערשײַנט ווי אַ בליץ וועלכער באַלייכט די שׂמחות פֿון זײַנע עלטערן און עלטערנס עלטערן, וואָס איז אַ סימבאָל פֿון שטאַרקן ווילן צו לעבן און פֿון לעבנס־כּוח, טראָץ אַלעמען, בענטשט דער דיכטער און לויבט וואָס ער איז געבליבן לעבן: "און איך בין אַריבערגעשפּרונגען דעם טויט / צו דיר מײַן טײַער לעבן", און ער איז ווידער פֿאַרכישופֿט, ווי זײַן שטייגער איז, פֿון די נײַע לאַנדשאַפֿטן אין אונדזער לאַנד; די בלויע הימלען, די שטילע נעכט, די גרינענדיקע ערד און זינגענדיקע פֿייגל — אַלץ גיסט זיך צוזאַמען אין איין געזאַנג — דאָס געפֿיל פֿון דעם גאַנצן אוניווערס. אין זײַנע פֿאַרשאַרפֿטע חושים, דערפֿילט דער דיכטער דעם צער פֿון דער וועלט, ער ווייטיקט דעם ווייטיק פֿון די אונטערדריקטע, ער גלייבט אָבער אין דעם גרויסן ליכט וואָס וועט אויפֿשײַנען, אַז די הימלען וועלן זיך צעבלויען אין זייער פֿולער טיפֿקייט, און אַז די וועלט וועט ווערן ריין און קלאָר.

ד

די הויפּט־טעמע אין מאיר חרצעס שאַפֿונג איז דאָס שטעטל. דורכן שטעטל, ווי דורך אַ פֿענצטערל, קוקט ער אויף דער גאַנצער וועלט. ער פֿילט אַ מין הייליקן חובֿ לגבי זײַן שטעטל — דאָס אָרט פֿון זײַן קינדהייט און יוגנט — און לגבי זײַן מוטער.

איןביידע איז פֿאַרבונדן זײַן באַרויבטע, פֿאַריתומטע קינדהייט. אין זיי, אין זײַנע קינדער־זכרונות, וואָרצלט זײַן שעפֿערישע אינטויציע, דער כּוח פֿון זײַן טאַלאַנט, וואָס גיט אים די מעגלעכקייט צו שילדערן אין זײַנע לידער דאָס שטעטל, אַזוי ווי ס׳האָט אויסגעזען, אָפּהיטנדיק די אוצרות פֿונעם פֿאָלקס־שטייגער, זאַמלענדיק זיי, זיי זאָלן נישט פֿאַרגעסן ווערן, גייט ער אַזוי פֿון טיר צו טיר, פֿון ווינקל צו ווינקל און זאַמלט אין זײַן ליד אַלץ וואָס לאָזט זיך אָפּהיטן. אין זײַן גרויסער פּאָעמע ״מאַרקולעשט״ האָט ער אַוועקגעשטעלט אַ ליכטיקע, **לעבעדיקע** מצבֿה זײַן שטעטל, וואָס ער האָט ליב געהאַט און וואָס דינט אים ווי דער צענטער פֿון דער וועלט אין זײַן שאַפֿונג. אָט די וועלט פֿון אינספּיראַציע **פֿאַר** זײַנע פּאָעטישע פֿאַנטאַזיעס, ברענגט ער צום אויסדרוק אין זײַנע פּאָעטישע בילדלעך און מעטאַפֿאָרן, ווי אַ שטייגער: ״דער הימל איז דעם שטעטלס בלויער דאַך״. חרצעס שטעטל איז רײַך מיט אָרעמע ייִדן, און זייערע געשעענישן דערציילט ער אין זינגעוודיקע פֿערזן. זײַן אידילישער צוגאַנג איז נישט צעשטערט געוואָרן, אויך נאָך דעם אַלעם וואָס ער האָט איבערגעלעבט, און ער גייט ווידער אַרויס אין דער פֿרײַ, זאַמלט אײַן אין זיך די באַזונדערע ליכטיקייט און שטילקייט און פֿאַקוועט זיי אײַן צוזאַמען.

דורך זײַנע פּערזענלעכע איבערלעבענישן זעט ער דעם גורל פֿון דער ייִדישער משפּחה אין איר קלעמעניש. דעם דיכטערס פֿאָטער האָט זיך געלאָזט איבערערדן פֿון זײַן ברודער וואָס האָט עמיגרירט קיין אַמעריקע. ער האָט איבערגעלאָזט זײַן מוטער אין עגינות, אים פֿאַריתומט, און אַוועקגעפֿאָרן אין גאָלדענעם לאַנד אַרײַן. מיט וואָס פֿאַר אַ צאַרטקייט און ליבע דער זון גלעט דאָס די געשטאַלט פֿון זײַן מוטער, די נידערגעשלאָגענע, אָרעמע ייִדישע פֿרוי, מיט די צעאַקערטע קנייטשן אויף איר שיינעם פּנים. וואָס פֿאַר אַ כּבֿוד ער גיט דאָס אָפּ אירע אויסגעדאַרטע הענט וואָס האָבן שווער געהאָרעוועט כּדי מפֿרנס צו זײַן זיך און דאָס קליינע קינד. וואָס האָט זי אַלץ נישט געטאָן? זי האָט געבאַקן ברויט, געקאָכט אין פֿרעמדע הײַזער, צוגעגרייט חתונות, בר־מצוות און אַנדערע שׂמחות:

״מײַן מאַמע קנעט באַנאַכט און באַקט בײַטאָג / און הונגערט בײַ איר אָרנטלעכער וואָג״.

די מאַמע האָט געקרעכצט אָבער ניש געוויינט, כּדי חלילה נישט איבערצוזאַלצן דאָס ברויט מיט אירע טרערן. זי פֿלעגט מיטנעמען איר בן־יחיד צו די שׂמחות, כּדי ער זאָל זיך ״דערכאַפּן דאָס האַרץ״ מיט די געבליבענע מאכלים, און אויף געניסן צוקוקנדיק זיך צו די פֿריילעכע טענץ.

נישט קיין סך דיכטער האָבן באַוויזן אין אַזאַ מאָס צו שילדערן די געשטאַלט פֿון דער מאַמען. חרץ איז אָן שום ספֿק איינער פֿון די וואָס האָבן זיך אויסגעצייכנט אין דעם, באַזונדערס שילדערנדיק דעם צער פֿון איינזאַמקייט, נידערגעשלאָגנקייט און פֿאַרלאָזנקייט און דעם פּראָצעס פֿון דער צעפֿאַלונג פֿון דער משפּחה. זײַנע צאַרטע לידער זענען אויך פֿול מיט בענקשאַפֿט צום פֿאָטער, וועלכן ער האָט בכלל

נישט געקענט. צו דער טעמע פֿון דער מוטער און איר אומעט קערט ער זיך אום אויך אין זײַן לעצט בוך. אין ליד וועגן זײַן פֿעטער שלמה, דער וואָס האָט צוגערעדט זײַן פֿאָטער צו פֿאַרלאָזן זײַן פֿרוי און קינד, און קומען אין לאַנד פֿון די געשטרעבטע רײַכקייטן, זאָגט ער:

"מײַן טאַטן האָט מײַן פֿעטער פֿאַרכּישופֿט מיט גאָלדענע חלומות".

ער באַמיט זיך צו געפֿינען אַן אויפֿקלערונג פֿאַר דעם וואָס דער פֿאָטער האָט געטאָן, אין דעם גורל פֿון זײַן פֿאָלק: "מײַן טאַטן האָט דער ייִדישער גורל פֿאַרטריבן". זײַן מאַמען זעט ער בײַם באַק־אויוון חלומענדיק און האָפֿנדיק, אַז דער פֿאָטער וועט צוריקקומען... פֿון זײַן צעבראָכן געמיט, שווערע אַנטוישונגען, און פֿון גרויס רחמנות צו דער מאַמען, צינדן זיך אין אים אַ סך ליכטיקייטן, דער פֿרילינג גייט אין אים אויף און דערהייבט זײַן ליד צו ליבשאַפֿט צום לעבן און עקזיסטענץ:

"מיט אַ ליבשאַפֿט צו דער וועלט, / און צו יעדער שטיקל פֿעלד / מיט אַ שמייכל צו דער גאַס און צו יעדן פֿרישן גאַסט".

לגבי יעדן נײַעם ליד זײַנעם פֿילט ער אַ הייליקן ציטער:

"איך שטיי פֿאַר אַ ליד אַ נײַעם / ווי פֿאַר אַ לויטערן קוואַל, / און פֿרעג / צי וועט מיר געלינגען בכלל?"

ה

נאָך דער מלחמה קומט דער דיכטער צוריק אין זײַן שטעטל מיט זײַן פֿרוי און אַ קינד, כּדי צו פֿאַרהיילן די ווונדן פֿון דער לײַדנדיקער מאַמען. נאָר דאָס שטעטל איז חרובֿ און די מאַמע איז אומגעקומען, צוזאַמען מיט די קינדער פֿון דער גאַס וואָס זי האָט ליב געהאַט. וואָס איז געבליבן? פֿרעגט דער דיכטער. — "שטערן אויפֿן הימל, לידער אויף דער ערד".

וועגן זיי זינגט ער אויך דאָ. אין זײַן נײַ פֿאָטערלאַנד. זײַן שנעל אַרײַנוואַקסן אינעם לאַנד האָט אויך איר מקור אין די טיפֿע וואָרצלען וואָס ער האָט געשלאָגן אין דער נײַער לאַנדשאַפֿט, דערגרייכנדיק זי דורך שווערער מי, אַ דאַנק דער שאַפֿונגס־פֿרייד. אָבער בעת ער דערהייבט זיך צו די בלויע הימלען מיט דעם שלל שטערן, הערט זיך אַ שטים וואָס רופֿט צו אים פֿון דער ערד: "נידער אַראָפּ, נידער אַראָפּ און געפֿין דײַן מנוחה דאָ. מיר האָבן געבלאָנדזשעט אין גלות / פֿאַרבלאָנדזשעט צו זיך אין לאַנד". און ער זינגט דאָ אַ לויב־ליד צום דאָרף וואָס ווערט געבויט דורך דורות חלוצים, און צו דער שטאָט וואָס וואַקסט אַרויס פֿון די רושטאָוואַניעס: "אַ לויב, אַ לויב מײַן קליינעם שיינעם לאַנד".

*

שוין אין אָנהייב פֿון זײַן באַוויַזן זיך אין דער דיכטונג־וועלט, צושטייענדיק צו דער גרופּע "יונג־רומעניע" אין די דרײַסיקער יאָרן, האָט מען שוין געזען אין מאיר חרץ אַן אויפֿגאַנג פֿון אַן אמתן טאַלאַנט, מיט אַ באַזונדערן צוגאַנג, און מיט אייגנאַרטיקע שאַפֿונגס־קוואַלן. נאָך לאַנגע וואַנדערונגען האָט דער דיכטער זיי מיטגעבראַכט מיט זיך אין לאַנד אַרײַן, אין זײַן נײַעם פֿאָטערלאַנד.

לידער וואָס ער האָט דאָ הי געשאַפֿן, זאָגן עדות אויף זײַן אײַנגלידערונג און אײַנבירגערן זיך, און עס זינגען אין אים ווידער די ניגונים, וועלכע ער האָט געטראָגן מיט זיך פֿון דעמאָלט:

"דאָס זעלבע לאַנד, די זעלבע שטערן, / האָבן ווידער זיך באַוויזן אין הימל ווי אַ מאָל"...

("ישׂראל־שטימע", 1978)

חיים זעלצער

"דאָס פֿינפֿטע ראָד" — אַן ערשט פֿידל

נײַע לידער־זאַמלונג פֿון מאיר חרץ

דער נאָמען פֿון אַ בוך בכלל און פֿון אַ לידערזאַמלונג בפֿרט פֿאַרשאַפֿט דעם מחבר נישט ווייניק זאָרגן; ווי אַ קינד ווען מע זוכט אים צו אַ נאָמען... "דאָס פֿינפֿטע ראָד" — דער נאָמען פֿון דעם נײַעם לידערבוך — קאָן זײַן פֿאַרפֿירעריש פֿאַר מענטשן תּמימותדיקע און לצניש — פֿאַר בייזוויליקע. ווער סע קומט פֿון רוסלאַנד געדענקט דאָס ווערטל "פּיאַטאָיע קאָלעסאָ ו'טעליעגע" און דער מיין איז, דאָס איבעריקע ראָד, אָבער נישט דאָס איז דעם מחברס כּוונה. ווידער ווער עס רײַט אויף אַ וואָלוואָ, ווייסט גוט דעם באַטײַט פֿונעם פֿינפֿטן רעזערוו־ראָד, וואָס ליגט אין באַגאַזשניק לעת צרה, נישט געפּרוּווט זאָל מען ווערן. אָבער אויך נישט דאָס איז דער מחבר אויסן. מאיר חרץ האָט מיט זײַן אײַנגעבוירענעם הומאָר און פּשטות אויסגעמײַסטרעוועט אַ וואָגן מיט פֿינף רעדער, פּונקט אַזוי נאַטירלעך ווי דער געבוירן פֿון אַ מענטשלעכער האַנט מיט פֿינף פֿינגער. דער דיכטער מעג אַלץ, דער גוטער לייענער וועט פֿאַרשטיין.

אין דעם דאָזיקן כּלומרשט קאַפּריזערן זאָג ליגט אַ טיפֿער מענטשלעכער זין; אין דעם אונטערטײַטש זענען עס די ספֿקות פֿון אַן עכטן קינסטלער לגבי זײַן ווערק און די אחריות פֿאַרן לייענער, ווי מע דרינגט אַרויס פֿון דער הקדמה צום בוך: "צי איז מײַן ווערק ווערט געווען די גרויסע שרעק עס נישט צו פֿאַרלירן? זאָל דער ייִדיש־

לײענער משפּטן. שוין זײַענדיק דאָ מיט מײַנע כּתבֿ־ידן, איז מיר די שרעק נישט תּיכּף אָפּגעגאַנגען און ערשט בײַם פֿינפֿטן בוך האָב איך זיך פֿון איר באַפֿרײַט".

אָפּטיש־פֿאַרפֿירעריש אָפּנאַרן קאָנען אויך די טיטלען פֿון די קאַפּיטלען, וואָס חזרן איבער די נעמען פֿון זײַנע פֿריִערדיקע פֿיר ביכער פֿאַר יענע, וואָס װעלן זיך נישט מטריח זײַן דורכצולײענען דאָס בוך מיט כּוונה, ווי דער מחבר זאָגט: "איך עפֿן אַ בוך מיט לידער / און דאַוון אַרײַן אין פֿאַרטאָג".

דאַוון איך טאַקע אַרײַן ביז נאָך חצות אינעם ערשט דערשינענעם בוך. אין געפֿלעכט פֿון לידער פֿון דאָ און פֿון דאָרטן הער איך דעם "דאָ" עלעהיי דאָס ערשטע פֿידל אין סימפֿאָנישן אָרקעסטער. אַלטע מאָטיוון — נײַע קלאַנגען, נישט די דאַטעס אונטער די לידער באַשטימען, נאָר דאָס געמיט פֿון דיכטער, וואָס איז נאָך לאַנגע יאָרן פֿון צער און וואָגל אין פֿאַרלוירענע וועלטן אָנגעקומען צו אַ ברעג און "געפֿאַלן צוריק אין רוישיקן טאָל, / צוריק צום אַמאָליקן רוישיקן טאָל".

מאיר חרץ און זײַנע חבֿרים פֿון דאָרט מוזן אויסזינגען ביזן סוף דעם ווײ פֿון שטומע גריבער. עס איז אַ הייליקע צוואה, זײ קענען נישט פֿון הײַנט אויף מאָרגן איבערניצעווען די נשמה, נישקשה, די שבֿעה נאָך זעקס מיליאָן מעג דויערן זיבן יאָר.

צו ביסלעך פֿאַרשווינדט די רוסישע און אוקראַיִנישע לאַנדשאַפֿט. די אויגן וויקן זיך אין בלוי פֿון ים און הימל. די זון און די וואָלקנס באַקומען אַ ייִדישן אויסזען און פֿירן זיך נישט ווי גויִים. הערט: "די זון — מיט מזל און מיט גליק / הייבט אויף פֿאַר טאָג דעם רויטן קאָפּ, / די וואָלקנס שלעפּן זי מיט שטריק / און לאָזן זי נישט אָפּ / און כאָטש זי רײַסט זיך אויף צוריק, / איז פֿאַלט זי נישט אַראָפּ. / און ערשט נאָך מיטיק ווערן לויז / די שטריק און לאָזן נאָך / און ס'לאָזן זיך די כּוחות אויס / אויך בײַ דער זון און דאָך / זי לאָזט נישט פֿון די הענט אַרויס / די שטריק פֿאַר נאַכט אַ גאַנצע וואָך. / און נאָר אום שבת גייט זי אויף / און שטײַגט אויף ווי אויף טרעפּ / און נישט קיין שטריק זי ציט אַרויף / און נישט קיין שטריק זי שלעפּט. / אַ שבתדיקע גייט זי אויף / אויף בלויע שבתדיקע טרעפּ".

ווידער די לאַנדשאַפֿט — "דער דרויסן" אַרום שטעטל פֿון זײַן קינדהייט גייט אים נאָך, עס איז אין בלוט, אין זײַן געמיט. עס איז זײַן עול און פּלוצעם געשעט, אַז נאָר "איין מאָל אין יאָר אַ שנייִקע שעה" און דער בליץ הייסט ברק און ברק הייסט דאָס ייִנגסטע אייניקל, דער צבֿר: "ביסט געקומען ווי אַ בליץ אין אַ וועלט פֿון סאַמע וואָלקנס... ווי אַ דריטער צו דער שפּיל פֿון דײַן ברודער און דײַן שוועסטער... ווי אַ פֿינפֿטער צו דעם קרײַז אַרום אַלטן ווײַסן זיידן..."

דאָס "פֿינפֿטע ראָד" האָט נישט נאָר באַפֿרײַט דעם דיכטער פֿון ספֿקות און שרעק, נאָר איז אויך און בעיקר אַ חשבון הנפֿש־בוך, ווען מע האָט אויפֿגעוואַקסן קינדער און מע שיקט זײ אין דער וועלט מיט אַ פֿאָטערלעכער ברכה: "אַ גוטן טאָג דיר, ייִדיש, / אַ גוטע נאַכט דיר, שפּראַך, / אַ גוטן שבת, קידוש, / אַ גוטן יום־טובֿ, פּראַכט. / אַ גוטן תּמיד, ברידער / און זײַט געזונט מיר — פֿרײַנד, / און זײַט געזעגנט, לידער, / געשריבענע ביז הײַנט".

בלײַט מיר נאָר איבער צו ווינטשן אַ גוט מאָרגן דעם דיכטער מאיר חרץ, אַ גוטן מאָרגן, ווײַל עס טאָגט שוין אין מײַן פֿענצטער.

("לעצטע נײַעס", 23.3.1979)

שלמה רויטמאַן

גרינס פֿאַר אַ טרייסט

(מאיר חרץ / "גרינער ווינטער", "מאַרקולעשט")

שוין אין דער קאָמפּאָזיציע פֿון חרצעס נײַ־דערשינען לידער־בוך, וואָס איז געבויט אויף קאָנטראַסט: מאַרקולעשט – ירושלים, הערט זיך דער ליריש־אויפֿגערודערטער פֿאַרטראַכט פֿון זײַן זעקסטער זאַמלונג. אויף דעם טראַגיש־אומגעקומענעם שטעטל "קלינגט דעם חזנס אַן אל מלא" און אין ישׂראל גרינט די ערד אויך ווינטער – דאָס לאַנד טרײַבט ברוויזיקע זאַפֿטן פֿאַרן וווקס, אויפֿגאַנג און קאַמף פֿאַרן לעבן. גרינס – אַ סימן פֿון ווידערגעבורט, פֿון אויפֿלעבונג, פֿון נאַציאָנאַלן רענעסאַנס און דער דיכטער פֿון אַ הונדערט מאָל געפּײַניקטער און געהרגעטער ייִדישער וועלט דאַרף אָט די גרינע טרייסט. פֿאַראַן אין בוך אַן עכט חרצישע ליד, וואָס הייסט "אויטאָביאָגראַפֿיש". ער דערציילט דאָ מיט אַ ביטערן שמייכל ווי ער האָט אין חדר איבער זײַן צעשטרײַטקייט געכאַפּט פֿונעם רבין קלעפּ – אַ געשלאָגענע קינדהייט, נאָר אַז:

גאָט האָט מיך געשטראָפֿט מיט לעבן
און קיין ברירה איז נישטאָ,
דאַרף מען אויסלעבן דאָס לעבן
ביזן דנאָ.

אין דער רומענישער אַרמיי האָט ער דער ייִדישער סאָלדאַט געשמעקט דעם ערשטן פּולווער, פֿאַרשטייט זיך, באַקומענדיק שטאַרקע קלעפּ:

נאָר גאָט האָט מיך געבענטשט מיט לעבן,
איז עס גאָרנישט זיס,
מוז מען נעמען עס דאָס לעבן
ווי עס איז.

און אָט איז ער געבענטשט געוואָרן צו זײַן אַ ייִדישער דיכטער, ווערט עס פֿאַר אים אַ קללה, ווײַל גויִים מיינען, אַז ער שעלט זיי, און ער ווערט פֿאַרשיקט קיין סיביר.

נאָר גאָט האָט מיך געבענטשט מיט לעבן,
מיך געלאָזט אין וואַלד אַליין,
ווײל איך נישט אַזאַ מין לעבן
עלנט ווי אַ שטיין.

און ער רײַסט זיך, ווי ער זאָגט, אַרויס פֿון דאָרטן קיין ישׂראל און אויב יעקבֿן איז אַפֿילו דער שטיין צוקאָפּנס געוועזן ווייך, איז ווי זשע קענען נישט ווייך זײַן פֿאַרן דיכטער די אייגענע זאַמדן. אָט די זייער שיינע ליד פֿאַראייניקט אין סטיל סײַ דאָס טראַדיציאָנעל־פֿאָלקישע, סײַ דאָס נײַ־נאָוואַטאָרישע, וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פֿאַר זײַן קינסטלערישן אייגנאַרטיקן גאַנג. דאָס זשאַלעווען זיך אויפֿן ייִדישן מזל גייט נאָך אין אונדזער דיכטונג פֿון אבֿרהם אבן־עזרא („אַ ליד וועגן מענטשנס לעבן"), אָבער די איראָניע, וואָס איז בטבֿע אָפּלייקענעריש, איז גראָדע בײַ חרצן באַשטעטיקנדיק, ווײַל ער גיט אונדז מיט איר אָנצוהערן, אַז ווי ס'איז נישט שווער צו זײַן אַ ייִד, איז אָבער ליב צו טראָגן דעם שווערן עול פֿון אייגנס, אַז ווי ס'איז נישט ביטער דאָס לעבן נעמט ער עס אָן מיט אירע פֿאַרלוסטן און געווינסן, מיט אַלע אירע פֿריידן און ליידן און טאַקע אין זײַן ליד „דער אַכציקסטער דור" פּונקט ווי אויך אין פֿיל אַנדערע לידער אין דער דאָזיקער זאַמלונג, וואַקסט אָרגאַניש דאָס אינדיווידועל־ביאָגראַפֿישע איבער אין דער געשיכטע פֿון דורות. דער דיכטער גיט אונדז דאָ צו וויסן, נישט אָן צעווייטיקטקייט, אַז אויך אין פֿאַרלוסט איז דאָ עפּעס פֿון אַ געווינס, אויך אין שאָדן איז פֿאַראַן אפֿשר אַ רמז אויף אַ געפֿינס, אויך אין שווערן אָנווער איז דאָ אַ דורכשטראַל פֿאַר דער האָפֿענונג פֿון זיך קענען ווידער באַנײַען און דאָס אַלעס באַטײַט, אייגנטלעך — דאָס ווידערקומען צו זיך, פֿאַרהיטן אויך אויף פֿרעמדע וואַנדער־און וואָגל־וועגן בלוטיק־אייגנס, אָפּהיטן און פֿאַרהיטן די אייגענע נשמה, כּדי זיך קענען ווי אַן אייגן קינד אומקערן זיך צו דער ישׂראלדיקער מאַמע־ערד. איז אפֿשר אין דעם פֿאַראַן אַ ווערטיקער געצאָלטס פֿאַר צער און אָנווער. דער דיכטער מאיר חרץ וויל אונדז און אויך זיך אַליין זאָגן: — די ייִדישע וווּנד איז אָפֿן און ברענט נישט אויף אָפּצולעשן זי, טאָ זאָל כאָטש דאָס גרינס, וואָס שפּראָצט אויף ווינטער־צײַט, ווי פֿון קערנער פֿון די ישׂראלדיקע זאַמדן לינדערן און קילן אונדזער געבראָכן האַרץ און אַזאַ איז זײַן ליריש טרייסט־ליד, וואָס ברעכט זיך דורך דורכן טרויעריק־טראַגישן עפּעס פֿון זײַן פּאָעמע „מאַרקולעשט" אין אינהאַלטפֿולן און פֿאַרשידנאַרטיק קלינגענדיקן לייט־מאָטיוו, שטימונג און קינסטלערישן וואָרט־אויסדרוק אין בוך „גרינער ווינטער".

(„ייִדישע צײַטונג", תּל־אָבֿיבֿ, פֿרײַטיק, דעם 18טן מערץ 1983 — ד' ניסן תּשמ"ג)

י. קאַראַ / יאַס (רומעניע)

מאיר חרץ — 50 יאָר ליטעראַריש שאַפֿן

מאיר חרץ האָט זיך צום ערשטן מאָל געדרוקט אין יאָר 1934 אין די "טשערנאָוויצער בלעטער" רעדאַגירט פֿון דעם אומפֿאַרגעסלעכן שמואל אבא סופר הי"ד. איז חרץ אַ בעל־יובֿל און ער פֿאַרדינט אַן אויספֿירלעכע שטודיע, מײַן פֿאָרליגנדיקע אַרבעט איז עס נישט. זי איז נישט יענע אויסשעפּנדיקע, אַלץ אַרומנעמענדיקע, סיסטעמאַטישע, פֿאַרטיפֿטע שטודיע, ווי עס איז נייטיק וועגן אַזאַ עכטן, אייגנאַרטיקן, קערנדיקן דיכטער ווי מאיר חרץ, דער פּאָעט פֿון יום־טובֿ און אין דער וואָכן, דער פּאָעט, וואָס פֿאַריומטובֿט די טאָגטעגלעכקייט, און פֿאַרשטייגערט די יומטובֿדיקייט, וואָס פֿאַרפֿלעכט דערהויבנקייט מיט איראָניע און טרוים מיט וואָר, געדאַנקלעכקייט מיט בילדערישקייט, זײַן שאַפֿן נעמט אַרום אַ גאָר ברייטע גאַמע פֿון אַלגעמיין מענטשלעכע און טיף יידישע איבערלעבענישן, פֿון פֿילאָסאָפֿישע? — פֿון פֿילאַרטיקע געדאַנקען און געפֿילן, פּאַסירונגען און מעשׂים, פֿון שטימונגען און אויסוווירקונגען, פֿון ענג פּערזענלעכס ביז אָנסופֿיק קאָסמישן. מאיר חרץ איז דער דיכטער פֿונעם אינטעגראַלן לעבן פֿון הײַנטיקע צײַטן. דאָס וואָס ער שטאַמט פֿון רומעניע און וואָס צום שׂכל איז ער געקומען גראָד צווישןביידע וועלט־מלחמות, וואָס ער איז, ווילנדיק צי נישט, אויסגעוווען אַ וועלט, דורגעמאַכט שבֿעה מדורי גיהנום אין אַלערליי אַזיעס און איז סוף־כּל־סוף אַוועק פֿון "פֿרעמדן גן־עדן", פֿון דער אַלטער היים און איז דערגאַנגען צו זײַן נײַער וואָרנדיקער היים און זײַן פֿאָלק, קלינגט אָפּ אין יעדער שורה זײַנער און ווערט דערמיט אונדזער אַלעמענס.

איך האָב מיך אינטערעסירט מיט חרצעס שאַפֿן זינט זײַנע ערשטע טריט; פֿריִער מיט אַ געוויסן אומצוטרוי, מיט דער וווילינגערישקייט און אײַנגע־בילדעטקייט פֿון אַ יונגן קריטיקער; און דאָך געוואָרט מיט אינטערעס אויף יעדן נײַעם ליד זײַנעם, ווײַל עס איז געווען עפּעס באַזונדערס. בשעת און אויך נאָך דער שואה האָט מען געציטערט איבערן גורל פֿון אַזאַ יידישן שרײַבער אין קאָשמאַרישע באַדינגונגען און ווען איך האָב ענדלעך געקענט לייענען אין 6 ביכער זײַן שעפֿעריש פֿאַרמעג, האָב איך געפּרוווט דערגרינטעווען זײַן מהות, זײַן אייגענע וועלט, זײַנע מיטלען און דערגרייכונגען. אויף וויפֿל די ווײַטערדיקע בלעטער דערגרייכן זייער ציל וועט מען זען צום סוף.

מע וואָלט געדאַרפֿט אפֿשר אָנהייבן מיט באַשרײַבן זײַן שווערן לעבנסוועג, זײַן גײַסטיקע פֿאָרמאַציע, זײַנע וואָגלענישן, זײַנע אָפּרופֿן אויפֿן גאַנג פֿון געשעענישן, וואָלט מען געזען זייער שײַכות מיט זײַן שאַפֿן. זײַנע לידער שפּיגלען אָפּ סײַ דאָס טיף איבערגעלעבטע, סײַ די "באַנאַלע" פּאַסירונגען פֿון זײַן לעבן. זיי ווערן אונדזערע, זיי באַרירן אונדז סײַ צוליב זייער פּאָעטישן כּוח, סײַ צוליב מענטשלעכער סאָלידאַרישקייט, וואָס איז תּמיד קערנדיקער איידער די (אָפֿט נישט

עבטע) סאָלידאַרישקייט. מיר פֿילן, אַז געמיינזאַם שטייט העכער פֿון איינזאַם. חרץ איז אַ לויטערער דיכטער. קלאָרקייט באַטײַט בשום־אופֿן נישט פּראָסטקייט, נאָר לויטערקייט. געניי ווי אומפֿאַרשטענדלעכקייט באַטייט נישט דווקא טיפֿקייט. אין זײַן ליריק שפּיגלט חרץ אָפּ צו מאָל אַ ביסל מאָדנע, דאָס פֿילזײַטיקע לעבן פֿון אונדזער תּקופֿה, מיט זײַן ליכט און שאָטן, מיט זײַנע בערג און טאָלן, מיט זײַנע אומצאָליקע טראַגעדיעס, דראַמעס, ראַנגלענישן און... לעבערלעכקייטן.

עס איז נישט גרינג צו פֿאַרנעמען אַ בכּבֿודיק פּלאַץ אין דער ייִדישער דיכטונג פֿון דעם לעצטן האַלבן יאָרהונדערט, אַפֿילו פֿון די לעצטע פּאָר צענדליק יאָר. מיר שטייען אין שײַן פֿון לייוויק און האַלפּערן, פֿון מאַרקיש און האָפֿשטיין, פֿון מאַני־לײַב און מאַנגער, דערצו נאָך, ווען מע שטאַמט פֿון אַ לאַנד, ווו עס האָבן געשאַפֿן א. שטיינבאַרג, י. שטערנבערג, י. מאַנגער, מ. אַלטמאַן, איז אַן אמתע דער־גרייכונג צו זײַן "עמעצער" אין דער ייִדישער פּאָעזיע און חרץ פֿאַרדינט כּשר זײַן נאָמען ווי אַ וואָגיקער דיכטער פֿון אונדזער צײַט.

אייניקע וואַרפֿן פֿיר מאיר חרצן, אַז ער איז אַ גרינגע "געווינערין" ער גייט נישט לאַנג צו קינד מיט אַ ליד, אַז ער שרײַבט און דרוקט אַ סך. ווייס איך אָבער, אַז חרץ געהער צו יענעם סאָרט שרײַבער, וואָס שאַפֿן איז זייער שאַרפֿסט באַדערפֿעניש, וואָס ער קען נישט איבערקומען אַ טאָג אָן אַ פּאָר שורות, אַזוי ווי עס עצהט דער לאַטײַנישער פּאָעט. דער אינערלעכער "דאַימאָן" שטויסט צו דער פּען און מע קען אים נישט אָפּקלאַפּן. דער אָפּקלײַב ווערט געמאַכט דעמלט, ווען מע גרייט זיך עפּעס אָפּצודרוקן. וואָס און ווען קאָן נאָר דער שרײַבער אַליין באַשטימען. שײַכותן צווישן לעבן און קונסט, צווישן יאָרן: יונגע, רײַפֿע, עלטערע, צווישן געפֿילט און געדאַכט, צווישן געאָגראַפֿישע שינויים — מאַרקולעשט, טשערנאָוויץ, קעשענעוו, עוואַקואַציע, ביטערע ווײַטקייטן, ווידער אין דער היים, נײַע היים...

צעריסענע קייטן, גראַנגל פֿאַרן ייִדישן וואָרט, פֿאַרן חרצישן אייגנאַרט, וואָס רײַסט זיך צום וואָרט. איך פּרוּוו אַרומכאַפּן מיט אַ בליק דאָס גאַנצע שאַפֿן זײַנס און איך פֿרעג מיך, צי איז דאָס געפֿלעכט פֿון טענער צו מאָל נישט אַ קאָמפּענסאַציע־נטיה כּדי דיאַלעקטיש צו פֿאַראייניקן דעם דיכטערס ראַנגלעניש מיט טיפֿע עטישע, סאָציאַלע, נאַציאָנאַלע, פֿילאָזאָפֿישע טיף גײַסטיקע און פּסיכישע ענינים און פּראָבלעמען מיט יונגטלעכער שקאָצישקייט, בונטאַרישע ווילינגערישקייט, קינדערישע תּמימות און שפּילעווודיקייט, פֿאָלקסטימלעכע אָפּנהאַרציקייט און דיכטערישן עקספּערימענט, צי איז נישט פֿאַראַן אַן איבעררוף צווישן דיכטערס באַמיִען זיך אַרײַנצודרינגען, פֿאַרשטיין, מגלה זײַן יענעמס נשמה־איבעלעבענישן, יענעמס נישט־דערזאָגטקייטן, אומדערגרייכונגען מיט אַ כּלומרש לײַכטן גלעכטער, איראָניע, סאַטירע. אַזאַ גאַנג קען אפֿשר וואָרצלען אין דער מורא פֿאַרן פּנים־אל־פּנים מיט דער גורלדיקער טראַגיק פֿון אונדזער מענטשלעכן קיום. נישט תּמיד איז גובֿר דער ייִדישער דווקא — בטחון.

ווערט מען טאַקע צו מאָל באַפֿאַלן פֿון טרויער אָדער ייִאוש, פֿון צווייפֿל און פֿאַרצווייפֿלונג, ביז דער ייִדישער בטחון, וואָס קומט אויך פֿון אַן עודף פֿון

פעסימיזם, שפּרינגט אַריבער די וואָר און טוט אַ בלאָז מיט האָפֿענונג און גלויבן אין לעבן, אין דעם נצח־ישׂראל...

איך פֿיל בײַ חרצן אַ שטענדיקע אויפֿריכטיקייט. ער שפּילט זיך נישט אין ליטעראַטור. ער לעבט איבער דיכטונג אין האַרצקלעמעניש, ביסיקייטן אין געדראַקלעבקייט אָדער שפּילעוודיקייט און געניויקייט.

איידער איך נעם זיך צו דער "מאַטעריע" גופֿא, ווילט זיך באַמערקן, אַז עס וואָלט געווען אינטערעסאַנט אויסצופֿאָרשן די כראָנאָלאָגישע אַנטוויקלונג פֿון חרצעס דיכטערישן וועג. צוליב דעם וואָלט געווען נייטיק, אַז יעדעס ליד זאָל זײַן דאַטירט; נאָך בעסער וואָלט געווען, ווען דער סדר פֿון די דערשינענע ביכער זאָל געווען זײַן כראָנאָלאָגיש. האָט אָבער דער דיכטער געפֿונען פֿאַר געניגנדיק אָנצוגעבן נאָר אין אייניקע פֿאַלן די צײַט, ווען דאָס ליד איז געשאַפֿן געוואָרן. אָט אַ שטייגער, זענען לידער פֿון 1934 אָפּגעדרוקט אין די ביכער "אין פֿרעמדן גן־עדן", "שטערן אויפֿן הימל" און "דאָס פֿיפֿטע ראָד". דאָס בוך "הימל און ערד" ברענגט לידער פֿון 1936, 1938, 1939. מע מוז זיך געבן אַן עצה אויסצופֿאָרשן די עוואָלוציע פֿון חרצעס שאַפֿן אויפֿן סמך פֿון די עטלעכע צענדליק לידער, וועלכע זענען יאָ דאַטירט. מע דאַרף אויך אָנגעבן, אַז די ביכער זענען דערשינען: 1. "אין פֿרעמדן גן־עדן" (1974), 2. "לידער צו אייגענע" (1975), 3. "הימל און ערד" (1974), 4. "שטערן אויפֿן הימל" (1977), 5. "דאָס פֿיפֿטע ראָד" (1978), 6. "גרינער ווינטער — מאַרקולעשט" (1982) און "געקליבענע לידער און געציילטע פּאָעמעס" (1983).

נישט געקוקט אויף מײַן אוניווערסיטעט־דיפּלאָם אין פֿראַנצייזישער ליטעראַטור בין איך אַ קנאַפּער חסיד פֿון סען בעוום שיטה, וואָס וויל דערקלערן שרײַבעריש שאַפֿן דורך דער ביאָגראַפֿיע פֿונעם שרײַבער. קיינער קען אָבער נישט לייקענען, אַז די "וואָרצלען", די סבֿיבֿה אין וועלכער מע איז געבוירן, אויפֿגעוואַקסן און פֿון וועלכער מע איז אַרויסגעוואַקסן, אַז די געאָגראַפֿיע, סאָציאַל־פּאָליטישע תּנאים, די נאַציאָנאַלע אָנגעהעריקייט, די פֿיזישע, פּסיכישע, גײַסטיקע שטריכן פֿון אַ שרײַבער וואַרפֿן זייער ליכט און שאָטן אויפֿן שעפֿער, אויף זײַן שאַפֿן, אַפֿילו אויב זיי קענען נישט דערקלערן דעם מהות פֿון זײַן קינסטלערישקייט.

דער עבֿאָ פֿונעם זיידן דעם שוחט קלינגט אפֿשר אָפּ אין חרצעס דיסקרעטער פֿאַרבינדנקייט מיט דער פֿיר טויזנט יאָריקער ייִדישער קולטור, אָבער דעם שטאַרקסטן חותם אויף זײַן ייִדישקייט איז צו פֿאַרדאַנקען דער מאַמען, וועגן וועלכער חרץ האָט געשאַפֿן אומפֿאַרגעסלעכע געזאַנגען, איר שווער לעבן און טראַגישער גורל, איר כאַראַקטער און באַנעמען טיילן איר צו אַ סימבאָלישן ווערט. זי ווערט פֿאַר אונדז די ייִדישע מאַמע. די רירנדיקע מאַמע־געשטאַלט אין איר עפּישער, עטישער גרויסקייט, ווײַט פֿון דעם לאַקריץ־זיסלעכן, קאָנווענציאָנאַל־סענטימענטאַלן שאַבלאָן פֿון טעאַטער־לידער: "מײַן מאַמע העקלט נישט און זיצט נישט בײַ קיין זאַק, / מײַן מאַמע קנעט בײַ נאַכט און באַקט בײַ טאָג / און הונגערט

בײַ איר אָרנטלעכער וואָג״ (״לידער צו אייגענע״, זײַט 19). די אָרעמע עגונה וועט אומקומען דורך פֿאַשיסטיש־רוצחישע הענט און איר מאירל וועט בלײַבן אומגעטרייסט לעולם ועד: ״מאַמע, מאַמעניו געטרײַע / ווי זשע קען מען דיך פֿון טויט אַרויסבאַפֿרײַען?״. (״לידער צו אייגענע״, זײַט 46).

מיט טויזנטער פֿעדעם איז דער דיכטער פֿאַרקנופּט און פֿאַרבונדן מיטן היימישן באַסאַראַבישן קאַנט, וועמענס פֿאַרב און קלאַנג ער קען נישט און וויל אויך נישט פֿאַרגעסן, אַפֿילו נאָך דעם, וואָס ער איז אויפֿגעריכט געוואָרן, אַפֿילו נאָך דעם, וואָס דאָס היימישע ווינקל האָט פֿאַרלוירן זײַן ייִדישן פּרצוף: ״יאָ, מאַדאַם, איך בין אַ באַסאַראַבער, / איך שטאַם פֿון יענער אָפּגערוקטער געגנט, / איך בין געבוירן דאָרט אין אַ סענטיאַבער / און דאָרט געוואַקסן, ווען ס׳האָט דאָרט גערעגנט״ (״אין פֿרעמדן גן־עדן״, זײַט 292).

לאָמיר זיך אַ ביסל אָפּשטעלן אויף דער סדרה קינדער־יאָרן. זיי זענען זיך פֿאַרלאָפֿן אויפֿן הינטערגרונט פֿונעם שטעטל מאַרקולעשט, וועגן וועלכן חרץ האָט אָנגעשריבן אַ פּאָעמע, וואָס איז ווערט אַרײַנגענומען צו ווערן אין יעדער אַנטאָלאָגיע פֿון ייִדישער ליטעראַטור ווי אַ קלאַסישער מוסטער אין זײַן מין. איך האָב נישט פֿאַרגעסן וואָס פֿאַר אַ ווערטיקע ווערק עס זענען געשאַפֿן געוואָרן וועגן אויסגעקוילעטן ייִדישן שטעטל אין די לעצטע 40 יאָר, שוין נאָך דעם, וואָס דער בראָך איז באַקאַנט געוואָרן אין זײַן גאַנצן פֿאַרנעם. מאַרקולעשט איז נאָר אַ טייל, כאָטש דער נאָענטסטער, באַליבסטער און דערפֿאַר פֿאַרטיפֿסטער פֿונעם דיכטערס קאַנט. צווישן ביידע וועלט־מלחמות איז באַסאַראַבישקייט געווען אַ באַליבסטע טעמאַטיק בײַ די שרײַבערס פֿון ״יונג־רומעניע״. דער רובֿ אָפּשטאַמיקע פֿון דער פּראָווינץ צווישן די טײַכן נעסטער און פּרוט. זיי האָבן טאַקע געוווינט אין טשערנאָוויץ, יאַס, בוקאַרעסט, אָבער די ״היים״ האָט באַטײַט באַסאַראַביע. זייער לאָקאַלער פּאַטריאָטיזם איז געווען סײַ אַן אינטימע איבערלעבעניש, סײַ (בײַ אייניקע) אַ פּראָגראַמאַטיש־אידעאָלאָגישער מוז, מחמת דאָיִקייט. די מאָלדעווושע, די בוקאָווינער און די מאַראַמורעשער זענען נישט אָפּגעשטאַנען פֿון די באַסאַראַבער. בלויז דער עלטערער יעקבֿ שטערנבערג מיט זײַנע תּלמידים־אורבאַניסטן האָבן באַזונגען בוקאַרעסט און בשעת אַ מזרח־אייראָפּעיִשער פּאָעט האָט זיך צעזונגען — ״שטעטעלע, מײַן שטעטעלע, פֿאַרגיי״, האָבן היגע יונגע־לײַט געקומענע זיך פּראָדוקטיוויזירן אין טעקסטיל־פֿאַבריקן, דערפֿילט זייער אָפּגעריסנקייט פֿון דער היימישער סבֿיבֿה, זייער אויסגעוואָרצלטקייט, זייער געראַנגל מיט דער גרויסשטאָטישער פֿאַרפֿרעמדקייט, האָט מען זיך געטרייסט מיט אידעאָלאָגיע: פּראָלעטאַריזאַציע, פּראָדוקטיוויזאַציע, הכשרה, איז געשאַפֿן געוואָרן (און פֿאָלקלאָריזירט געוואָרן) אַ נײַער גילגול פֿונעם ״פּאַסטעכל״: ״איז געווען אַ מאָל אַ פּאַסטעך / נאָך אַ קינד צווישן קינדער / פֿלעגט ער פּאַשען בײַ זײַן טאַטן / ציגלעך, לעמלעך, שאָף און רינדער. / הערי, דאָס פּאַסטעכל, דאָס קליינע / האָט אַ שעפּעלע פֿאַרלוירן / וואַלעו, וואַלעו! טוט ער וויינען / וואַלעו, וואַלעו! טוט ער קלאָגן״. דערצו קומט דער רעפֿרען: ״אַך, מײַן ליבע באַסאַראַביע / לאַנד פֿון

פֿרייד און לאַנד פֿון טרויער, / ווען איך דערמאָן זיך דיינע טאָלן, / נאָר איך וויין און איך באַדויער"... (משה פּינטשעווסקי).

מאיר חרצעס באַסאַראַבישקייט איז פֿון גאָר אַן אַנדערן שניט און נוסח. איך ברענג אַ דוגמא פֿון זײַן ערשטן באַנד לידער "אין פֿרעמד גן־עדן": "מיר וואָס מיר האָבן מיט בײַטשן געפּאַכעט, / לעמער געפּיטערט און פֿערדלעך געקאָוועט, / קי געמאָלקן און קעלבלעך געבאָוועט, / שטאָלן גערייניקט אין עושר און כּבֿוד. — — — מיר, וואָס האָבן געזייט און געשניטן / לעמער געשוירן און פֿערדלעך געביטן, / איבערגענומען מאָלדאַווישע זיטן / זומער צו טראָגן אַ שאָפּן היטל. — — — מיר באַסאַראַבער קומען זיך מעלדן: / נישט קיין פּחדנים און אויך נישט קיין העלדן" (זײַט 68). אַ שיינער שטעל. דערפֿאַר אָבער איז פֿאַראַן אַ שיין ביסל אויטאָ־איראָניע אין אַנדערע לידער. דערפֿאַר קלינגט צאַרט אַ דיסקרעטער סענטימענטאַליזם, נאָסטאַלגישקייט אין: "באַסאַראַביע, די היים פֿון מײַנע קינדער־יאָרן / — — — מיט די גרויע דערפֿלעך, פֿעלדער שאָף און רינדער; / ווי זשע שטעלט מען זיי אַנידער / פֿאַר די אויגן פֿון די קינדער?" ("לידער צו אייגענע", זײַט 46). באַסאַראַבישקייט קלינגט ווי אַ מוזיקאַלישער פֿאָן איבער אַ גרויסן שטח פֿון זײַן ליריק.

דאָס שטעטל איז די בינע, וווּ עס שפּילט זיך אָפּ די תּקופֿה פֿונעם דיכטערס קינדער־יאָרן. עס קוקט: "מיט אַ ליבשאַפֿט צו דער וועלט / און צו יעדער שטיקל פֿעלד, / וואָס סע קוקט אין שטוב אַרײַן / מיט אַזוי פֿיל גרינער שײַן" ("אין פֿרעמדן גן־עדן", זײַט 41). די היימישע שטוב איז אַ טייל פֿונעם שטעטל, וואָס רופֿט אַרויס אַן אייגנאַרטיק געפֿיל אין יעדנס האַרץ, נישט בלויז, ווײַל עס איז אַוועק מיט דער צײַט, צוליב דער אַנטוויקלונג פֿון דער געזעלשאַפֿט, נאָר ווײַל עס איז מערדעריש פֿאַרשניטן געוואָרן און ווײַל אַ סך כּוונות זענען פֿאַראַן אויף צו פֿאַרלייקענען, צו פֿאַרווישן, צו פֿאַרשנײַדן, אָדער כאָטש, באַגאַטעליזירן אָט דאָס גרויסע פֿאַרברעכן פֿון די נאַציס. און עס גייט ווײַטער דאָס פֿאַרלייקענען די גרויסע אויפֿטועך פֿונעם שטעטל אין יעדן פּרט, אַזוי אַז דעם דיכטערס באַציִונג צום היימישן שטעטל איז נישט נאָר צוליב סוביעקטיווע טעמים. מיט רעכט רופֿט ער אויס: "וואָס קוקסטו הײַנט אַזוי פֿאַרחידושט / דורך אַלע ווײַטקייטן צו מיר?" — — — "מײַן אָרעם שטעטעלע, מײַן יידישס / און קלאַפּסט, מיר דאַכט זיך, אין דער טיר" ("אין פֿרעמדן גן־עדן", זײַט 161). ווי אין אַ האָלענדישער שטייגערישער מאָלערײַ דערוועקט דער דיכטער דאָס פּילפֿאַרביקע דינאַמישע בילד פֿון אַ שטעטלדיקן יאַריד: "דרייען נאָך זיך פֿויערים / און די יידן אַרום זיי / און מע רירט דאָרט אויף דעם רוים / מיט אַ ווילדן מאַרק־געשריי" ("אין פֿרעמדן גן־עדן", זײַט 45). די זון איז פֿאַרגאַנגען, דאָס שטעטל איז אַוועק מיט רויך און פֿײַער און דאָך: "אין זכּרון פֿון די ווײַטן / לעבן נאָך די שטעטל־יידן, / לעבן נאָך די אַלטע צײַטן / מיט די רוישיקע יאַרידן" ("אין פֿרעמדן גן־עדן", זײַט 200). דאָס בת־קול פֿון דעם "שטעטל של מעלה" וועט זיך שלענגלען דורך דער גאַנצער חרצישער שאַפֿונג און דערגיין צו די הייכן פֿון דער פּאָעמע "מאַרקולעשט".

חרץ איז נישט געבליבן פֿאַראַנקערט אין שטעטל־נאָסטאַלגיע, אין שטײַגער־בענקעניש. זײַן לעבן און זײַן דיכטונג שפּאַנט איבער שטעט און גרויסע שטעט, איבער אויפֿברויז און אויפֿציטער, איבער מלחמה און מלחמה־וואָגל, איבער עוולות און נגישות. געביטן די היים, פֿאַרברייטערט דעם האָריזאָנט און דערגאַנגען צו דער דינאַמישער רײַפֿקייט, וואָס באַשײַנט זײַן שאַפֿן פֿונעם לעצטן יאָרצענדליק. דאָס קינד מיט "צעשטראַלטע יונגע בליקן" וועט שפּעטער אויסוואַקסן אין דער פֿאַנטאַזיע פֿון דעם רײַפֿן מאַן מיט די זעלבע ווערטער "שטילער, שטילער, שטיל" און זיך ווינטשן: "ווי גוט וואָלט געווען, איך זאָל זײַן / אויף אייביק אַ ייִנגל אין שפּיל" (לידער צו אייגענע, זײַט 15), אַ חלום, וואָס קען קיין מאָל נישט מקוים ווערן פֿאַר קיינעם, סײַדן אין טרוים פֿון אַ דיכטער. איבער אָט דער אָרעמער מאַרקולעשטער קינדהייט וואַכט און טראַכט, היט און זיך באַמיט די מאַמע, די האָרציק געטרײַע אומפֿאַרגלײַכלעכע מאַמע. חרצעס ליבגעזאַנג צו זײַן מאַמען, אַ לויבליד צו אַלע אונדזערע מאַמעס: "מײַן מאַמע זינגט מיר אײַן דאָס ליד / פֿון האָפֿענונג צו גוטן, / זי איז פֿאַהאָרעוועט און מיד, / נאָר סע זינגען אירע בלוטן" ("לידער צו אייגענע", זײַט 13). איר טראַגישער טויט לאָזט אים אָן אַ טרייסט: "מאַמע, מאַמע, מאַמעניו געטרײַע, / ווי זשע קען מען דיך פֿון טויט אַרויס־באַפֿרײַען?" ("לידער צו אייגענע", זײַט 46), פֿאַר איר באַקלאָגט זיך דאָס קינד, אין דער וויזיע פֿון דעם רײַפֿן דיכטער, אויף דער אָרעמקייט: "פֿאַרוואָס איז אַזוי קאַלט בײַ אונדז דער דיל? — — — פֿאַרוואָס איז צווישן בעט און טישל שמאָל? — — — פֿאַרוואָס איז אונדזער טיר אַזוי פֿאַרלאָזט?" ("אין פֿרעמדן גן־עדן", זײַט 104). אָרעם איז טאַקע נישט קיין שאַנד, אָבער אָרעמקייט פּרעסט, זי נאָגט און יאָגט און קלאָגט, די גרעסטע טרייסט פֿאַרבלײַבט די מאַמע.

חרצעס ביאָגראַפֿיע ליפֿערט אים אָפּט דעם שטאָף און דעם טראַפּ, דעם שטויס און דעם ברויז, דעם קלאַנג און דעם באַנג פֿון זײַן געזאַנג. אָפּט ווענדעט ער זיך צו די שווער איבערגעקומענע קינדער־יאָרן און דאָך געפֿינט ער דאָרט אַזוי פֿיל נאַיִווע פּאָעזיע און וועלטבאַנעמערישע אַנונג. ער פֿילט, אַז די וואָרצלען פֿון זײַן רײַפֿקייט שטעקן אין יענעם לעבעדיקן פֿון מאַרקולעשט: "אָט קוק איך אַרײַן אין מײַן טיפֿן זכרון / אַזוי ווי אין אַ טונקעלן ברונעם / און לאָז מיך אַראָפּ אויף די טרעפּלעך פֿון יאָרן, / מײַן קינדהייט דאָרט צו געפֿינען" ("שטערן אויפֿן הימל", זײַט 172). דאָס אַריבערפֿאָרן פֿונעם שטעטל צו דער שטאָט אין די יונגע יאָרן, זוכנדיק אַ וועג אין לעבן, ווײַל ער פֿילט, אַז עפּעס באַזונדערס שטעקט אין אים, אַזוינס, וואָס מוז זיך צעבליִען און אויסוואַקסן. מע רײַסט זיך אַרויס פֿון היימישער סבֿיבֿה מיט איר חן און שטײַגער און מע פּרוּווט זיך אײַנוואָרצלען אין דעם אומבאַקאַנטן באָדן פֿון נײַע ווערטן און השׂגות. אמת, דאָס קאַפּיטל שטאָט נישט קיין אויבנאָן אין חרצעס דיכטונג, אָבער דער עטאַפּ פֿון איבערגאַנג לאָזט שפּורן אויף דער נשמה. מע דערהערט עס אין: "איך גיי אַרויס בײַ נאַכט אין הויף, / סע רוישט אַרום און אַרום די שטאָט — — — און שטילער, שטילער מאַך איך מײַן טראָט, / באַטש כ'וויס, אַז ס'איז מײַן מי אומזיסט, / עס רוישט אַרום און אַרום די שטאָט" ("הימל און

ערד", זײַט 164). די מאָדערנע שטאָט זעט ער ווי אַ מאָדערניסטישער מאָלער: "אַ מישמאַש פֿון פֿאַרבן גרין־געל־רויט, / אַ מישמאַש פֿון לעבן און פֿון טויט / און פֿון גרויער נויט מיט ווײַסן ברויט" ("הימל און ערד", זײַט 169). און דאָך ווערט די שטאָט פֿאַרן יונגן דיכטער אָן אויסלייזונג. די מיטלערע יאָרן זענען פֿאַר חרצן, ווי פֿאַר אַ סך זײַנס גלײַכן אַ צײַט פֿון שווערע נסיונות, וואָס האָבן זיך טיף אײַנגעביסן אין זײַן נשמה. אין אַ ליד פֿון 1962 קאָנסטאַטירט ער: "איך בין שוין 50 יאָר אַ זקן, / אַ גרויער פֿון געבוירן אָן". די שפּעטערדיקע געשעענישן האָבן באַוויזן וויפֿל וויטאַליטעט, אויסדויער עס באַזיצט אַפֿילו דער בן שבֿעים. געהאָלפֿן לעבן האָט אים זײַן אני מאמין: "מע רעדט, מע זינגט אויף טויזנט שפּראַכן / נאָר איך קען איינע, יידיש בלויז" ("שטערן אויפֿן הימל", זײַט 175). איך מוז צוגעבן, אַז אויב מע רעדט מיט אים רומעניש, רוסיש, עבֿרית בלײַבט ער אויך ניש פֿאַרשעמט.

מעגלעך, אַז טרויער איז אַ גרונטשטריך פֿונעם דיכטערס געמיט, אָבער טרויער איז נישט די הערשנדיקע שטימונג, כאָטש טרויער־מאָטיוון שלענגלען זיך צווישן די שורות פֿון אַלע זײַנע ביכער. אין די ערשטע נאָכמלחמה־יאָרן האָבן מיר געפֿילט, אַז: "איצט שטיי איך און קלאָג בײַ אַ חרובֿער טיר / על חורבן העם ועל חורבן השיר" ("אין פֿרעמדן גן־עדן", זײַט 269). אויך שפּעטער האָט ער מיט רעכט געפֿילט, אַז: "דער טרויער שאַרט זיך הינטער מיר / מיט אַ מעסער צו מײַן רוקן. / דער וויסטער טרויער שעמט זיך אין די אויגן מיר צו קוקן" ("לידער צו אייגענע", זײַט 154). דעם טרויער באַקעמפֿט דער דיכטער מיט דער דינאַמישקייט פֿון אַרומיקן לעבן: "און ווילן וויל מײַן האַרץ געניסן / פֿון פֿרייד און פֿאַרבן, וואָס אַרום" ("הימל און ערד", זײַט 278). דער געדאַנק פֿון טויט קומט אָפֿט צו גאַסט צו אָט דעם דיכטער פֿון דעם לעבעדיקן לעבן. אָט זעט ער אויס ווי אין אַ בילד פֿון אַ טויטן־טאַנץ: "אַ מישמאַש פֿון פֿרייד און זאָרגן, / טענץ און טרויער — אַ מישמאַש, / זיבן פֿלעשער וועל איך באָרגן, / זעקס מיט ווײַן און סם אַ פֿלאַש. — — — אַ מישמאַש פֿון זיס און ביטער, / זיס און זויער — אַ מישמאַש, / אויפֿן יום טובֿ פֿון די שניטער / קומט דער טויט און טוט אַ נאַש" ("שטערן אויפֿן הימל", זײַט 231). און שפּעטער, אין יאָר 1981 וועט ער אויסרופֿן דעם "מעמענטאָ מאָרי", דעם טויט, וואָס וועט: "אַרויס און אַרײַן אין מײַן דאַזיקן ליד / מיט פֿאַרבן גרין און בלאָ און רויט / דער דרײַ מאָל צוגעדעקטער טויט" ("גרינער ווינטער", זײַט 51). שפּיטאָל־לידער זענען אַ היימיש בלאַט אין אונדזער ליטעראַטור זינט לייוויקן. אין די לעצטע יאָרן, ווען אַזוי פֿיל יידישע שרײַבערס זענען אַלט און קראַנק ציט זיך ווי אַ רויטער פֿאָדעם דער שפּיטאָל־מאָטיוו דורך אַ סך פֿון זייערע לידער. גאַנץ אייגנאַרטיק קלינגט אַזאַ ליד בײַ חרצן: "כ'ליג אָן כּוחות אויף אַ הויפֿן יאָרן / און מיר דאַכט, אַז איך שווים צום אַמאָל" ("שטערן אויפֿן הימל", זײַט 182).

די שווערע יאָרן פֿון דער צווייטער וועלט־מלחמה קלינגען אַרויס פֿון די לידער, וואָס דערמאָנען איבערלעבענישן בעת עוואַקואַציע: "פֿאַרט אַ שרײַבער אין אַ קאַפּעליוש אַ שוואַרצן / מיט אַ היים אַ חרובֿער אין האַרצן" ("אין פֿרעמדן גן־עדן", זײַט 151). ער זעט די טויזנטער יידן מיט דעם ביסל אָפּגעראַטעוועטן האָב־

און־גוטס. שפּעטער וועט מען דערפֿאָרן צו אַ ברעג. מיר זענען טויזנטער ייִדן, וואָס האָבן איבערגעלעבט די האַרבסטיקע וואָגל־טעג פֿון 1941 און די שפּעטערע יאָרן אין עקזאָטישן מיטל־אַזיע מיט די קאַראַוואַנען קעמלען, מיט די אוזבעקן אין געשטרײַפּטע כאַלאַטן, מיטן אייזל, וואָס טראָגט אַ גלעקל אויפֿן האַלדז, מיט די פֿאַרביקע דעקן, מיטן זאַמד אין פֿרײַען פֿרימאָרגן; אַלץ דערמאַנט אין די אָבֿות אין דער מדבר בשעת יציאת־מצרים.

די פּאָעמע "אַ ייִנגל דערציילט" מאָלט אַ בילד פֿון גראַטעוועטע ייִדן. עס איז פֿון די גרעסטע שאַפֿונגען חרצעס און עס דערגאַנצט זײַן פּאָעטישע ביאָגראַפֿיע. שפּעטער וועט ער (אין פֿריידן?) דערמאַנען יענע שווערע צײַטן, ווען מע האָט גראַטעוועט פֿריִער פֿון אַלץ דאָס נאַקעטע לעבן: "בײַ די ברעגעס פֿונעם טיש זיצן מיר פֿאַרקלערטע, / אַלע לידער אויסגעזונגען, אַלע אויסגעהערטע, / אויפֿגעגעסן אַלע עסנס, אויסגעטרונקען אַלע ווײַנען, / בלויז געבליבן אין זכרון יענע אַלטע שווערע פּײַנען" ("לידער צו אייגענע", זײַט 163). און דאָך האָט מען נישט פֿאַרלוירן די מענטשלעכע ווערדע און דאָס דיכטערישע וואָרט האָט נישט געפֿונען קיין רו אַפֿילו אין די ביטערע צײַטן, ווען מע איז געווען אַ קרבן פֿון דעם "פּערזאָנען־קולט", פֿון הפֿקרדיקער אוממענטשלעכקייט: "אַ שטײַג מיט גראָבע גראַטעס, / שאָטנס געבראָכן און לאַנג, / לייגן זיך לאַנגע לאַטעס, / לאַטעס אויף בילד און געדאַנק" ("אין פֿרעמדן גן־עדן", זײַט 217). דאָ וועט חרץ "פֿײַערן" זײַן 40סטן געבוירן־טאָג: "איך טראָג דאָס ביסל יאָר, די גרויסע שווערקייט / — — — איך בלאָנדזשע אום ווי אַ פֿאַרלוירן וואָרט, / וואָס קאָן זײַן פּלאַץ / נישט טרעפֿן אין קיין זאַץ. / אַ וואָרט אַזאַ / כאַ־כאַ, / כאַראַץ" ("אין פֿרעמדן גן־עדן", זײַט 226, אָנגעשריבן אין סוכאָבעזוואָדנאָיע, סעפּט. 1952). אַגבֿ וועט חרץ אָפּמערקן אין זײַנע לידער די טרעפּ (אַרויף? אַראָפּ?) פֿון זײַנע יאָרן: 50, 60, 70. ער וועט דאָס טאָן אויף אַן אופֿן, וואָס זעט מיר אויס אַ ביסל מאָדנע און נישט גאַנץ פֿאַרשטענדלעך.

דער שווערער גורל קען נישט ברעכן דעם דיכטער אַפֿילו נישט אין עקרהדיקן וואַסערלאָזן מקום (סוכאָבעזוואָדנאָיע באַטײַט אין רוסיש טרוקן — אָן וואַסער) און אָט איז אַ ליד פֿון 1950: "און ווי איז צו דעם, וואָס פֿאָלט אינעם שניי, און אפֿשר איז נישט אַזוי ווי / זיך אָפּגעבן בלינד דער מאַכט פֿונעם ווינט, פֿונעם שניי. / נאָר בעסער איז פֿאָרט צו פֿילן — ביסט שטאַרקער פֿון זיי!" ("לידער צו אייגענע", זײַט 188). זעקס יאָר שפּעטער אַ באַפֿרײַטער, צוריקגעקומען צו אַ כּמו נאָרמאַל לעבן, וועט ער פּרוּוון זיך מוטיקן און וואָרענען: "זײַ וואַך און קוק זיך אַרום — אַרום און אַרום מיט אויגן, / פֿאַרגאַרטל זיך פֿעסטער און קום, / די שטילקייט זאָל דיך נישט בייגן" ("לידער צו אייגענע", זײַט 189).

דער גרויסער ווענד אין חרצעס לעבן און שאַפֿן איז דאָס יאָר 1972, ווען ער איז משנה מקום און, פֿאַרשטייט זיך, משנה מזל: די נײַע היים וועקט אויף אין אים דאָס חומש פֿון די קינדער־און־חדר־יאָרן. עס וועבן זיך אַלט־נײַע געשטאַלטן, פּייסאַזשן, שטימונגען, וואָס העלפֿן אַרויס דער קליטה זײַנער אין דער סבֿיבֿה, וואָס

איז אי נײַ און אי נישט נײַ. װולקאַניש עפֿנט זיך אַ קװאַל פֿאַר נײַע הונדערטער לידער און פֿאַר געגוג ענערגיש אַרױסצוגעבן זיבן װאָגיקע בענדער מיט פּאָעזיע.

דער ציקל לידער „שטערן אױפֿן הימל" פֿון דעם באַנד (דער פֿערטער) מיטן זעלבן נאָמען, איז געװידמעט דעם פּייסאַזש, די ערטער, די מענטשן, דער אַרבעט און דער מי, די גורלדיקע איבעלעבענישן זײַנע אין דער אַלט־נײַער היים, װוּ דער דיכטער דערפֿילט, אַז: „אַלץ איז אַנדערש, װאָס איר הערט און זעט". בײַ חרצן איז פֿאַראַן אַ נאָענטע שײַכות צװישן „דיכטונג" און „װאַרהייט", צװישן זײַן לעבן און זײַן דיכטעריש שאַפֿן. ער איז נישט קיין רעאַליסט אין ענגסטן זין פֿון װאָרט, נישט געקוקט אױף געװיסע כּמו נאַטוראַליסטישע שטריכן.

טראָץ דער נישט קלײנער צאָל לידער זײַנע אין דער דריטער פּערזאָן רעדט חרץ װי יעדער קינסטלער, גאָר נישט װייניק װעגן זיך, װעגן זײַנע איבער־לעבענישן, געפֿילן, שטימונגען, געדאַנקען, אײַנדרוקן, מיינונגען, חלומות, װיזיעס, שטרעבונגען. אַ דאַנק זײַן כּוח פֿון טראַנספּאָזירן װערן אָט די קאַטעגאָריעס, אונדזערע אַלעמענס. אַגבֿ, עס שטעלט זיך אַרױס, אַז אָפֿט װערט דער דיכטער אַ שליח ציבור פֿאַר אונדזערע טרױמען װעגן נעכטן, הײַנט און מאָרגן. דערמיט װערט ער אונדז נאָענט און טײַער.

װי אייגנאַרטיק אַ קינסטלער זאָל נישט זײַן, װאַקסט ער נישט אױס ערגעץ אין אַן אַבסטראַקטן חלל. דאָס אַרומיקע לעבן, די שאַפֿונגען פֿון אַנדערע שרײַבערס און בכלל פֿון קינסטלערס, די געזעלשאַפֿטלעכע באַציִונגען באַװירקן אים. חרץ דערמאַנט, װער עס האָט אים באַװירקט צװישן די גדולים פֿון עלטערן דור, אים געהאָלפֿן, געפֿונען און אױסטרעטן זײַן אייגענעם װעג: „און מאַנגער, דער זינגער, װי קײנער־קײנער, איז איבער די קעפּ פֿון זײַנע פֿאַרערער געװאָרן מײַן װײַטער לערער" („שטערן אױפֿן הימל", זײַט 146). אַ װײַטער אָפּקלאַנג פֿון מאַנגערס פֿריִער השפּעה באַגעגענען מיר אין אַזאַ ליד װי „גלוסט זיך בײַ נאַכט מיר — — —" אָנגעשריבן אין טשערנאָװיץ אין יאָר 1935. אין דעם פּרעכטיקן זשאַנער־בילד „אליעזר שטײנבאַרג" דערפֿילט מען דעם כּישוף, װאָס דער גרױסער מײַסטער האָט אָפּגעטאָן יעדערן. אַגבֿ, אָט דער שטײנבאַרג־טראַדיציע האָבן מיר צו פֿאַרדאַנקען דעם שטראָם אייגנאַרטיקע אָדער, װי ער רופֿט דאָס, משל־אַרטיקע לידער, אַ מין זיװוג פֿון ליד און משל אין חרצעס שאַפֿן. דאָס קלוגע רירנדיקע דערמאָנונגס־ליד „די אָבֿות" רוקט אַרױס די מזרח־װאַנט פֿון אונדזער ליטעראַטור, כּדי אױסצופֿירן, אַז: „מיר, די הײַנטיקע פּאָעטן, / זוכן זײער נעכטיק הױז / און דעם װעג צו זײער שטעטל / און דעם װעג פֿון דאָרט אַרױס" („שטערן אױפֿן הימל", זײַט 207).

הערש סעגאַלן, דעם פֿרײַנד פֿון פּאָעטן, דעם אײדעלן, פֿײַן־פֿילנדיקן, טיף־דענקענדיקן, צאַרטן פּאָעזיע־קענער און ליבהאָבער פֿון פּאָעזיע, װעלכער האָט געשטיצט דעם פּאָעט אין שװערע צײַטן, װידמעט חרץ אַ צאָל לידער אין װעלכע דער ל"ר־ניק הערש באַװײַזט זיך אין זײַן אמתער שײַן, אין זײַן גאַנצער גרײס: „זײַן שװעל ציט צו, זײַן טיר איז שטענדיק אָפֿן, / דער טיש איז גרײט פֿאַר שטילע רייד,

פֿאַר שווײַגן, / וואָס בינדט צונויף מיט אַלטע פֿילאָזאָפֿן / און העלפֿט דעם מענטשן זיך אַריבערשטײַגן" ("שטערן אויפֿן הימל", זײַט 164).

טשערנאָוויץ האָט חרצן געבראַכט אין באַריר נישט נאָר מיט דער ברייטער ייִדישער קולטור־באַוועגונג, נאָר אויך מיט מאָדערנער דײַטשישער ליטעראַטור, קיין דירעקטע השפּעות לאָזט זיך נישט אויפֿווײַזן מצד אייראָפּעיִשער דיכטונג (אפֿשר אַ ביסל ווערלען), אָבער עס האָט געהאָלפֿן דעם יונגן פּאָעט בעסער צו דערקענען דעם אייגענעם פּאָעטישן איך, פֿעסטער צו באַהערשן די פּאָעטישע כּלי זין. שפּעטער האָט די רוסישע ליטעראַטור אים פֿאַרשטאַרקט אין זײַן אייגנס.

מאיר חרץ איז אַ דיכטער פֿון טיפֿע געדאַנקלעכע איבערלעבענישן, דער פֿילאָזאָפֿישער ליריזם פֿאַרפֿלאָכטן מיט שטאַרקע איבערלעבענישן געפֿינט פּאַסיקע אויסדרוק־מיטלען, וואָס טרייסלען אויף דאָס געמיט. ווי אַ מין אני מאמין קלינגט דאָס ליד "לעבן אַ שווערן וואָגן": "לעבן אַ שווערן וואָגן / לויפֿט זיך באַרג־אַראָפּ / און ווילסטו, מע זאָל דיך הערן, / שטיי פֿונעם וואָגן נישט אָפּ" ("דאָס פֿיפֿטע ראָד", זײַט 65). וועגן זײַן פּאָעטישער שליחות קלינגט אָפּ אַ לויטער געזאַנג אין דעם ליד פֿון זײַן ערשטן בוך, טאַקע בײַם סאַמע אָנהייב: "זאָל אויפֿגיין די לבֿנה־שײַן / פֿון מײַנע קינדער־יאָרן, / עס איז שוין צײַט, דער נײַער ווײַן / איז אַלטער ווײַן געוואָרן" ("אין פֿרעמדן גן־עדן", זײַט 9). ווי אַ מין פּראָוויזאָרישער חשבון הנפֿש קלינגט אַרויס די צײַטווײַליקע איינזאַמקייט און אַנטוישונג: "כ'האָב גענוג געוויי̆טיקט און געקלאָגט / און אַנטלאָפֿן און נישט אויסגעזאָגט / און פֿאַרגעסן און זיך אײַנגעשטילט / און אין פֿרעמדע פֿריידן זיך געהילט / און מיט פֿרעמדע פֿריידן זיך געפֿרייט, / האָבן פֿרעמדע זיך פֿון מיר פֿאַרדרייט — — —" ("לידער צו אייגענע", זײַט 161). איינזאַמקייט האָט גאָר אָפּט געפֿלאַטערט איבער זײַן וואָגלוואַנדער "אין פֿרעמדן גן־עדן". אין יאָר 1947, ווען די ווונד פֿון דער שואה איז נאָך אָפֿן, רופֿט דער דיכטער אויס: "ס'איז מײַן לעבן און מײַן שטאַרבן / פֿרעמד אויך אָט דער פֿרעמדער וועלט", און דאָך, טראָץ אַזוי פֿיל און אַזוי פֿיל אַנטוישונגען, פֿאַרלירט קיין מאָל נישט זײַן רעבט דער ייִדישער בטחון, אַפֿילו אין יאָרן פֿון שווערסטע נסיונות: "עס וועט דער רויך צערינען ווי די פֿינצטערניש אויף שניי / און סע וועט נאָך לויטערער און העלער ווערן" ("הימל און ערד", זײַט 137). שפּעטער וועט דער דיכטער פֿריצײַטיק דערפֿילן די זיקנה און דאָך וועט ער אַ טרייסט געפֿינען אין דעם המשך פֿון זײַן משפּחה: "אַרײַן, אַרײַן אין קרײַז פֿון קינדער / און לעבן לערן זיך בײַ זיי, / מעק אויס דעם אָסיען און דעם ווינטער / פֿאַרגעס די בלאָטע און דעם שניי" ("הימל און ערד", זײַט 272). שפּעטער אין ירושלים, אין 1980 וועט ער זינגען: "שיר געזאַנג צו אַלע געזאַנגען / אויסגעזונגענע ביז הײַנט, / צו אַלע זונען, וואָס זענען פֿאַרגאַנגען / און צו אַלע געבליבענע פֿרײַנד" ("גרינער ווינטער", זײַט 125). ער טרוימט פֿון אַ וועלט, וואָס שווימט צו אירע ברעגעס "און פֿולט זי אָן מיט זײַן, מיט זין". דער דיכטער דערפֿילט מיט רעכט: "נאָר וווּ איך זאָל זיך נישט שטעלן, / איך שטיי אין דער סאַמע מיט" ("שטערן אויפֿן הימל", זײַט 54). ער מאַכט שלום מיט דער פֿאַרגענגלעכקייט פֿון דער צײַט, ווײַל מע קען נישט אויסטאָן פֿון זיך די

ווירקלעכקייט. ער מוז זיך אָפּגעבן מיט אירע ענינים. ער האָט געשריבן לידער קעגן מלחמה און בכלל קעגן בלוט־פֿאַרגיסן אין די פֿאַרשידענע עטאַפּן פֿון זײַן שאַפֿן. אָט אַ בײַשפּיל פֿון אַזאַ געזאַנג: "אונטערן ווײַ פֿונעם שטילן וואָרט / רודערט געשריי און רירט אויף די ווײַט / און וועקט אויף דאָס בלוט פֿונעם ערשטן מאָרד, / ביז צו די מאָרדן פֿון אונדזער צײַט" ("שטערן אויפֿן הימל", זײַט 125). וועגן אייביקייט פֿאַרגינט זיך דער דיכטער אַ שפּילעוודיק ליד — "אַ גוט מאָרגן, אַ גוט יאָר" און מיט אַזאַ פּשוטן גרוס פֿאַרגייען די יאָרן אין דער אייביקייט אַרײַן "און גאָר". דעם ממשותדיקן פֿאַרלויף פֿון דער צײַט דערהערט ער, ווען: "די שטוב איז פֿול מיט טיקטאַקס פֿונעם זייגער, / סע שיטן זיך די ברעקלעך פֿון דער צײַט, / זיי לייגן זיך ווי שטויב אָפּ אויף די קליידער, / וואָס ליגן אויף אַ בענקל אין אַ זײַט" ("לידער צו אייגענע", זײַט 181). דעם פּערספּעקטיווישן לויף פֿון דער צײַט באַנעמט ער ווי: "אַ מישמאַש פֿון צײַטן אין די רוימען, / ליכטיאָרן, סעקונדעס — אַ גאַנצער באַלאַגאַן / — — — פֿאַלן ווי די זעלבסטמערדער פֿון דעבער אין תּהומען — — —" ("גרינער ווינטער", זײַט 80).

ווי אַן אמתער באַסאַראַבער איז חרץ ענג פֿאַרבונדן מיט דער נאַטור, אין איר פּשטות, צי מיט אַ קאָסמישן אונטערטאָן: "ווי אַ נעפּל ווי אַ זיסער שמעקט דער אָטעם פֿונעם פֿעלד, / טיף אין נעפּל רוישט די בלויקייט פֿון אַ טײַך, אַזוי זיך, סתּם, / מישט זיך אויס דער פֿעלדער־אָטעם מיטן אָטעם פֿון דער וועלט / און די בלויקייט פֿונעם טײַכל מיט דער בלויקייט פֿונעם ים" ("הימל און ערד", זײַט 177). דאָס ליד "ווײַסע לאַנדשאַפֿט" מאָלט אַ טיפּיש מאָלדעוויש ווינטער־בילד ("שטערן אויפֿן הימל", זײַט 12). דער דיכטער איז אַרויסגעוואַקסן פֿונעם היימישן פּייסאַזש און ער וואַקסט אַרײַן אין דער לעבעדיקער וועלט. דער אויסגעוואָרצלטער אין דער גרויסער שטאָט וועט אָפּט געפֿינען טרייסט אין דער נאַטור: "ס'איז גוט פֿאַר נאַכט אַהיימצוגייען פֿון ווײַט, / צו קוקן אויף דער וועלט פֿון דער מיט און פֿון אַ זײַט / און פֿונעם שטאָט־געררויש אַהיימברענגען אַ ליד / ווי זאַנגען, וואָס דער שניטער ברענגט אַהיים פֿון שניט" ("דאָס פֿיפֿטע ראָד", זײַט 179). דער דיכטער פֿילט אָפּט אין דער נאַטור די אָפּשפּילונג פֿון זײַן אייגענעם טרויער, פֿון זײַן אומרו און פֿון זײַן גלײַכגילט. כּמעט ווערלעניש קלינגען אייניקע פֿון חרצעס רעגן־לידער: "האַרבסטיקע לאַנדשאַפֿט מיט הילצערנע צלמים — / ווי אָרעם, ווי אָרעם, ווי אָרעם! / — — — ווער מאָלט אָט דעם חושך? ווער צייכנט דעם אומעט? / דער האַרבסטיקער רעגן, וואָס נודיעט און נודיעט" ("הימל און ערד", זײַט 147). בכלל רופֿט דער האַרבסט אַרויס נישט קיין פֿריילעכע געפֿילן; דער האַרבסטיקער נאָגנדיקער טרויער, מעלאַנכאָליע. זיי שפּיגלען זיך אָפּ אין דעם ציקל "הימל און ערד" אין דעם באַנד מיט דעם זעלביקן נאָמען. עס איז אויך צו באַמערקן, אַז חרץ רופֿט צו מאָל אָן טיילן פֿון זײַנס אַ נײַ בוך מיט נעמען פֿון פֿריִערדיקע ביכער. צי איז דאָס אַ רמז אויף קאָנטינויִטעט, אַ מין חוט־השדרה פֿון זײַן גאַנצן שאַפֿן?

דעם ווינטערדיקן שניי נעמט דער דיכטער אויף מיט אַ ביסל אויטאָ־איראָניע. זומערן און ווינטערן זענען אָפּט פֿאַרבונדן מיט פּייסאַזשן און מיט היימישע

בילדער. טאָג און נאַכט שפּיגלען אָפּ אינערלעכע איבערלעבענישן. פּאָעטן באַזינגען אָפּט די נאַכט. פֿאַר די ראָמאַנטיקער ווי פֿאַרן קינד באַטײַט נאַכט — שווידער, פּחד, שרעק: "כ'בין אין הויז דער סאַמע קלענסטער / און איך לאָז פֿאַר שרעק זיך אויס" ("אין פֿרעמדן גן־עדן", זײַט 12). נאַכט אָבער קען אויך ברענגען באַרויִקונג, טרייסט, שעפֿערישקייט, לויטערקייט: "איצטער בין איך ניכטער, / איצטער שלאָפֿן אײַן די שיכּורע געזיכטער / אין דער פֿינצטערניש ווי פּודיקע געוויכטער, / איצטער צינד איך אָן אַלע מײַנע ליכטער, / איצט איז ליכטיק אויפֿן טיש פֿון דיכטער, / איצטער בין איך ניכטער" ("שטערן אויפֿן הימל", זײַט 70).

חרץ האָט ליב מענטשן, ער דאַרף זיי און זיי באַדאַרפֿן אים. נישט געקוקט אויף אייניקע איראָנישע שטריכן אין זײַן שאַפֿן, האַלט ער זיך נישט העכער פֿונעם לייענער. באַזונדער בולט קומט צום אויסדרוק אין זײַנע לידער די ליבשאַפֿט זײַנע צו קינדער: "איך שפּרינג אַרײַן אין קינדערישן זשומען / ווי אין אַ טײַך, וואָס קאָן נישט בלײַבן שטיין" ("לידער צו אייגענע", זײַט 180). דעם דיכטערס נאָענטע באַציִונג צו מענטשן שפּילט זיך אָפּ מיט אַ רײַכער גאַמע ניואַנסן אין דער רײַכער סעריע פּאָרטרעטן פֿון שרײַבערס, קינסטלערס, עסקנים, חבֿרים. אייניקע פֿון די פּאָרטרעטן זענען געראָטענע גראַווירן אין אַלט־האָלענדישן אָדער פֿלעמישן, ציִ גאָר אין דירערסטיל, אַנדערע ווידער שמעקן מיט לײַכטן עפּיגראַם, אייניקע זענען אינטים ליריש, אַנדערע מיט אַ פֿילאָזאָפֿישן אונטערטאָן. זיי זענען געשאַפֿן געוואָרן אין פֿאַרשידענע צײַטן און מקומות, אונטער אַלערליי שטימונגען, באַציִונגען כּוונות און שײַכותן. ער ווייסט אַליין גאַנץ גוט, ווי פֿאַרשידן די פּאָרטרעטן זענען: "ווײַל דאָס וואָרט איז נישט קיין קלייד, / וואָס מע שנײַדט עס צו לויט דער לענג פֿון לײַב, / טרעפֿט זיך דאָך אַ קלאַנג, וואָס טוט אַ שאָס / און ער טרעפֿט אין פּינטל, ווערט אַ מאָס" ("דאָס פּיפּטע ראָד", זײַט 137). צווישן די איבער 50 פּאָרטרעטן, אַן אייגנאַרטיקע וועלט פֿון שעפֿערישע פּערזענלעכקייטן מכּל המינים, זענען פֿאַר מיר בולטער יענע אין וועלכע דער מחבר דריקט אויס זײַן באַזונדערס טיפֿע באַציִונג צו זיי. מיט אייניקע פֿון זיי האָט זיך מײַן לעבנס־וועג באַגעגנט אויף אַ קורצער אָדער אויף אַ לענגערער צײַט, דעריבער פֿיל איך, אַז איך מעג אָדער דאַרף אַפֿילו עפּעס אונטערשטרײַכן.

דער אייגנאַרטיקער דערציילער משה אַלטמאַן, איינער פֿון די דרײַ "חכמי ליפּקאַן" ווי שלמה ביקל האָט זיי באַצייכנט, "דער אייביקער פֿרעגער", איז נישט מיד געוואָרן צו פֿרעגן באַזונדערס אין די לעצטע יאָרן פֿון זײַן לאַנג לעבן (93 יאָר). זינט 1928, ווען איך האָב אים צום ערשטן מאָל באַגעגנט אין טשערנאָוויץ, האָב איך רעצענזירט אַלע זײַנע ביכער; חרצעס קדיש נאָך אַלטמאַנען, וועמען ער באַצייכנט ווי "דער אייביקער פֿרעגער" רירט מיך באַזונדערס. דער טראַגישער סוף פֿון דעם ריז פֿון דער יידיש עפּיק, דוד בערגעלסאָן — מײַן דור איז אויפֿגעוואַקסן אויף בערגעלסאָנס מײַסטערווערק. דערצו דערמאָן איך מיך אַ באַגעגעניש 1943, אין טאַשקענט אויף האַמזאַ 7, וווּ ער האָט אין איינעם מיט יעקבֿ שטערנבערגן געגרייט אַ סצענאַר פֿאַר אַ יידישן פֿילם מיט אַ היסטאָרישער טעמאַטיק — "און

איצט, זאָגט חרץ, איז שוין ״נאָך אַלעמען״, מיר גייען אָפּ / און ס'איז דער ״אָפּגאַנג״ בלוטיק ווי אַ שקיעה״ (״דאָס פֿיפֿטע ראָד״, זײַט 150). חרץ שילדערט מיט אַ סך וואַרעמקייט יעקבֿ שטערנבערגן, וואָס: ״אַלע שאָטנס לויפֿן נאָך דעם שיינעם שאָטן זײַנעם״. דאָס איז אַ בליץ־אויפֿנעם. די שײַכותן צו מאַנגערן מצד דער גאַנצער ייִדישער דיכטונג אין רומעניע דאַרף מען נאָך פֿאָרשן און שרײַבן. איך האָב נישט קיין צײַט דערצו. מײַן זייגער רוקט זיך צו 12.

דער קורץ־און־שאַרף אויסגעקריצטער פּאָרטרעט פֿון דער נסתּר דעקט זיך מיט די אײַנדרוקן, וואָס מיר האָבן געהאַט בעת אנדזער באַגעגעניש יולי 1941 אין כאַרקאָוו בײַ אים אין דער היים. ״די משפּחה משבר״ האָט ווייניק געענדערט דעם איינדרוק פֿון ״געדאַכט״. בערגעלסאָן און דער נסתּר זענען נישט צוריקגעקומען פֿון סטאַלינס תּפֿיסות. מיר טרעפֿן פּאָרטרעטן אויך פֿון אַנדערע אומגעקומענע סאָוועטיש־ייִדישע שרײַבערס, פֿון דוד האָפֿשטיין, אויף זײַן ליריק האָט זיך געכאָוועט, האָבן זיך געכאָוועט עטלעכע דורות בונטאַרישע יוגנט. פֿון איציק פֿעפֿערן. האָפֿשטיינען און פֿעפֿערן האָב איך געהאַט די זכיה צו קענען 1940 אין טשערנאָוויץ. מיט האָפֿשטיינען זענען מיר געווען אין אופֿאַ אין 1941; מיט פֿעפֿערן זיך ווידער געטראָפֿן אין קיִעוו ערבֿ דער דײַטשער אָקופּאַציע. ווייניק קריטיקערס האָבן אַזוי געראָטן כאַראַקטעריזירט דעם ריז פֿון ייִדיש־פּאָעזיע, דעם קדוש פּרץ מאַרקיש: ״זײַן קאָפּ איז געווען אַ שטורעם־פֿאַקל, / ער האָט אים געהאַלטן אין דער הויך, / זײַן ליד איז געווען דער לעצטער סך־הכּל / פֿון גאַנצע דורות ווינט און רויך / און פֿון די פֿײַערלעך אויך״ (״שטערן אויפֿן הימל״, זײַט 154). אַזוי האָב איך געזען און געפֿילט אין יאָר 1942, ווען איך האָב אים באַגלייט צו פֿוס צום צ.ק. פֿון דער אוזבעקישער פּאַרטיי; ווי מאָדנע ער האָט אויף מיר געקוקט, ווען איך האָב אים פֿירגעלייגט מע זאָל אונדז, די ״זאַפּאַדניקעס״ שיקן קיין בּיראָבּידזשאַן.

ה. לייוויק איז געווען און געבליבן דאָס געוויסן פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור. פֿון זײַנע סיבירער לידער, דורך זײַנע דראַמעס איז לייוויק געווען סאַמע עטישער פּאַטאָס. אויך פּערזענלעך. איך דערמאָן זיך אונדזער באַגעגעניש אין פּאַריז, אויגוסט 1937, אויף אַ שפּאַציר אין איינעם מיט אַפּאַטאָשון, מיט זייער וואַרעמער באַציִונג צו אַ (דעמלט יונגן) ייִדישן שרײַבער. חרץ שרײַבט וועגן לייוויקן: ״זײַן קול איז שטיל געשטיגן אין די הייכן, / אַראָפּגעגאָסן זיך ווי יאָד אויף אָפֿענע ווונדן / און אויפֿגעגאַנגען ווי פֿײַערן אָן רויכן, / ווי ווײַסע פֿײַערן פֿון שנייען אָנגעצונדן״ (״שטערן אויפֿן הימל״, זײַט 146).

די קרוין פֿון דער הײַנטצײַטיקער ייִדישער דיכטונג אַ. סוצקעווער, שײַנט אין איר פֿולן גלאַנץ אין די שורות, וואָס חרץ ווידמעט אים אין ״דאָס פֿיפֿטע ראָד״: ״איצטער טראָג איך מײַן פֿאַרמעג צוריק / אינעם וואַלד פֿון שטיינערנע גראַניטן, / ליידיק אויס דעם זאַק און האַק מיר אָפּ אַ שטיק, / פֿונעם מינדסטן זעמדל כ'האָב אַ שטיין מיר אויסגעשניטן. / און פֿון טויזנט שטיינער האָב איך דאָרט / אויפֿגעבויט, צונויפֿגעקלעפּט אַ זעמדל / און פֿון אותיות־מופֿתים אויפֿגעבויט אַ וואָרט / צווישן ווערטער טויזנטער, יעדעס וואָרט אַ רענדל״ (״דאָס פֿיפֿטע ראָד״, זײַט 139–140).

יאָסל לערנערס לירישע פֿאָלקסטימלעכקייט, האַרציקע באַסאַראַבישקייט און גראָדליניקע פּאָעטישקייט און דעם אַקטיוון עסעיִסט און פּראָזאַיִקער פֿול מיט באַסאַראַבער אידיאָמאַטיק יאַנקל יאַקיר שאַצט חרץ מיט סימפּאַטישער איראָניע. מאָטעלען, דעם דיכטער מאָטל סאַקציער, דעם בכור פֿון שטערנבערגס תּלמידים, האָט חרץ געפּרוּווט אַרײַנכאַפּן דורך אַ רירנדיק אידיליש בילד, וואָס דערוואַרעמט מיט אינטימקייט. דער בעלצער זעליק באַרדיטשעווער, דער באַסאַראַבער סאָציאַל־באַוווּסטער ממשיך פֿון די אַמאָליקע פֿאָלקס־זינגער דערוועקט אין חרצן אַ ראָמאַנטישע וויזיע פֿון אַ שפּיל אויפֿן ים: "דו ביסט מיט אַ געזאַנג אַ גרויסן / אין טיפֿעניש ערגעץ פֿאַרשווּומען" ("שטערן אין הימל", זײַט 158). מיר גדענקען די באַגעגענישן מיט זעליקן אין יאָס, 1927, זײַנע ערשטע טריט און אין 1939 זײַן ערשט, איינציק ביכעלע, וואָס אַזאַ דערהויבענע נשמה ווי הערש סעגאַל ז"ל מיט דער בײַהילף פֿון לייבו לעווין, דער פֿלאַמיקער אויסרופֿער און זינגער פֿון ייִדישער פּאָעזיע, שוין אויך לײדער אַ ז"ל, האָבן אָפּגעדרוקט אין טשערנאָוויץ. וועגן הערש סעגאַלן, דער אויסנעמלעכער פּערזענלעכקייט, מאַטעמאַטיקער און דענקער, איידעלער קענער און ליבהאָבער פֿון ליריק בכלל און פֿון ייִדישער בפֿרט, טיפֿער עסעיִסט, לעקטאָר, שטילער און ווירקזאַמער מענטשן־ליבהאָבער און העלפֿער, האָבן מיר שוין אויבן געשריבן, ציטירט שורות פֿון חרצעס פּאָרטרעט "דער פֿרײַנד פֿון פּאָעטן" און וואָלטן נאָך גערדאַרפֿט אַ סך מאָל זיך ווידער און ווידער אומקערן און דאָס הייסט, אַז וועגן אים דאַרף מען אָנשרײַבן אַ באַזונדער און אַ גאַנץ בוך. זײַן עניוות וואָלט אַזוינס נישט צוגעלאָזט. איצט אָבער, נאָך זײַן אָפּלעבן (1982) וואָלט אַזאַ בוך באַלויכטן אַ הויך עטישע פּערזענלעכקייט אין אַן אומרויִקער עפּאָכע. ווי שוין דערמאָנט האָט סעגאַלן חרץ געווידמעט אַ צאָל לידער און אָט זענען נאָך עטלעכע שורות פֿון זײַן ליד "דער פֿרײַנד פֿון פּאָעטן": "ווּ האַלט זיך אויף אין מענטשן די נשמה? / ווּ וואַכט אין אים זײַן שומר, דאָס געוויסן? / עס ליגט בײַם פֿרײַנד צעגאָסן אויפֿן פּנים / און שײַנט מיט שטילקייט און מיט קלאָרן וויסן".

דעם ליכטיקן אָנדענק פֿון שמואל אבא סופֿר הי"ד, דער רעדאַקטער פֿון די "טשערנאָוויצער בלעטער", ווּ עס האָבן זיך געדרוקט אַזוי פֿיל יונגע שרײַבערס, הייליקט מאיר חרץ אַ דאַנקבאַר אַרומנמענדיק ליד, 40 יאָר נאָך דעם ווי סופֿר האָט אים אָפּגעדרוקט אַן ערשט ליד: "עס איז דער גוטער מענטש שמואל אבא / פֿאַרשלעפּט געוואָרן פֿונעם בייזן דײַטש / און ס'איז מיר פֿאַרבליבן זײַן אַדרבא / און פֿונעם ציטערדיק גרעזל די טײַטש" ("דאָס פֿיפֿטע ראָד", זײַט 162). דער פֿריצײַטיק פֿאַרשניטענער פּראָזאַיִקער ה. ל. קאַזבער (הערש ווײַנשטיין), אונדזער טעמפּעראַמענטפֿולער מיטאַרבעטער און ביסיקער חבֿר, דערוועקט וואַרעמע געפֿילן. חרץ מאָלט אַ גײַסטיקן פּאָרטרעט דורך פֿיזישע, דינאַמישע שטריכן: "ער האָט בײַ די פֿעדעם געפֿאַרבטע רויט / פֿאַרלוירן דעם טעם צו זאַלץ און צו ברויט / און ווען אויפֿן הימל האָט עטוואָס געבלויט, / איז ער קרומערהייט אַריבער דעם פּלויט / און געבעטן אַזיל בײַם טויט" ("שטערן אויפֿן הימל", זײַט 160). חרצעס "פּאָרטרעט פֿון אַ רעציטאַטער" (לייבו לעווין) איז געראָטן אויפֿגעצייכנט אין

געציילטע שאַרפֿע שטריכן, מיט אַ ליריש־פֿילאָזאָפֿישן פֿאָן: "די גרעסטע דיכטער פֿון דער שווערסטער צײַט / האָט ער בײַ אונדז אויף זיך ווי אַ פּאַראַם גענומען און געטראָגן קעגן שטראָם / און אָפּגעגעבן זיי דער אייביקייט" ("שטערן אויפֿן הימל", זײַט 164). אויך זיך אַליין פּרוּווט ער מיט שפּילעוודיקן, גאַליקן הומאָר זעלבסט־איראָניש אָנשרײַבן אַ בילד, וואָס מע דאַרף ציטירן אין גאַנצן, ווײַל עס שפּיגלט אָפּ אַ סך קראַפֿט און שאַרפֿקייט געוויסע גרונטיקע שטריכן פֿון זײַן שאַפֿן און... כאַראַקטער. ער לייגט אַוועק זײַן פּאָרטפֿעל אויף אַ שוועל, זײַן פּאָרטפֿעל מיט לידער. יעדער שפּאַנט זיי אַריבער, לייגט ער דעם פּאָרטפֿעל מיט די לידער העכער אַוועק אויף דער שוועל און אויפֿן שטיין אונטן שרײַבט ער זיך אונטער: "ווער סע קומט אַצינד צו דער טיר, / טרעט אויף די לידער און אויף מיר" ("שטערן אויפֿן הימל", זײַט 166).

אויפֿן ערשטן בליק קען זיך דאַכטן, אַז די לידער צו בעלאַן ("לידער צו אייגענע", פֿון זײַט 93 און ווײַטער) זענען צו קאָנקרעט, פּערזענלעך; אָבער באַלד ווערט מען פֿאַרכאַפּט פֿון דער מוזיקאַלישקייט און עכטקייט פֿון געפֿיל און מע לעבט איבער מיטן דיכטער יעדן ווײ פֿון דער נשמה, פֿון דער בענקעניש נאָכן פֿאַרשטאָרבענעם לעבנס־באַגלייטער בעלאַ: "אַ האַלב — דו און האַלב — אַן אויסגעטראַכטע, / אָט זיצן מיר אין טעג אין שוין פֿאַרבראַכטע, / איך רעד צו דיר און ענטפֿער מיר פֿאַר דיר — און גוט איז מיר, בשעת איך פֿאַנטאַזיר — / דער טאָוול פֿאַר מײַן דמיון איז די אײַזערנע טיר" ("לידער צו אייגענע", זײַט 118).

שואה, האָלאָקאַוסט, ווי מע רופֿט עס לעצטנס, איז פֿאַר מזרח־אייראָפּעיִשע ייִדיש־דיכטערס נישט קיין טעמאַטיק, נאָר אַ טיף פּערזענלעכע טראַגעדיע, אין קאָסמישע דימענסיעס. אָט בײַ חרצן בילדער פֿון אומקום: "פֿאַרבליבן איז נאָר אין זכּרון פֿון פֿעלדער / אַ ברענענדיק פֿאָלק אין אַ שטאָט אַ פֿאַרברענטער" ("אין פֿרעמדן גן־עדן", זײַט 117). מיר פֿילן — נישטאָ אין דער מענטשלעכער שפּראַך קיין ווערטער צו קענען מאָלן דעם היטלעריסטישן גרויל. דאָס, וואָס היטלער האָט געפּרעדיקט האָט ביז הײַנט פֿאַרסמט אַ סך מוחות און הערצער. אַנדערע ווילן פֿאַרגעסן דאָס געשעענע, עס איז אומבאַקוועם פֿאַר זייער געוויסן, אַפֿילו, ווען זיי זענען נישט דירעקט שולדיק. איבערן חרצישן שאַפֿן פֿלאַטערט דער שאָטן פֿון שואה: "ווײַל ווײַטער און ווײַטער לויפֿן די יאָרן / מיט אויפֿגעהויבענע הויכע הענט. // די וועלט איז אונטערגעצונדן געוואָרן, / דאָס ייִדישע פֿאָלק האָט אָפּגעברענט" ("דאָס פֿיפֿטע ראָד", זײַט 79).

און איצט לאָמיר זיך אַ קער טאָן צו חרצעס כּלי זין (כּלי זמר...), צו זײַן קוק אויפֿן תּוך פֿון פּאָעזיע. דער דיכטער פֿילט זיך ווי אַ רינג אין אַ גאָלדענער קייט פֿון דורות שעפֿערישע שיינקייט: "מײַן ליד איז אַ טראָפּן אין ים פֿון געזאַנג, / אין ים, ווו די כוואַליעס רוישן, / מײַן ליד איז געזונגען געוואָרן שוין לאַנג / בײַם ניל נאָך, אין ארץ גושן" ("אין פֿרעמדן גן־עדן", זײַט 236). שאַפֿן מוז ער אַפֿילו קעגן זײַן ווילן, "איך קען נישט אַרויס פֿון פֿאַרכּישופֿטן קרײַז פֿון די לידער", כאָטש ער ווייסט גאַנץ

גוט, אַז "פֿאַר לידער צאָלט מען נאָר מיט שטיינער, שטיקער אײַז". די מקורות פֿון ליד זענען זייער פֿאַרשידנאַרטיקע, צו מאָל, אַפֿילו, מאָדנע: "פֿון קידער־ווידער בויען זיך די לידער". דער דיכטער איז אַ צויבערער. פֿון וואָכעדיקייט קען ער שאַפֿן פּאָעזיע. יעדער דיכטער איז אַן אוניקום, אַ יחיד במינו; צו מאָל ווייסט ער אַליין נישט דעם מיין פֿון זײַן שאַפֿן: "וואָס באַדײַטן אָט די ווערטער, אָט די ווערטער, וואָס איך רייד, / אָט די ווערטער, וואָס איך רעד זיי זינגענדיקערהייט" ("שטערן אויפֿן הימל", זײַט 59). דעם גאַנצן פּראָצעס פֿון שאַפֿן זײַנעם פּרווט ער פֿאַרפֿיקסירן אין ליד "אײַנגעראַמט און פֿאַרבליבן", זײַט 62).

די סטיכישקייט פֿון שאַפֿן דרוקט ער אויס עקספּרעסיוו, קורץ און שאַרף: "די ווערטער רוישן שטאָלץ אין אונדזערע געפֿילן / און ס'פֿעלט אַן איינציק וואָרט די ווערטער אײַנצושטילן" ("שטערן אויפֿן הימל", זײַט 192). ער ווייסט, אַז צו מאָל דרייען זיך די פֿליגל פֿון דער ווינטמיל און זיי מאָלן... ווינט, ווײַל עס פֿעלן זערנעס צווישן די מילשטיינער. בכלל איז דער גאַנצער ציקל "ווערטער" אין דעם בוך "שטערן אויפֿן הימל" אַ באַלעם צווישן גערדאַנק און שפּיל. צווישן אָפּוועגן דאָס וואָרט אויף אַ גאָלד־וואָגשאָל און זיך דערבײַ פֿרעגן — וואָס מע איז אויסן מיטן וואָרט, מיט יעדן אות... צווישן גריבלעניש און איראָניע, צווישן טרויער און פֿרייד און ער פֿאַרענדיקט אַ ביסל אויטאָ־איראָניש: "דער דיכטער מיינט, ס'איז יעדער ליד אַ שטערן" ("דאָס פּיפּטע ראָד", זײַט 104). ער מעג אַ מאָל זײַן קריטיש צו זיך, נאָר אַזוי לאַנג אַ דיכטער לעבט, וויל ער, מוז ער, קען ער נישט אַנדערש ווי שאַפֿן אַלץ נײַע און נײַערע לידער, אַפֿילו, ווען: "איך קען זיך אַליין נישט דערקענען, בשעת די פּען מײַנע זינגט" ("שטערן אויפֿן הימל", זײַט 204). און דאָך ווערט באַשאַפֿן אַ לידערבוך. עס וואָלט געווען אומגערעכט צו פֿאַררעכענען די פֿריִערדיקע פּערזן פֿאַר חרצעס אַ זעלבסט־כאַראַקטעריסטיק. זײַן פֿאַליטערע איז ברייטער, רײַכער, מער ניואַנסירט, פֿילזײַטיק און פֿילזאָגנדיק. אַ ראיה איז זײַן לויבגעזאַנג פֿאַרן ווײַסן פּערז. זײַן פֿילקלאַנגיקייט. אויב איר ווילט, וועט איר בײַ אים טרעפֿן אַ היפּש ביסל באַלאַדע און פֿאַנטאַסטיק, צו מאָל פֿאַרפֿלאָכטן מיט איראָניע, ביטערן שמייכל ביז אָפּשפּעטונג (סאַטירע בלע"ז) און זעלבסט־איראָניע. טיפּיש אין דעם פּרט אין דאָס ליד "די נאַכט איז צוגעפֿאַלן" פֿון דעם בוך "אין פֿרעמדן גן־עדן". עס פֿעלט נישט קיין גראָטעסק אין חרצעס באַלאַדישן סקלאַד, ווי, למשל, די פּאַראָדיע אויף אַ מעלאָדראַמאַטישן עפּיזאָד. אַ בחור ראַטעוועט אַ מיידל פֿון דערטרונקען ווערן, זי וואַרפֿט אָפּ זײַן ליבע און גייט און טרענקט זיך "ערשט אויף אַן אמת" ("הימל און ערד", זײַט 223). אַ שווינדלדיקע פֿאַנטאַסטיק דרייט זיך ווי אַ צעווילדעוועטער קאַרוסעל אין דעם ליד "הייסער זומער" ("גרינער ווינטער", זײַט 70). זייער דינאַמיש, חלומדיק מיט אַ פּאָעטיזירטער וואָכעדיקייט קלינגט: "שפּעט בײַ נאַכט, שפּעט בײַ טאָג" ("גרינער ווינטער", זײַט 94).

איך רעכן, אַז דער עיקרדיקער שטריך אין מאיר חרצעס פּאָעזיע איז דאָס דערשפּירן די פּאָעזיע פֿון טאָגטעגלעכקייט, דאָס פּאָעטיזירן דיווירקלעכקייט, דאָס

שאַפֿן אַן אָרגאַנישן געפֿלעכט פֿון טרוים מיט וואָר, פֿון שבת מיט חול. פֿון צענדליקער לידער ווי דאָס איז בולטער, שטאַרצן אַרויס יענע פֿון דעם בוך "שטערן אויפֿן הימל". איך וואָלט אויסגעצייכנט אַזאַ ליד ווי "צי הערט איר ניט?": "צי הערט איר ניט, ווי אַלצדינג רעדט / און איינס דעם צווייטן שרײַט נישט איבער?" ("שטערן אויפֿן הימל", זײַט 44). עס שטערט אַפֿילו נישט דער צופֿעליקער נאַטוראַליסטישער רעקוויזיט, אַז עס זאָל אויפֿקומען פּאָעזיע און טרוים ווי אין דעם ליד "שלאָפֿלאָזיקייט" ("שטערן אויפֿן הימל", זײַט 111). אַפֿילו אינטימיטעטן, וואָכעדיקע, באַנאַלע, קענען אַזוי קינסטלעריש פֿאַרוועבט ווערן, אַז עס זאָל זיך באַקומען אַ פּאָעטישע גאַנצקייט: "מײַן לײַב איז מיד פֿון קליידער טראָגן, / פֿון קליידער טראָגן, ליגן זאָגן" ("שטערן אויפֿן הימל", זײַט 180). מע דערגייט דאָ צו אַ מין פֿילאָזאָפֿיש געפֿיל פֿון מידקייט צוליב טאָגטעגלעכע התחייבֿותן. איבעריקנס איז דער דיכטערישער אינערלעכער אמת פֿון פּאָעזיע אַ סך ווירקלעכער איידער די נאַקעטע ווירקלעכקייט גופֿא. דער דיכטער פֿילט עס באַשײַנפּערלעך, ווען ער זאָגט: "דער דרויסן, וואָס בליט אין מײַן געמיט, / איז ניט דער דרויסן אַרום דעם הויז. / דער דרויסן אַרום דעם הויז איז גרויס, / נאָר גרעסער איז דער, וואָס רײַפֿט און גליט / אין מײַן געמיט און קען נישט אַרויס" ("דאָס פֿיפֿטע ראָד", זײַט 110). בײַ אַזאַ צוגאַנג צו די שײַכותן צווישן וואָר און טרוים איז קיין ווונדער נישט, וואָס קלאָרקייט, פּשטות, חן און באַטעמטקייט פֿון פֿאָלקס־נוסח שײַנט אַרויס פֿון זײַנע שורות, ווי די כּמעט כּעלעמישע אַנעקדאָטישקייט אין ליד "דער בעסטער דאַך" ("הימל און ערד", זײַט 208).

וואָלט איך מיך געוואָלט פּוצן מיט פֿרעמדע פֿעדערן, וואָלט איך ציטירט דאָס גאַנצע שפּילעוודיק־מײַסטעריש "רוסיש־יידיש ווערטערביכל פֿאַר אירקעלעך", האָט מען שוין אָבער פֿאַר מיר אָנגעוויזן אויף אָט דעם ליד ("דאָס פֿיפֿטע ראָד", זײַט 36). די וואָרצלען פֿון דעם ביטערן הומאָר שטעקן אויך אין פֿאָלקלאָר, אין דעם "פֿריילעכן" קבצן, אין דעם "טאַטע, דו לאַכסט? אַ קלאָג צו דײַן געלעכטער", ווי עס קומט בײַ אים אַרויס אין "גאָט הייבט אויף די רעכטע האַנט / און רעדט צו מיר דורך אַלע וועלטן,/ איך וועל דיך בענטשן מיט טאַלאַנט, / דײַן לשון אָבער וועל איך שעלטן" ("שטערן אויפֿן הימל", זײַט 119). מער שפּילעוודיק איז דאָס ליד "גראַמען" (דאָרט, 195) און — "מע קען מיט אַ מויל אָן ציין / פֿאַררעדן דער וועלט די ציינער / און נאָך דעם בלײַבן אַליין, / און נאָך דעם בלײַבן איינער" ("גרינער ווינטער", זײַט 86).

די פֿאָלקסטימלעכע לעבנס־חכמה און סתּם קלוגשאַפֿט קוקן אַרויס פֿון אומצאָליקע פּאָעטישע שורות פֿון חרצעס דיכטונג. סאַטירישקייט, איראָניע איז אַן אָרגאַנישער שטריך בײַ אים. קודם כּל פֿירט ער אַ חשבון מיט גיריקע שרײַבערס, וועלכע אייגענען זיך צו פֿרעמדע שעפֿערישע מי. אַ צווייט מאָל רופֿט ער צו די פּסיידאָ־פּאָעטן: "און אײַער געוויין איז נישט קיין געוויין, / נאָר אַ קוועטשן מיט די אויגן" ("שטערן אויפֿן הימל", זײַט 79). איבעריקנס פֿעלט אויך נישט קיין זעלבסט־

איראָניע. צי שטעקט נישט דערין אַ ביסל פּאָזע איז מיר שווער צו זאָגן. אפֿשר ענטפֿערן דערויף די שורות: ״איך טונק די פּען אינעם טינטער / און גיי פֿאַרריכטן די וועלט, / געווּג האָט געפֿעלט ביז אַצינדערט, / אַצינדער נאָך מערער פֿעלט״ (״שטערן אויפֿן הימל״, זײַט 215).

אויך אין די פּאָרטרעטן איז חרץ אַ פֿרעגנאַטער צייכענער, סע שטעקט אַ סך מאָלעריי און מאָלערישקייט אין זײַנע בילדער, דער עיקר אין דעם ציקל ״בילד און מעשׂה״ פֿון דעם בוך ״שטערן אויפֿן הימל״. עס ציט מיך צו ציטירן על פּי טראַף דאָס ליד ״איך און די ווייטקייט״ (זײַט 115). רירנדיק איז דער צמצום פֿון ״די לאַנדשאַפֿט בליט״ (זײַט 215).

מע קען נישט זאָגן, אַז ליבע־לידער זענען אַ נאָווינע בײַ פּאָעטן. מיט וואָס זשע צייכענען זיך אויס חרצעס ליבע־לידער? ראשית, מיט דער כּלומרשטער איינפֿאַכקייט און דירעקטקייט. זײַן סענסיביליטעט, זײַן פֿילעוודיקייט שמעקט מיט באַפֿרײַטקייט, אויסגעשפּאַנטקייט, ליכטיקייט ווי, למשל, אין זײַן ליד ״אַלע ווײַסע הײַזער״ (״לידער צו אייגענע״, זײַט 145). כּמעט תּנכיש איז דאָס ליד זײַנס ״אַ ליבע״ (״הימל און ערד״, זײַט 264). עס שמעקט מיט ראָקאָקאָ־פּאַסטאָראַל דאָס אידילישע ליד ״גייט אַ מיידל צו דעם ברונעם״ (״שטערן אויפֿן הימל״, זײַט 15). לאָז איך אָבער דעם לייענער דאָס פֿאַרגעניגן פֿון אַליין אַנטדעקן.

ווי יעדער ייִדישער דיכטער איז חרץ באַזאָרגט וועגן גורל פֿון ייִדיש, וואָס איז אים אַזוי ליב און טײַער. געווּנג צו דערמאָנען די טראַגישע ווײ־געשרייען זײַנע ביז 1972. אָבער אויך איצט זאָגט דער דיכטער: ״איך האָב זיך מיט ייִדיש פֿאַרחבֿרט, / מיט אייביקן אונטערגאַנג״ (״דאָס פּיפּטע ראָד״, זײַט 168). אין אַ וויסנשאַפֿטלעכן סעמינאַר וואָלט אַ סטודענט געקענט אָנשרײַבן אַ שיינע אַרבעט וועגן מאיר חרצעס שפּראַכמײַסטערשאַפֿט. איך וואָלט אים אָנגעוויזן אויף דעם ליד ״דער אויבער־מענטש״ (״דאָס פּיפּטע ראָד״, זײַט 56).

איך ווייס, אַז אין מײַן מאמר זענען פֿאַראַן נישט־דערזאָגטקייטן, נישט געווּג פֿאַרטיפֿטע אַנאַליזן, נישט אונטערגעשטראָכענע מאָמענטן, אָבער פֿאַר אַן אונטערצי מעג איך זאָגן אין איינעם מיט חרצן: ״סוף כּל סוף האָט די שיינקייט געזיגט״ (״גרינער ווינטער״, זײַט 126). איך ווינטש און האָף, אַז עס וועלן קומען יונגע פֿאָרשער און זיי וועלן אַריבערטרעטן איבער מײַן אַרבעט ווי אַריבער אַ טרעפּ און אַרויפֿשטײַגן... אַ שטאָק העכער. אָמן.

(״ירושלימער אַלמאַנאַך״ נום. 16, 1985)

יוסף קערלער

אַ וואָרט וועגן מאיר חרץ

בײַם פֿאַרטײלן די האַיאַריקע מאַנגער־פּרעמיע אין תּל־אָבֿיבֿ האָט אײנער פֿון די אָפּיציעלע באַגריסער אָנגעהויבן זײַן וואָרט מיט בערך אַזאַ מין "פֿרײלעכן" אָנזאָג:

"דער ייִדישער שרײַבער איז דער סאַמע אײנזאַמער מענטש אויף דער וועלט. ס'איז אַ שרײַבער אָן אַ פֿאָלק"... נישט מער און נישט װײניקער: מיר זענען הײסט עס, נישט נאָר אָן אַ לײענער, נאָר אָן אַ פֿאָלק בכלל.. טפֿוי, טפֿוי — צו וויסטע פֿעלדער זאָל זיך דאָס אויסלאָזן!

מיט גאָר װײַטע יאָרן צוריק האָט דוד אײנהאָרן אָנגעשריבן זײַן באַרימט ליד "געשטאָרבן דער לעצטער בעל־תּפֿילה". און דאָס — דאַן, ווען דאָס מזרח־אײראָפּעיִשע ייִדנטום האָט נאָך געלעבט אַ פֿולבלוטיק לעבן, מוטיק זיך געראַנגלט פֿאַרן קיום און געשפּרודלט מיט שעפֿערישער ייִדישקײט, מיט רעליגיעזער און װעלטלעכער גײַסטקײט.

זינט דאַן און אפֿשר נאָך פֿון פֿריִער הערט מען נישט אויף אויף דער ייִדישער גאַס צו װײנען און צו קלאָגן... נישט אײנער פֿון אונדזערע זינגער האָט שוין געמאָסטן אויף זיך די צווייפֿלהאַפּטע קרוין פֿון לעצטן בעל־תּפֿילה. נישט אײנער פֿון די אָפּענע און באַהאַלטענע ייִדיש־קעגנערס האָט אונדז שוין מקבר געווען מיט אַ זיסלעכן נעבעך־זיפֿץ קוים אײנהאַלטנדיק די שאָדן־פֿרײד...

אַנטקעגן וואָס איז דאָס געקומען צו רײד? טאַקע אַנטקעגן דעם, וואָס כ'וויל הײַנט זאָגן מײַן וואָרט וועגן דעם לאַורעאַט פֿון הײַיאָריקן מאַנגער־פּרײַז, דעם דיכטער מאיר חרץ, און אָנהײבן וויל איך דאָס וואָרט מיט דעם, אַז ער, אונדזער דיכטער, איז אויף קײן רגע אַפֿילו נישט געווען קײן פֿאַראײנזאַמטער "שרײַבער אָן אַ פֿאָלק". ער איז צו אונדז געקומען פֿון די געדיכטסטע ייִדישע פֿאָלקס־שיכטן און זײַן גאַנצע דיכטונג איז אויף דורך און דורך **לעבעדיק פֿאָלק** און **לעבעדיקע** פֿאָלקישקײט. און וואָס שײך דער "זאָ גענאַנטער" אײביקער טעמע פֿון "לעצטן בעל תּפֿילה" זאָגט ער אין אײנער פֿון זײַנע נײַע לידער:

"צי בין איך שוין דער לעצטער פֿון די זינגער? / האָט אײנער זיך געפֿרעגט און זיך דערפֿרײט, / די רינגען פֿון דער קײט געצײלט אויף זײַנע פֿינגער / און זיך אַלײן — דעם לעצטן רינג אין קײט / צי בין איך שוין דער לעצטער פֿון די זינגער? / האָט אײנער זיך געפֿרעגט און עס באַגערט, / כּדי ער זאָל זיך פֿאַרגעדענקען גרינגער, פֿון אַנדערע וואָס זינגען אויף דער ערד".

און איבערשליסנדיק זיך פֿון רײן־חרצישער איראָניע צו רײן־חרצישער פֿאַראַלגעמײנערונג, דיכטעט ער ווײַטער זײַן ליד: "אַ צווײטער האָט געשטעלט זיך

ווײַטער שמידן / די קייט די גאָלדענע, נישטאָ קיין לעצטער רינג, / נישטאָ קיין לעצטער זינגער צווישן ייִדן / און ווער סע קען נאָר זינגען, זינגען, זינגען — זינגט, / ער וויל נישט זײַן קיין ערשטער און קיין לעצטער / מע הערט זײַן ליד אַרויס אויך פֿון דער מיט, / מעג אויך דער לעצטער, סאַמע הויכגעשעצטער / פֿאַרענדיקן דאָס סאַמע לעצטע ליד".

*

אַוודאי שטייען מיר נאָך אַלץ אויף דער פֿאָדערלינקע און פּנים אל פּנים מיט אונדזער שרעקלעכעכסטן חורבן און בראָך און ס'איז נישטאָ דערצו קיין טרייסט... אַוודאי ווייסן מיר, אַז צוזאַמען מיט די 6 מיליאָן אומבגעבראַכטע דורך די היטלערישע רוצחים, איז אויך פֿאַרשניטן געוואָרן דער ייִדישער מאַסן־לייענער.

נישט געקוקט דערויף, וואָס אונדזער מלוכה־פּרעזידענט האָט אין זײַן לעצטער באַגריסונג צו די לאַורעאַטן פֿון מאַנגער־פּרייז, אָפּגעמערקט דעם פֿאַרשטאַרקטן און שטײַגנדיקן אינטערעס צו אונדזער מאַמע־לשון און מאַמע־ליטעראַטור, באַזונדערס אין די אַקאַדעמישע קרײַזן און צווישן דער שטודירנדיקער יוגנט אויף גאָר דער וועלט, — מאַכן מיר זיך נישט קיין פֿריילעך האַרץ, ס'דאַכטן זיך אונדז נישט קיין זיסע חלומות און יעדן ייִדיש־שעפֿער, אין דער ערשטער ריי, ווייטיקט זייער שאַרף איבער דעם טרויעריקן מצבֿ פֿון אונדזער פֿאָלקס־קולטור.

אויך הרצן, ווען ער איז נאָך אין רוסלאַנד געווען האָט עס באַרירט ביז בלוט:

"מײַן ליד איז לאַנג ווי אַן אַרבעטסטאָג / אין אוראַלטע פּריצישע צײַטן, / מײַן וואָרט מײַן פֿאַרמאַטערטס גייט שווער אויף דער וואָג / און האָט נאָך אַ וועג אַ ווײַטן, / אַ ווײַטער וועג אָן אַ פֿערד־און־וואָגן / און איך דאַרף דאָס וואָרט אויף די פּלייצעס טראָגן. / נאָר וואָלט עס שווער געווען, ווי עס איז, / דאָס שווערע וואָרט איז מיר ליב און זיס, / **כ'זאָל האָבן עס וועמען צו זאָגן**"?

צי אַזעלכע שרעקלעכע שורות:

"לעצטע ייִדישע ווערטער, / עס גוססט דאָס ייִדישע ליד, / איך זינג אויף אַ שפּראַך אַ פֿאַרוורטער, / וואָס שלעפּט אין איר קבֿר מיך מיט..."

כאָטש אויך אויף דער פֿרײַער וועלט איז פֿאַראַן גענוג איבער וואָס צו טרויערן, נאָר אַזעלכע פֿאַרצווייפֿלטע שורות האָבן געקאָנט געבוירן ווערן בלויז אין סאָוועט־רוסלאַנד.

אין יאָר 1956 איז אין מאָסקווע דערשינען די ערשטע פּאָעטישע אַנטאָלאָגיע נאָך די סטאַלינישע מערדערײַען איבער דער ייִדיש־סאָוועטישער קולטור. מיר אַלע האָבן זיך דאַן באַטייליקט אין יענער אַנטאָלאָגיע, וואָס האָט זיך אָנגערופֿן מיטן שיינעם נאָמען "האָריזאָנטן".

דער דיכטער הירש אָשעראָוויטש, קומענדיק קיין ישׂראל האָט אין איינער פֿון זײַנע ערשטע דאָיִקע לידער פֿאַרצייכנט:

"איך פֿון דזשונגל בין אַרויס, נישט בלויז ווײַל סע הערשט דאָרט גוואַלט, / נאָר ווײַל דאָרט איז אַן ענגעוועלט / און ס'האָט מײַן אויג געמאָנט / אָט דאָס וואָס מער פֿון אַלץ **דאָרט פֿעלט — / דאָס זעט אַ האָריזאָנט**".

אָבער "דאָרט" איז נאָך דאַן פֿאַרבליבן אַ צווייטער מיטבאַטייליקטער אין די "האָריזאָנטן" — אונדזער חרץ, וואָס האָט אין פֿאַרצווייפֿלונג אויסגעקלאָגט אין זײַנס אַ ליד:

דער האָריזאָנט איז רונד אַרום פֿאַרמאַכט
און איך בין אַ געפֿאַנגענער אין מיטן...
מײַן שאָטן — אַ פֿאַרבלײַבעכץ פֿון דער נאַכט —
ער טרעט נישט אָפּ און הערט נישט אויף צו היטן.

און אויב מע דערמאָנט שוין רוסלאַנד, ווילט זיך מיר איבערחזרן אַ פּאָר שטעלן פֿון מײַן אַרטיקל וועגן חרצן, פֿאַרעפֿנטלעכט, צו זײַן קומען אין לאַנד, געדרוקט אין "די גאָלדענע קייט" — 76, פֿאַרן יאָר 1972:

"כּדאַי צו דערמאָנען מאיר חרצעס ליד "ס'איז שטיל", אָנגעשריבן און געדרוקט ערבֿ דער זעקסטאָגיקער מלחמה. אָט דאָס ליד איז אַן עכט קינסטלערישער און היסטאָרישער דאָקומענט, ווײַל ס'דריקט אויס די גאַנצע ליבשאַפֿט צום ייִדישן לאַנד, דעם אומרו און ציטער פֿאַרן גורל פֿון מדינת־ישׂראל, וועלכע ס'האָבן געשפּירט אין יענע טעג די איבערוועגנדיקע מערהייט ייִדן אין סאָוועטן־רוסלאַנד:

ס'איז שטיל, אַזוי שטיל אַז איך הער,
ווי ס'ציטערט מײַן האַרץ אין דער שטילקייט...
— —
ס'איז שטיל, אַזוי שטיל אין דער לופֿט —
די אויערן ווערן צעריסן
פֿון וואַרטן אויף אַ רוף,
דעם רוף פֿון וועלט־געוויסן...

דאָס איז כּדאַי צו פֿאַרגעדענקען ווײַל מאיר חרץ האָט זיך מיט זײַן גאַנצן דיכטערישן וועזן אַזוי אַרײַנגעוואָרצלט און פֿאַרפֿעסטיקט זיך אין היימישן ישׂראל־באָדן, קרובֿיש געוואָרן מיטן זוניקסטן זומער און גרינסטן ווינטער פֿון דער ארץ־ישׂראל־לאַנדשאַפֿט, אַז מיר פֿאַרגעסן שוין אָפֿט, אַז ער האָט זיך געשלאָגן אַמאָל קאָפּ אָן וואַנט אין דער קאַלטער סאָוועטישער פֿעלקער־טורמע...

פֿענאָמענאַל און ממש צום שטוינען איז די פּראָדוקטיווע, די דורשטיקע שאַפֿונגס־קראַפֿט פֿון מאיר חרץ.

מאָלט אײַך, אַז "דאָרט" איז ער אויך נישט געווען צווישן דעם סאָרט "שווייגנדיקע ייִדן". ווו ס'איז נאָר געווען ערגעץ אויף דער וועלט אַ ייִדישער בלאַט, אַ ייִדישער זשורנאַל, האָט ער זיך באַמיט צו דרוקן זײַנע לידער.

ער איז שוין דאַן געווען איינער פֿון די גאָר וויייניקע, וואָס האָט נישט געקענט און נישט געוואָלט פֿאַרטושירן זײַן ייִדישקייט, זײַן טרײַהייט צום היימיש־ייִדישן מקור. ער איז כּמעט שטענדיק נישט נאָר מיט זײַן זאַפֿטיק באַסאַראַבער מאַמע־מאַמעליגע־לשון, נאָר אויך מיט זײַן תּוכן געווען און פֿאַרבליבן ייִדיש־פֿאָלקיש און דערפֿאַר טאַקע האָט מען אים אַ פּאָר מאָל פֿאַרפֿאָלגט אַפֿילו אויך שוין נאָך די "רעהאַביליטירטע" לאַגער־יאָרן און דעריבער טאַקע האָט ער "דאָרט" ניט זוכה געווען אַרויסצוגעבן קיין איינס, קיין קליין ביכעלע אַפֿילו.

זיבן וואָגיקע לידער־בענדער פֿון מאיר חרץ זענען ביז איצט דערשינען אין ישׂראל. ס'רעדט זיך אָבער אַזוי — זיבן! נישט אומזיסט זאָגט זיך: "זיבן איז אַ ליגן"... אין דער אמתן וואָלטן פֿון יעדער באַנד געקאָנט אַרויסקומען נישט וויייניקער ווי צוויי גאַנץ לײַטישע לידער־ביכער.

ס'דאַכט אַז צו מאָל ווערט דער דיכטער אַליין איבערראַשט פֿון דער אייגענער פֿאַנטאַסטישער שפֿע און דאַן קומען ווי אַ באַוואָרעניש קעגן "אַ גוט אויג", — אַזוי קלער איך, — שווערע שורות:

"אַ לידער־בוך, אַ טרויער־בוך, אַ טונקל־גרויער אומעט־בוך, אַ שטיינער־ און אַ ציינער־בוך, אַ טונקל־רויטער וווּנדן־בוך, אַ ווייטיק־ און אַ צרות־בוך — אַ לידער־בוך".

און דאָך פֿלייצן איבער אונדז און, כ'מיין, אַז איבערן דיכטער זעלבסט, אַלץ מער און מער ליכטיק, חרציש־באַפֿליגלטע לידער וועגן ירושלים וועגן באר־שבֿע, וועגן שטערן אויפֿן הימל און וועגן גרינעם ווינטער אויף אייגענער ערד.

אַזאַ איז ער, אונדזער מאיר חרץ, דער וואָס איז נאָך אין רוסלאַנד געוואָרן דער דיכטער פֿון נצח ישׂראל, דער דיכטער פֿון ייִדישן געוויסן: "נישט קיין ליגן זאָגן צוליב ברויט — / ס'לעבן איז אַ ווידוי זאָגן ביזן טויט"...

אַזאַ איז ער חרץ — הימל און ערד און... לידער.

("בײַ זיך" נומער 30, יאַנואַר 1992)

הערש סעגאַל

וועגן מאיר חרץ און זײַנע לידער

(פֿאָרטראָג אויפֿן קבלת־פּנים אין אַ קרײַז פֿון בוקאָווינער)

כאָטש ס'איז סליחות־צײַט, ערבֿ ראָש־השנה און סע הערט זיך אַרײַן דער ניגון פֿון סליחות:

„אשר בידו נפֿש כּל חי
ורוח כּל בשׂר איש
הנשמה לך והגוף פּעלך
(חוסה על עמלך)

כאָטש אַזוי וואָלטן מיר הײַנט באַדאַרפֿט אָנהייבן מיט זאָגן „על הניסים ועל הנפֿלאות". שטיינבאַרג זאָגט: על הניסים

אַלע ניסים, קוק און זע:
בימים ההם בזמן הזה,
אַ מאָל געווען, אַ מאָל געשען!
ווען וועלן מיר שוין עפּעס זען?

מיר האָבן זוכה געווען די ניסים און די וווּנדער צו זען הײַנט, דאָס איז אַ גרויסער נס, בזמן הזה, אין אונדזער צײַט, וואָס מיר זיצן הײַנט דאָ אין ישׂראל לעבעדיקע און צווישן אונדז נײַע עולים פֿון סאָוועט־רוסלאַנד. וויל איך זיי אין מײַן נאָמען און אין נאָמען פֿון אַלע דאָ געסט און אין נאָמען פֿון די באַלעבאַטים, די גאַסטגעבער צו מײַן הײַנטיקן פֿאָרטראָג גוסטאַ און שמריהו הלוי באַגריסן און זיי ווינטשן אַ גוט יאָר לשנה טובֿה תּכּתיבֿו ותחתימו.

שטיינבאַרג זאָגט:

„אחרי מות קדושים"? נאָכן טויט מיר זאָגן שבֿחים? מוחל, מוחל דיר עס.

אין תּהילים שטייט:

„לא המתים יהללו יה ולא כּל יורדי דומה".

נישט די מתים קענען אים לויבן און נישט די, וואָס נידערן אַראָפּ אין קבֿר. ווילן מיר הײַנט, בימיר לעבן־געבליבענע, שבֿחים זאָגן דעם לעבן געבליבענעם דיכטער מאיר חרץ, וואָס איז אַצינד דאָ צווישן אונדז.

Menschen leben — ach,
Leben überhaupt — ist Dichtung
(Lou Andreas Salomé)

"מענטשלעך לעבן, לעבן בכלל איז פּאָעזיע", נאָר בעת דער דיכטער, וואָס שאַפֿט לידער איז נאָך ערגעץ ווו געבינדן צום לאָגיש מעגלעכן פֿון דער שפּראַך, פֿונעם געדאַנק, די פֿאַנטאַזיע איז נאָך געבינדן צום מעגלעך דענקבאַרן, — איז די פּאָעזיע פֿונעם לעבן צו גאָרניט נישט געבינדן, דער אַבסורד פֿונעם לעבן איז פֿרײַ פֿון יעדער לאָגיק און פֿאָרויס־באַרעכענונג, ווײַל מיר לעבן דאָס, איז פֿאַרגעסן מיר צו שטוינען, נתפּעל צו ווערן איבער דער פֿאַנטאַזיע פֿונעם לעבן, וואָס שטעלט פּלוצעם אַרײַן אַ מענטשן אין דער וועלט, און דווקא אין באַסאַראַביע אין מאַרקולשט, אַ מענטש, וואָס קוקט אַ ביסל קעסאָקע אויף די שטיבלעך, בערגלעך און וועגן, וואָס פֿאַרקערעווען צום שטעטל אין וועלכן סע קוקט אַרײַן אַ גרינער הימל. מיר פֿאַרגעסן נתפּעל צו ווערן, וואָס דער מענטש גייט אַרום פּלוצעם אין גאַסן טשערנאָוויצער, פֿאַרקויפֿט טיי און שרײַבט לידער און ער גייט אַזוי אַרום אין די גאַסן טשערנאָוויצער — פֿון וואַנען? ווי אַזוי? און שרײַבט אַ ליד:

ס'איז פֿינצטער אין גאַס,
ס'איז פֿינצטער און נאַס,
און איך האָב אַ וועג נאָך אַ ווײַטן,
איז גיי איך און קלער
און חלום און הער
אַ ליד וועגן ליכטיקע צײַטן.

און דאָס לעבן דרייט אים אַרײַן אין די לאַגערן סאָוועטישע און דאָס לעבן איז פֿאַנטאַסטיש און איז ער הײַנט דאָ אין ישׂראל און דאָ מיט אונדז און איך וויל הײַנט פֿאַר אַ קליינעם היימישן עולם לכּבֿוד זײַן קומען זאָגן עטלעכע ווערטער וועגן אים און זײַנע לידער. איר דאַרפֿט פֿון מיר נישט דערוואַרטן קיין ליטעראַרישע קריטיק, קיין אָפּשאַצונג און קיין פֿאַרגלײַכן. איך וויל פּשוט און פּראָסט אײַך **אַרײַנפֿירן** אין דער וועלט פֿון חרצס לידער דורך ציטאַטן. ס'איז אַן אייגנאַרטיקע וועלט, אַן אייגענע מעלאָדיע באַגלייט זײַנע לידער. אין אַ באַזונדערער פֿאַרבנוועלט שווימען אַרום די זאַכן און די געשעענישן פֿון זײַנע לידער.

איך געדענק יענעם פֿינצטערן נאָוועמבער 1945 פֿון טשערנאָוויץ ווען ער האָט געזונגען:

ס'איז פֿינצטער אין גאַס

ס'איז פֿינצטער אין גאַס,
ס'איז פֿינצטער און נאַס
און איך האָב אַ וועג נאָך אַ ווײַטן
איז גיי איך און קלער
און חלום און הער
אַ ליד וועגן ליכטיקע צײַטן.

ס׳איז פֿינצטער אַרום,
דער הימל איז שטום
און ווײַזט נישט קיין איינציקן שטערן,
די גאַס איז נאָך לאַנג
און ווײַט דאָס געזאַנג,
נאָר ס׳לאָזט זיך שוין הערן, שוין הערן.

און הער איך דאָס ליד,
דערקען איך דעם ייִד,
וואָס זינגט עס אַרום אויף די וועגן,
אָט זינגט ער עס גראָ,
אָט זינגט ער עס בלאָ
אַזוי ווי אַ שעה נאָך אַ רעגן.

אַ ליד נאָך אַ ליד,
אַ ייִד נאָך אַ ייִד,
די וועלט ווערט פֿאַרפֿלייצט פֿון געזאַנגען
און אָט איז דאָס לאַנד
פֿון שטערן און זאַמד
מיט צוויט און מיט שניט אויפֿגעגאַנגען.

אָט וועלכע שטריכן איך וועל פּרוּוון אָנצייכענען אַרום דער וועלט פֿון זײַנע לידער:

א) וועגן די ״נעבעכדיקע טעג״ פֿאַרירשנט, פֿאַראייביקט אין זכּרון פֿון זײַנע לידער — דאָס מענטשנלעבן איז דיכטונג.

ב) די לאַנדשאַפֿט־בילדער, די שטאָט, דער מענטש — אויסגעשטעלט צום זעלבן גורל.

ג) פֿערזיפֿיצירטע און געגראַמטע סקיצן — בילדער און שפּילערײַען.

ד) דאָס ספּעציפֿיש חרצישע זען די וועלט.

ה) חרץ ווי אַזוי ער זעט זיך אַליין און

ו) חרצס ראַנגלען זיך מיט די קייטן אין סאָוועט־רוסלאַנד — ״איך זינג און איך וואַרג זיך מיטן געזאַנג״ און זײַן דאָ זײַן.

איך וועל נישט רעדן וועגן די לידער פֿון זײַן באַסאַראַבישער ייִדישער היים און אויך נישט וועגן דעם, וואָס עס איז ייִדיש אין זײַן פּאָעזיע. מײַן אינטערפּרעטירן איז סוביעקטיוו און אַפֿילו דער דיכטער, וואָס זיצט דאָ מיט אונדז, איז נישט מחויב מסכּים צו זײַן — דיכטונג איז פֿילדײַטיק —

אין איין משל זיבן מיינען,
יעדער קען אין אים זיך עפּעס אַנדערש לייענען. (א. שטיינבאַרג)

מײַן ליד איז טיף ווי אַ ברונעם אין סטעפּ
בײַ נאַכט בײַ אַ הימל מיט שטערן,
מײַן וואָרט מײַן פֿאַרמאַטערטס האָט אָנגעשעפּט
אַן עמער אַ פֿולן, אַ שווערן.
— — — — — — — — — — — — — — — — — — —
קיינער וועט צו מיר נישט קומען,
איך וועל אויך נישט גיין צו קיינעם,
שטיל, פֿאַרטיפֿט ווי אין אַ ברונעם
וועל איך מײַנע לידער לייענען.

ס'איז די וועלט אַרום אַ פֿרעמדע,
אַ נישט־ייִדישע געוואָרן
מײַנע לידער די פֿאַרשעמטע
וועגן וואָס האָב איך געבאָרן?.
— — — — — — — — — — — — — — — — — — —
איך זינג און איך וואַרג זיך מיטן געזאַנג.

דיכטונג איז הײַנט און תּמיד אַקטועל פֿאַר מענטשן, וואָס האָבן אַ געפֿיל צו הערן, דיכטונג איז קיין מאָל נישט אַקטועל פֿאַר מענטשן, וואָס קענען נישט פֿאַרנעמען פּאָעזיע.

Gedichte — das sind auch Geschenke an die Aufmerksamen
Schicksal mitführende Geschenke, שרײַבט פּאָל צעלאַן אין אַ בריוו.

דיכטער זענען מענטשן און נישט קיין הייליקע, דערפֿאַר זענען דאָ דיכטער שיכּורים און אַפֿילו דיכטער וואַגאַבונדן און פֿאַרברעכער. דיכטער, וואָס האָבן געשריבן היטלעריסטישע לידער אָדער סטאַלין־לידער און דיכטער, וואָס האָבן פֿאַר זיך געשריבן אָדער געשוויגן. סאָוועטיש־ייִדישע דיכטער זענען מענטשן (ריכטיקער זענען געווען, ווײַל אַ גרויסע טייל האָט מען אויסגעהרגעט), כאָטש זיי האָבן געשריבן סאָוועטיש־פּאַטריאָטישע לידער האָבן זיי געהאַט אַ האַרץ פֿול מיט ייִדישקייט — און דערהרגעט זענען זיי געוואָרן ווי קדושים. זיי האָבן געלעבט ווי אנוסים, מאַראַנען, זיי האָבן געליטן ווי ייִדן.

מאיר חרץ איז אַ טשערנאָוויצער ייִדישער דיכטער, וואָס שטאַמט פֿון באַסאַראַביע, איז אַ סאָוועטישער דיכטער, וואָס האָט געליטן, אַ סך געשוויגן אָדער ווי ער האָט דאַרט געשריבן:

איך זינג און איך וואַרג זיך מיטן געזאַנג.

די פּאָעזיע פֿונעם מענטשן־לעבן, וואָס האָט אים אַרײַנגעבוירן אין באַסאַראַביע און וואָס ער פֿירט עס אייביק מיט זיך מיט און אים אַרײַנגעשטעלט אויף

טשערנאָוויצער גאַסן איבער וועלכע ער שפּאַנט אַרום — "ס'איז פֿינצטער און נאַס און איך האָב אַ וועג נאָך אַ ווײַטן". און כאָטש אַזוי חלומט ער וועגן אַ ליד "פֿון ליכטיקע צײַטן" און דאָס לעבן פֿאַרוואָגלט אים קיין אוזבעקיסטאַן, שפּעטער אין די סאָוועטישע לאַגערן און ווידער אין טשערנאָוויץ און אָט איצטער אין ישׂראל, דאָס זענען אַלץ עטאַפּן פֿון "נעבטיקע טעג" און דאָס לעבן, וואָס ער האָט צעזייט אויף דער וועלט און וואָס איז אַרײַן אין זײַן ליד:

נעבטיקע טעג

איך שפּיל אויפֿן פֿײַפֿל בײַ אונדז אויפֿן הויף
אַזוי ווי אַ פּאַסטעך אין פֿעלד,
און ס'קומען אַ טשערעדע טעג זיך צונויף,
וואָס איך האָב צעזייט אויף דער וועלט.

אָט שטייט דאָרט אַן עלטערער טונקעלער טאָג
באַוואַקסן מיט וואָל ווי אַ שאָף,
און ס'טוט פֿונעם פֿײַפֿל אַ שפּיל און אַ קלאָג,
און ס'ווײַזט זיך זײַן בלוטיקער סוף.

אָט שטייט דאָרט אַ טאָג אין שניי ביז די קני,
און קען נישט אַרויס פֿונעם שניי,
דאָס פֿײַפֿעלע טוט אים פֿון דאָרטן אַ צי,
דאָס פֿײַפֿעלע טוט אים אַ דריי.

און אָט איז אַ טאָג אין אוזבעקישן זאַמד,
און הונגעריק, דאָרשטיק און מיד,
דאָס פֿײַפֿעלע רופֿט אים פֿון זאַמדיקן לאַנד,
און ס'ציט אים און ס'ציט אים דאָס ליד.

אָט שטייט נאָך אַ טאָג, נאָר איך לייג אַוועק
דאָס פֿײַפֿל און לייג זיך צו,
און טרײַב זיי די אַלטע פֿאַרגאַנגענע טעג,
און טרײַב זיי צו זייער רו.

די נעבטיקע טעג גיבן אים נישט קיין רו, די נעבטיקע טעג זענען אַרײַן אין זײַן ליד —

און אָט איז אַ טאָג אין אוזבעקישן זאַמד
און הונגעריק, דאָרשטיק און מיד — — —

די נעבכטיקע טעג, די הײַנטיקע טעג — זענען געוואָרן ליד. די הײַנטיקע טעג האָבן דיווירקלעכקייט פֿון "נעבכטיקע טעג". די "נעבכטיקע" און "הײַנטיקע" טעג באַקומען דיכטערישע ווירקלעכקייט אינעם חרצישן ליד. אַזוי זענען יענע "נעבכטיקע" טעג פֿאַרבליבן, אפֿשר אויף תּמיד פֿאַרבליבן אינעם ליד און "ס'קומען אַ טשערעדע טעג זיך צונויף" אינעם ליד — "אָט שטייט דאָרט אַ טאָג מיט שניי ביז די קני". און ווען דער דיכטער רילקע זאָגט:

Du erbst das Grün vergangenen Gärten
Und das stille Blau zerfallener Himmel

קענען מיר דאָס פֿאַרטײַטשן אַזוי:

דאָס איבערלעבעניש פֿון יענע טעג ווערט דיכטעריש פֿאַרירשנט אינעם ליד. אַ גאַנצע ריי פֿון בילדער האָט ער אונדז אויסגעמאָלן פֿון קליינע איבערלעבענישן פֿון יענע טעג און זיי אַרײַנגעירשנט אין זײַן ליד, ווײַל קודם־כּל איז ער אַ מאָלער, אַ סקולפּטאָר אין זײַן פּאָעזיע. אָט איז אַ בילד זײַנס פֿון דער עוואַקואַציע:

עוואַקואַציע

נאַכט האָט דורך וואַגאָנען־פֿענצטער
אָנגעוואָרפֿן אָן אַ סדר
פֿינצטערניש פֿון גאָר דער וועלט
און נאַסע קעלט
מיט ציטערניש.
פּעק מיט אָרעמע פּאַסאַזשירן,
וועלכע פֿירן:
קינדער־יאָרן פֿונעם חדר,
רוקנס אײַנגעבויגענע אין וואַרשטאַטן,
פֿאָרט אַ קראַנקע טאַטער מיט אַן אַלטן טאַטן,
פֿאָרט אַ שרײַבער אין אַ קאַפּעליוש אַ שוואַרצן
מיט אַ היים אַ חרובֿער אין האַרצן.

נאַכט.
ס'האָט זיך דאָס וואַגאָנען־פֿענצטער
שוין פֿאַרמאַכט
און אין דער פֿינצטער
טוקן זיך ציגײַנערן
ווי ווײַטע פֿײַערן
אויף די פֿעלדער דאָ און דאָרט צעלייגטע,

ווי ציגײַנערס דורכגעווייקטע
טרוקענען די קליידער.

וואָס זשע וויגט די ערד זיך ווי אויף רעדער?

נאַכט.
סע ציטערן די מידע ביינער
און עמעץ וואַרפֿט פֿון אויבן
מיט וואָלקנדיקע שטיינער,
און עמעץ שיט מיט שטויבן
אויף בליִענדיקע ביימער,
וואָס זשע פּלאַצן נישט די שויבן?
וואָס זשע וויינט נישט קיינער?

דאָס אַפּאָקאַליפּטישע בילד פֿון דער נאַכט אינעווייניק אין וואַגאָן בײַ דער עוואַקואַציע איז אַ רעאַליסטיש בילד. איר וועט זאָגן, אַז אַזוי איז עס ווירקלעך געווען און דאָך איז עס אַ בילד מיט אייגנאַרטיקע פֿאַרבן, שאַרפֿע ליניעס, קנאַפּע אָנדײַטונגען, רמזים, שפּאַנונג — דראַמע, טראַגעדיע און אַלץ אמתדיק

Menschen beben, ist Dichtung

די נאַכט האָט אַרײַנגעבראַכט די פֿינצטערניש פֿון גאָר דער וועלט און עמעץ שיט מיט שטויבן אויף בליִענדיקע ביימער און עמעץ וואַרפֿט פֿון אויבן מיט וואָלקנדיקע שטיינער און די ערד וויגט זיך ווי אויף רעדער. וואָס זשע וויינט ניט קיינער? און ווי די נאַכט האָט אָנגעוואַרפֿן אָן אַ סדר פּעק מיט אָרעמע פּאַסאַזשירן, וואָס זיי פֿירן קינדער־יאָרן פֿונעם חדר, רוקנס אויסגעבויגענע אין וואַרשטאַטן, פֿאָרט אַ קראַנקע טאָכטער מיט אַן אַלטן טאַטן — אַזוי אָן אַ סדר איז אַרײַנגעוואָרפֿן דאָס גאַנצע מענטשן־לעבן. אָט אַזוי האָט ער אונדז געמאָלן פֿון די נעבעכיקע טעג אַ נאַכט, אַ נאַכט פֿון עוואַקואַציע, רעאַליסטיש, פֿאַנטאַסטיש אָנגעלאָדן מיט גורלדיקער שפּאַנונג אַרײַנגעראַמט אין דעם נאַטור־פֿענאָמען פֿונעם שטורעם, גורל פֿון מענטשלעכן לעבן פֿון ייִדן, פֿון בליִענדיקע ביימער: "און עמעץ שיט מיט שטויבן אויף בליִענדיקע ביימער".

שוין פֿון די ערשטע לידער זײַנע, אין די ערשטע בילדער זײַנע איז דאָ דער מאָטיוו פֿונעם מענטשן אַרײַנגעשטעלט אין דער וועלט, אויסגעשטעלט צום זעלבן גורל ווי די ביימער, דעבער און גאַסן.

שוין אינעם ליד "אַ ייִדענע" אָנגעשריבן נאָך פֿאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה, ווי סע שווימט אויף דער אָנדענק פֿון זײַן מאַמען אומגעקומען אין מאַרקולעשט, דער מאַמען, וועמען ער ווידמעט אַ סך לידער, שוין אין דעם ליד איז סקולפּטירט די ייִדענע, דער ייִדישער גורל אין מיטן פֿון דעם גורל פֿון די נאַטור־פֿענאָמענען:

אַ ייִדענע

וויינענדיקער אָסיען־רעגן.
אַלע גאַסן, אַלע דעכער
טרינקען אויס די קאַלטע טרערן
פֿונעם פֿולן אָסיען־בעכער.

שטייט אַ ייִדענע אַן אַלטע
אין אַ שאַל געהילט אַ נאַסן
אויסגעשטעלט צום זעלבן גורל
ווי די דעכער און די גאַסן.

שטייט אין מיטן פֿונעם שטעטל
אויפֿן מאַרק־פּלאַץ אויפֿן גרויען
אויפֿן רוישנדיקן רעגן
צווישן לויפֿנדיקע פֿרויען.

האַלט דעם קאָפּ אַראָפּגעבויגן,
אין דער האַנט אַ קויש אַן אַלטן
פֿול מיט שווערע צרות גרויע
אונטערן נאַסן שאַל באַהאַלטן.

ניט־פֿאַרקויפֿטע עפּל ווייכע,
ניט־פֿאַרקויפֿטע האַרטע בייגל,
אינעם גרויען קויש דעם אַלטן
ליגן זיי ווי טויטע פֿייגל.

און דער קויש די שווערע משׂא
ציט אַראָפּ די הענט, וואָס פֿרירן.
שטייט אַ ייִדענע פֿאַרגליווערט
ווי אַ שטיין, זיך ניט צו רירן.

אַלצדינג איז פֿאַרטראַכט אין דער וועלט פֿון חרצס דיכטונג. פֿאַרטראַכט און פֿאַרחלומט. ״חלום, וואָס גיסט מיט וואָר זיך איבער״ (מאַנגער). זיַינע לאַנדשאַפֿטן זענען מיט אייגנאַרטיקע פֿאַרבן געמאָלן:

מיטנזומער

מיטנזומער. אַלע שוואַלבן
זענען פֿאַר דער ציַיט
אָפּגעפֿלויגן מיט אַ האַלבן
זומער אין דער וויַיט.

מיטנזומער. אַלע וועגן
שימלען אויפֿן פֿעלד,
ניט קיין זון און ניט קיין רעגן —
ווינט און וויסטע קעלט.

מיטנזומער, מיטנזומער
און דער זומער איז צו ענד
און אַ קרומער בוים אַ פֿרומער
ברעכט אין ווינט די הענט.

דאָס לאַנדשאַפֿט־בילד פֿון שפּעטן זומער ווו "אַלע וועגן שימלען אויפֿן פֿעלד" איז אַן אימפּרעסיאָניסטיש שטימונגס־בילד, אָבער אַרײַנגעשטעלט אין אַ גורלדיקן מרחבֿ ווו אַ קרומער בוים אַ דאַרער ברעכט אין ווינט די הענט. דער בוים איז איינזאַם, פֿאַרלאָזט פֿון די פֿייגל, פֿון די שוואַלבן און קוקט אַרויס אויפֿן קומענדיקן גורל און — גאַנץ ייִדיש — "ברעכט אין ווינט די הענט".

אויף ווײַטע וועגן שטייט אַ בוים,
וואָס קלאַפּט אין רוים אָן מיט זײַן קרוין,
ווי אין אַ שויב, אַ בלויער שויב.

אָדער אַן אַנדער לאַנדשאַפֿט־בילד:

ס'רעגנט ניט

דער הימל איז פֿאַרוואָלקנט ווי אין רעגנדיקער צײַט,
די לופֿט איז אָנגעזאַפּט מיט רעגן־טונקלקייט,
געוויקסן שטרעקן דינע העלדזער נאָך אַ טראָפּן,
נאָר דער רעגן וויל ניט אויף די דעכער קלאַפּן,
אויף די גראָזן פֿאַלן,
אויף די פֿעלדער שאַלן,
אין די וועלדער רוישן,
הענגט אַ גרויסער דרויסן
מיט אַ הימל אַ פֿאַרוואָלקנטן ווי אין רעגנדיקער צײַט
און די לופֿט איז אָנגעזאַפּט מיט רעגן־טונקלקייט.

רעגן־טונקלקייט אין רוים — הענגט אַ גרויסער דרויסן מיט אַ הימל אַ פֿאַרוואָלקנטן — דאָס זענען חרצישע מעטאַפֿערן אויף צו שאַפֿן דעם פֿאָן, דעם הינטערגרונד פֿון זײַן וועלט.

אין חרצישן רוים שטייען די פֿעלדער, דיביימער, די מענטשן אויסגעשטעלט

צום זעלבן גורל פֿון שטורעם און ווינטן. אויף די שטאָט שטייט אַזוי אַרײַנגעשטעלט אין דעם רוים:

שטייט די שטאָט

שטייט די שטאָט אין שאָטן און אין שײַן,
קומען ווינטן אין דער שטאָט אַרײַן,
שלאָגן קאָפּ אין וואַנט און פֿאַלן אײַן.

רוישן רעדער, טריט, סיגנאַלן, רייד,
ראַדיאָס שפּילן פֿריילעך, אַ לוויה גייט
פֿון אָרקעסטערס טרויער־מאַרש באַגלייט.

אַ מיש־מאַש פֿון פֿאַרבן גרין־געל־רויט,
אַ מיש־מאַש פֿון לעבן און פֿון טויט
און פֿון גרויער נויט מיט ווײַסן ברויט.

און ווי אַזוי זעט חרץ דעם האַרבסט?

האַרבסט־ליד

האָט דער האַרבסט, דער אַלטער מלך,
פֿאַר אַ בעטלער זיך פֿאַרשטעלט,
אונדזער לאַנדשאַפֿט אויסגעביטן
אויף אַ פֿרעמדן וויסטן פֿעלד.

הענגט דער הימל אין מײַן פֿענצטער,
איז ער אויכעט קויטיק, וויסט,
נעמט דער האַרבסט די וועלט די גאָרע
און פֿאַרמאַכט זי און פֿאַרשליסט.

ווערט די טונקלקייט געדיכטער,
קריכט דער האַרבסט אין שטוב אַרײַן,
זעץ איך לייענען זיך אַ ביכל
בײַ דער טונקלער פֿענצטער־שײַן.

צינדט מײַן מאַמע אָן אַ לעמפּל,
שטעלט דאָס לעמפּל אויפֿן טיש,
רוק איך צו צום טיש דאָס בענקל,
לייען די בלעטלעך און איך מיש.

כ׳לייען די מעשׂה מיטן מלך,
וואָס ער האָט געהאַט דרײַ זין —
וואָלט איך נאָר געוווּסט אַ שטייגער,
וועלכער פֿון זיי איך בין.

הייב איך אויף פֿון טיש די אויגן,
ס׳איז דאָס פֿענצטער שוואַרץ און נאַס,
נאַסע בײַטשן טרײַבן בעטלערס
אין דער בלאָטע אויף דער גאַס.

איר זעט אַ האַרבסט געמאָלן פֿון אַ ייִדישן דיכטער אין אַ ייִדישער שטוב. איר זעט אַ דיכטער, וואָס חלומט און קוקט לאַנג אַרויס אין דרויסן דורכן פֿענצטער אויפֿן וויסטן פֿעלד.

אַלע די בילדער — די שטאָט, די פֿעלדער, דער שטורעם, דער האַרבסט, די ייִדענע אויפֿן מאַרק. אַל די בילדער אין דעם רוים, דאָס אַלצדינגס בלײַבט דורכן זכּרון פֿונעם דיכטער, פֿאַרבלײַבט אינעם ליד, דאָס איז די ירושה פֿונעם דיכטער. פֿירשטן און הערשער פֿאַרגייען, דאָס ליד פֿאַרבלײַבט, דאָס זענען די מאַיאָנטקעס, וואָס דער דיכטער, וועלכער שטייט אויפֿן "שפּיץ באַרג און ציילט זיי — ווער ערבט דאַס גרין דער גערטען" (רילקע). אַזוי טאַקע וועט איר פֿאַרשטיין דאָס ליד "אין טאָל איז דער טײַך", וואָס האָט זיך זײַן אייגענעם ריטעם:

אין טאָל איז דער טײַך

אין טאָל איז דער טײַך און דער וועג און דאָס פֿעלד,
אין טאָל איז דאָס גראָז אויף די לאָנקעס,
איך שטיי אויפֿן באַרג ווי אויף שפּיץ פֿון דער וועלט
און צייל מײַנע גרויסע מאַיאָנטקעס.

פֿאַר טאָג, ווען דער פּריץ אין פּאַלאַץ נאָך שלאָפֿט,
בין איך אויף דער וועלט שוין אַ וואַכער,
איך פֿיר מײַנע טשערעדעס, צייל מײַנע שאָף
און גיי אין מײַן פֿעלד נאָכן אַקער.

פֿאַר נאַכט, ווען דער פּריץ פֿאַרקויפֿט אין דער פֿרעמד
דאָס פֿעלד מיט די זאַנגען און וועגן
איך לאָז נישט אַרויס עס, דאָס פֿעלד, פֿון די הענט,
דאָס פֿעלד, וואָס פֿאַרבלײַבט מײַן פֿאַרמעגן.

און מעגן זיי רײַטן די פּריצים גאַלאָפּ,
און מעגן זיי רײַטן די ריטער,

עס נעמט די געשיכטע פֿון וועג זיי אַראָפּ
און מיך שטעלט זי היטן די גיטער.

דער דיכטער איז דער היטער פֿון די גיטער און די גיטער זענען: דער טאָל און דער טײַך און דער וועג און דאָס פֿעלד און דאָס גראָז און די לאָנקעס. די שטיינער און דיביימער, די מענטשן, דער אָוונט, די נאַכט —

יאָ, מען דאַרף פֿאַרשטיין די ביימער
און מע דאַרף פֿאַרשטיין די שטיינער.

שפּראַך פֿון ביימער, שפּראַך פֿון שטיינער:

נישט דאָס רוישן

נישט דאָס רוישן איז די שפּראַך פֿון ביימער,
נישט די שטילקייט איז די שפּראַך פֿון שטיינער,
אָפֿט מאָל רירט קיין בוים נישט מיט קיין צווײַגל,
הייסט עס דען, אַז ביימער שווײַגן?
אָפֿט מאָל פֿאַלט אַראָפּ אַ שטיין אַ שטומער
פֿון אַ באַרג מיט שטיינער מיט אַ דונער,
הייסט עס דען, אַז שטיינער אונדז פֿאַרטויבן
ווי דער דונער פֿון די וואָלקנס אויבן?
ביימער רעדן נאָר דורך זייער בליִען,
שטיינער דורכן אייביקן און האַרטן קיום
און מע דאַרף פֿאַרשטיין די ביימער,
און מע דאַרף פֿאַרשטיין די שטיינער.

דאָס איבערלעבן פֿון נאַכט ווערן, פֿון "די ערשטע אָוונטיקע רגעס" בײַ חרצן:

דער אָוונט שאַרט זיך צו מײַן שוועל
ווי כוואַליעס צו די טײַכל־ברעגעס
און טונקל ווערט מיר אויף דער זעל
די ערשטע אָוונטיקע רגעס.

דאָס איבערלעבן פֿון אָנהייב נאַכט און אויסלאָז נאַכט די "צוויטערשטונדען" ווי רילקע רופֿט דאָס אָן: .Wenn sich nach morgen wenden alle
דער פֿענאָמען פֿון "ויהי ערבֿ, ויהי בוקר" אין זײַן פּאָעטיש־מיסטישער פֿאָרם באַרירט חרץ אין זײַנע נאַכט־לידער, נאָר ווײַל חרץ איז פּרימיטיוו און דאָך ראַפֿינירט אין זײַן זיך אויסדרוקן, בלײַבט דאָס בײַ אַ צאַרט שטימונגס־בילד און סע הערט זיך נישט אַרויס דאָס מיסטיש פֿאַרבאָרגענע.

דער פּחד, די מורא, וואָס איז אין אונדז דאָ פֿון תּמיד אָן, איז נישט נאָר אַ פֿילאָזאָפֿישער באַגריף, וואָס איז באַקאַנט שוין פֿון די אַנשי כּנסת הגדולה איז בײַ אונדז באַקאַנט דער שיינער פּערז פֿונעם געבעט:

ובכן תּן פּחדך ה׳ אלוקינו
על כּל מעשׂיך ואימתך על כּל מה שבראת.

בײַ חרצן איז דער פּחד געבונדן מיט אַ וואַלד בײַ נאַכט און ווידער ווערט די נאַכט אין וואַלד איבערגעלעבט אייגנאַרטיק. פּלוצעם הערט מען אויף צו זען די ביימער, עפּעס וואַרפֿן זיך די שטיינער ווי אין טײַך אַראָפּ. דער וועג ווערט קירצער און הערט באַלד אויף און דאָ דערוועקט זיך אין אים דער זיידע, דער וואָלף, דער אַטאַוויסטישער פּחד און דאָ האָט עס אַ צי געטאָן צו גאָט.

נאַכט

די ביימער טרעטן אין טונקלעניש אָפּ,
די שטיינער וואַרפֿן אין טײַך זיך אַראָפּ,
דער ווײַסער וועג צווישן טײַך און וואַלד
ווערט קירצער, קירצער און ענדיקט זיך באַלד.

עס איז צו שפּעט צוריקצוגיין
און איך בין ווײַט פֿון דער היים און אַליין,
פֿאַר מיר און הינטער מיר איז נאַכט,
דער וועג איז פֿון ביידע זײַטן פֿאַרמאַכט.

ס׳ווערט מיר הייס און ס׳ווערט מיר קאַלט,
דער וועג צווישן טײַך און וואַלד איז אַלט,
נאָר עלטער פֿון אים איז אויף טויזנטער יאָר
מײַן עלטער־זיידע באַוואַקסן מיט האָר.

איך ציטער און שרעק זיך אַזוי ווי אַ שאָף,
מײַן זיידע וועקט זיך אין מיר ווי אין שלאָף,
מײַן זיידע, דער וואָלף, מײַן זיידע דער בער —
"ווו קומסטו, אייניקל מײַנס, אַהער?"

— איך קום פֿון אַ הויז, איך גיי פֿון דער שטאָט,
עס האָט מיך אַ צי געטון צו גאָט,
וואָס וווינט אין אַ הימל איבער אַ וואַלד,
די וואָלקנס צייכענען זײַן געשטאַלט.

מײַן זיידע צעלאַכט זיך אין מיר אויף אַ קול
און ס׳קלינגט דער עכאָ אָפּ מיט אַ מאָל

און פֿלאַקערט ווי אַ דונער אין רוים,
ביז וואַנען ער לעשט זיך, קלינגענדיק קוים.

און איך שטיי ווײַטער אין וועג אַליין
און ווייס נישט ווּהין צוריקצוגיין
פֿון זיידן, פֿון גאָט און פֿונעם וואַלד
און ס׳ווערט מיר הייס או ס׳ווערט מיר קאַלט.

פֿרשטייט זיך, אַז דאָס ליד קען מען אויך אינטערפּרעטירן ווי אַ סימבאָל פֿונעם מענטשן, וואָס איז אַליין אין אַ נאַכט און די וועגן זענען פֿאַר אים פֿאַרמאַכט, אָבער דאָס וויכטיקע אין דעם ליד איז נישט דער סימבאָל, נאָר דאָס "סימבאָליסטישע" אינעם מאָדערנעם זין פֿון די פֿראַנצייזישע סימבאָליסטן און דאָס הייסט דאָ דאָס סוגערירן פֿון נאַכט און נאַכט אין וואַלד, פֿון פּחד און אויסוועגלאָזיקייט — און דאָס געשעט דורך פֿערז און מעטאַפֿער:

די ביימער טרעטן אין טונקלעניש אָפּ,
די שטיינער וואַרפֿן אין טײַך זיך אַראָפּ,
דער ווײַסער וועג צווישן טײַך און וואַלד
ווערט קירצער, קירצער און ענדיקט זיך באַלד
און סע ווערט מיר הייס און סע ווערט מיר קאַלט.

דאָס ליד איז סימבאָליסטיש אינעם זין פֿון די פֿראַנצייזישע סימבאָליסטן — ווערלען, באָדלער, מאַלאַרמע — סע **סוגערירט** געשטאַלט און שטימונג פֿון פּחד.

די שרעק פֿאַר דער אַבסורדיטעט פֿון דער ווירקלעכקייט, איך וואָלט געזאָגט די קוהלת־שרעק פֿון אייביקן ווידערקער פֿון טאָג און נאַכט איז בולטער אַרויסגעבראַכט אין זײַן ליד **נאַכט־געדאַנקען**, וואָס ער האָט עס טאַקע דאָ נישט לאַנג אין ישׂראל אָנגעשריבן:

נאַכט־געדאַנקען

דער טאָג איז אַוועק און דער חשבון איז שלעכט געמאַכט,
דער טאָג איז אַוועק, איז אַוועק, איז אַוועק און ס׳איז נאַכט.
ס׳איז נאַכט און ס׳איז נאַס און ס׳איז קאַלט און ס׳איז וויסט און ס׳איז נאַכט —
דער טאָג איז אַוועק און דער חשבון איז שלעכט געמאַכט.

אין פֿענצטער איז שוואַרץ און דאָס אויג איז דערשראָקן און ווילד,
דאָס פּנים איז הייס און צערייצט, נאָר דער האַלדז איז פֿאַרקילט,
אַ שטערן בליצט אויף ווי אַ גראָשן, וואָס מ׳האָט אים פֿאַרשפּילט
און ווידער איז שוואַרץ און דאָס אויג איז דערשראָקן און ווילד.

דער טאָג איז אַוועק, די נאַכט וועט אַוועק, סאַראַ שרעק!
און ווידער אַ טאָג, אַ טאָג וואָס וועט ווידער אַוועק.
אַ טאָג און אַ נאַכט און אַ טאָג און ס'נעמט ניט קיין עק,
אַ טאָג איז אַוועק, די נאַכט וועט אַוועק, סאַראַ שרעק!

סע מאַכט דעם אײַנדרוק, אַז חרץ שרײַבט מיט לײַכטקייט גראַמען און פֿערזן, דאָס גראַמען איז אים נישט שווער, אַלצדינג רינט פֿון דער פֿעדער ריטמיש און מע פֿילט נישט עפּעס געזוכטס, געקינצלטס. אַפֿילו דער נײַער גראַם דאָ אין ישׂראל אויף אַ העברעיִש וואָרט, וואָס איז נישט ייִדיש (ביחד) מיט אַ העברעיִזם אין ייִדיש (פּחד) — פּחד-ביחד איז בײַ אים נאַטירלעך:

און דער ציטער פֿונעם פּחד
אין די אויגן פֿון אַ קינד
ווערט פֿאַרשלינגען פֿון ביחד
טאַנצן אינעם מדבר־ווינט.

ס'איז אמת, וואָס קאַרל קראַוז האָט געזאָגט:

Der Reim, er ist das Ufer wo sie Landen
und zwei Gedanken einverstanden

און איך מיין, אַז דער פּחד, די איינזאַמקייט פֿונעם קינד ווערט טאַקע פֿאַרשלינגען פֿונעם ביחד־טאַנצן אינעם מדבר־ווינט. ס'איז זייער אַ געראָטענער גראַם און בײַ חרצן זענען דאָ זייער אַ סך געראָטענע גראַמען, אָבער די לײַכטקייט פֿון גראַמען און פֿערזן שרײַבן טראָגט מיט זיך אַ סכּנה. איך מיין, אַז וואָס טיפֿער דער דיכטער גייט, וואָס ווײַטער, אַלץ אַנדערש ווערן אויך די אויסערלעכע פֿאָרמען פֿון פֿערז און גראַם. אַפֿילו די שיינקייט פֿון פֿערז און גראַם וועט דער דיכטער גובֿר זײַן און זיי וועלן קלינגען נאָר נאָך אינעם נישט "האַרמאָנישן", אינעם "אומגעלומפּערטן". איך וויל זאָגן

Nur wer sich wandelt
Bleibt mit mir verwandt

סע זענען פֿאַראַנען בײַ חרצן לידער, שפּילערײַען, ערגעץ בײַם אָנהייב פֿון פֿערזיפֿיצירן און גראַמען קומט צו מאָל דער גראַם און אויך דער פֿערז ווי אַ שפּיל כּלומרשט אָן אַ זין און באַקומט ערשט שפּעטער אַ טעם. שוין בײַם פֿאָלק זענען פֿאַראַנען אָפּצאָל־גראַמען אָדער ווערטלעך (בײַ פֿאָלקס־לידער, שפּיל־לידער) — למשל: יאַנקל — קאַפּאַנקל — דאַמדאַמדאַנקל — ארץ קנאַנקל — יושבֿ בשאַנקל. אין דער אייראָפּעיִשער פּאָעזיע איז די שפּילערײַ דערגאַנגען ביז "נאָנ סענס".

בײַ חרצן אָבער זענען די שפּילערײַען פֿאָלקסטימלעך, פֿאַרשטענדלעך. אָט נעמט, למשל, "ציגעלע מיגעלע" ווו דער אָנהייב איז גענומען פֿון אַ פֿאָלקסליד:

ציגעלע־מיגעלע

ציגעלע־מיגעלע קאָטענײַ,
רויטע פּאָמעראַנצן,
קאָך מיר זעקס קאַרטאָפֿל אָפּ,
גיי איך באַלד דיר טאַנצן.

קאָך מיר אָפּ קאַרטאָפֿליעס צען,
טאַנץ איך אויף די טישן
אָפּגעטאַנצט דעם ערשטן טאַנץ,
טאַנץ איך דיר אַ פֿרישן.

ייִדל־פֿידל, בערל־באַס,
שפּילט מיר דרײַ מעת־לעתן,
זאַלצט מיר די קאַרטאָפֿליעס צו,
רוף איך אײַך צום עסן.

ווער סע שמעלצט זיי צו מיט שמאַלץ,
מעג זײַן בלויז אַ ביסל,
וועט ער מעגן פֿונעם טיש
נעמען גאַנצע שיסל

גאַנצע שיסל וועט נישט זײַן,
צען קאַרטאָף אין גאַנצן,
ציגעלע־מיגעלע קאָטענײַ,
רויטע פּאָמעראַנצן.

("ציגעלע־מיגעלע" — "אין פֿרעמדן גן־עדן", ז' 93)

פֿאַרשטייט זיך, אַז דאָ איז דאָס לידעלע פֿאַרשטענדלעך, אַן אויסדרוק פֿון דעם, וואָס מיר רופֿן דאָס אַן "הוליע קבצן" אָדער דאָס לידעלע וועגן קינדער:

פֿאַר די גליטשן

פֿאַר די גליטשן, וואָס זיי מאַכן,
פֿאַרן לאַכן, וואָס זיי לאַכן
און פֿאַר נאָך אַזעלכע זאַכן
אינעם שנייאיקן האַרמידער,
וואָלט איך אויסגעקושט די גלידער

פֿונעם גאַנצן קידער־ווידער
און באַזונגען זיי אין לידער
און דערנאָך געקושט זיי ווידער.
("פֿאַר די גליטשן", "לידער צו אייגענע", ז' 177)

דעם דיכטערס פֿרייד קוועלט אַרײַן און קוועלט אַרויס פֿון די שפּילעוודיקע גראַמען און פֿערזן.

אַלע לידער חרצס זענען אויסשניטן פֿונעם לעבן, זענען שטיקער לעבן, זענען נעבעכדיקע און הײַנטיקע טעג פֿאַרטראַכטע און ס'קען זיך דאַכטן, אַז נישטאָ בײַ אים קיין גרויס, קיין איינציק מאָנומענטאַל ליד, אָבער לייענענדיק פֿילט מען, ווי זיי שליסן זיך צונויף צום גרויסן און גאַנצן, צון איין פֿאַרטראַכטער פּאָעטישער ווירקלעכקייט.

אַלע לידער פֿון חרצן זענען פּשוט, פֿאָלקסטימלעך, מיט הומאָר. די לײַכטע פֿערזיפֿיקאַציע און דאָס פּינקטלעכע גראַמען זענען נישט אָנגערירט פֿון מאָדערנע פֿאָרמען, האָבן אין זיך עפּעס פֿון ווײַטקייט און פֿון דער צעצויגנקייט פֿון די ווײַטע סלאַווישע סטעפּעס, פֿון באַסאַראַבער יִידישער ערד. אויך דער הומאָר מיט דער בּלומרשטער תּאַמעוואַטעקייט האָט אין זיך אַ סך פֿון סלאַווישן און באַסאַראַבישן זײַן. די מיינסטע לידער זענען אָפּגעקלערט, פֿאַרטראַכט, אַרומגענומען מיט אַ זוים פֿון חלום און לייענען זיך ווי קליינע שטילע נאָוועלן פֿונעם 19טן יאָרהונדערט. אַ טייל לידער וואָלט איך אָנגערופֿן "געגראַמטע סקיצן" אָדער "פֿערזיפֿיצירטע סקיצן". אָט למשל:

ליגט אַ שיכּור

ליגט אַ שיכּור אינעם שניי.
— שיכּור, זאָג, וואָס טוט דיך וויי?
— אויב דו ווילסט מיך פֿאָלגן, אויב,
בעט איך דיך, זיך מאַכן טויב
צו מײַן שיכּורן געשריי.

גיי איך באַלד פֿון אים אַוועק,
לאָז איך שפּורן אויפֿן וועג,
אויפֿן וועג מיט שניי פֿאַרשיט
און איך הער דעם שיכּור ניט.
נאָר אין שטוב שוין, ווען איך ליג
אויף מײַן בעט ווי אין אַ וויג,
הער איך מײַן געווייסן רעדט,
רעדט אַרויס פֿון וואַרעמען בעט:

האָסט געלאָזט אַ מענטש אין פֿראָסט,
האָסט אין שניי אַ מענטש געלאָזט.
האָסט אַ תּירוץ, ער אַליין
האָט געבעטן דו זאָלסט גײן
און דו מיינסט, אַז דאָס איז שיין,
און דו מיינסט, אַז דו ביסט ריין,
ניין!

(״ליגט אַ שיכור״, ״הימל און ערד״, ז׳ 254)

מע וואָלט געזאָגט, אַז דאָס איז אַ ליד אָן שום באַדייטונג. ס׳איז דערציילט אין גראַמען וועגן אַ שיכור, וואָס דער פּאָעט האָט אים געלאָזט ליגן אין שניי און ער מאַכט זיך שפּעטער געוויסן־ביסן, אָבער אויך די סקיצע, ווי אויך די אַנדערע סקיצעס אין גראַמען האָבן אין זיך דעם עלעמענט פֿון אמתדיקייט. אַלצדינג אין חרצס פּאָעזיע איז אמתדיק, ביטער אמתדיק. גאָרנישט איז אָפּגענאַרט אָדער צוגעקינצלט. ער דערציילט נישט קיין ליגן אויך נישט אין די אויסגעטראַכטע זאַכן און חלומות. דאָס בילד איז אמתדיק —

לאָז איך שפּורן אויפֿן וועג,
אויפֿן וועג מיט שניי פֿאַרשיט.

דער געוויסן־קאָנפֿליקט איז אמתדיק. מלך ראַוויטש זאָגט: די לידער חרצס זענען זיך אָן מיט זייער לירישער פּשטות, אויפֿריכטיקייט, אמתע איבערלעבונג (״לעצטע נײַעס״, 18.8.72). דאָס ספּעציפֿיש אייגנאַרטיקע פֿון חרצס פּאָעזיע איז נישט זײַן פֿערז און נישט די געראָטענע גראַמען זײַנע. נישט דאָס פּאָעטישע געשטאַלטיקן פֿון די נעכטיקע און הײַנטיקע טעג, נישט די פֿאַרטראַכטע לאַנד־שאַפֿטן מיט זייער גורלדיקן יידישן הינטערגרונט, — דאָס ספּעציפֿיש אייגנ־אַרטיקע, חרצישע, איז — אַזוי דאַכט זיך מיר — דער אופֿן זען די וועלט, די זאַכן, עפּעס ווי מיט אַנדערע אויגן, עפּעס, וואָס זעט קודם אויס אַזוי פֿאַרתּמט, נישט לאָגיש, קעסאָקע, פֿאַרדרייט און וואָס ווײַזט זיך דערנאָך אַרויס ווי אַ טיף דער־קענען פֿון אונדזער טראַכטן, פֿון אונדזערווירקלעכקייט. אָט דאָס ספּעציפֿישע איז געוועזן בײַ אים צו דערקענען שוין בײַ זײַנע ערשטע לידער, וואָס ער האָט אין טשערנאָוויץ פֿאַר דער מלחמה אָנגעשריבן. שוין דעמלט האָט ער געזען ״די וועגן״ אין דער לאַנדשאַפֿט גייען און פֿאַרקערעווען אין שטעטל אַרײַן, גלײַך ווי די וועגן גייען ערגעץ און אַז זיי קומען צו אין דער נאָענט פֿונעם שטעטל, פֿאַרגלוסט זיך זיי צו פֿאַרדרייען אין שטעטל אַרײַן. אָט זעט ער דעם באַרג אַרום שטעטל, ווי ער, דער באַרג, קוקט עפּעס מאָדנע מיט אַ גרינעם הימל אויף די הײַזלעך פֿונעם שטעטל, ער זעט דעם בוים ״וואָס פֿירט דעם שאָטן אַרום זײַן שטאָם און ״זײַנע צווײַגן״. נישט דער שאָטן גייט אַרום בוים, ווו מיר זענען געוווינט צו זען די זאַכן. אָט:

אין אַ רעגנבויגן וויסטן שבת
צי איך אָן די וואָכעדיקע שקראַבעס,
שלעפּ אַרויף די ווינטערדיקע הויזן,
שטיי מיט הײַזער נאַקעטע אין דרויסן.

ער איז אָנגעטאָן, נאָר די הײַזער זענען **נאַקעטע**, ער זעט ווי "דער טאָג רינט אַרויס אין געסל אַרײַן".

סע קוקן אין גאַס די הײַזער זיך איבער,
אַ פֿענצטער שיקט ליכט צום אַ צווייטן אַריבער.

אָדער אַזאַ מין ספּעציפֿיש בילד און מעטאַפֿער:

כאַפּט זיך אויף די זון דערשראָקן,
נישט פֿאַרשפּעטיקט זי צו טאָגן?
מיט צעלאָזטע שטראַלן־לאָקן
באַרג אַרויף געגומען יאָגן. ("זון־ליד")

חרץ זעט די זון ווי דערשראָקן און דערשראָקן איז זי, ווײַל אפֿשר האָט זי פֿאַרשפּעטיקט צו טאָגן און זי נעמט זיך באַרג־אַרויף יאָגן. דעם באַרג אין שטעטל זעט ער ווי אַ גוי וואָס ער טראָגט דעם הימל אויפֿן הוילן קאָפּ. אַן אייגנאַרטיקער מעטאַפֿער:

שטייט דער באַרג — אַ הויכער גוי,
אַ הויכער גוי, אַ באַרג, אַ כלאָפּ.
גייט אַ ייִד פֿאַרביי און זאָגט:
— ס'איז פֿון אייביק אָן אַזוי,
אייביק שטייט אַ גוי און טראָגט
דעם הימל אויפֿן הוילן קאָפּ.

ער זעט אין חדר, אַז:

דורך דער שויב האָט אַרײַנגעקוקט אַ דאָרף
אינעם חומש מיט מצרים, ניל
און געמאַכט זיך בײַ דעם טיש אַן אָרט
און סע איז געוואָרן אַזוי שטיל. (1938)

אינעם חדר קוקט אַרײַן דורך דער שויב דאָס דאָרף און מאַכט זיך בײַ דעם טיש אַן אָרט. נישט מע קוקט דורכן חדר־פֿענצטער אַרויס און מע זעט דאָס דאָרף. אָדער:

ס'איז דער דרויסן צו צו קליינע טירן
און צעקושט זיך מיט פֿאַרבענקטע שוועלן.

אָדער:

רעגן־טונקלקייט אין רוים — הענג אַ גרויסער דרויסן
מיט אַ הימל אַ פֿאַרוואָלקנטן.

די איבערלעבענישן פֿונעם דרויסן זענען ווונדערבאַר געשטאַלטיקט אין חרצס לידער:

איך ווייס, ס'איז מײַנער דער דרויסן
און איך בין דאָס אייביקע קינד,
איך האָב מיך אין גרויסן אינדרויסן
צעשטרעקט אין דער לענג פֿונעם ווינט.

אינעם ליד "אין כאַטע" מאָלט ער קודם דעם אינעווייניק פֿון דער כאַטע און דערנאָך דעם דרויסן. דעם דרויסן אַזוי:

אין דרויסן ליגן קלעצער
ווי ספּלאַוועס גלײַך זיי שווימען
און אויסגעהוילטע פּלעצער
מיט וואַלד אַרומגענומען.

און שוואַרצע בערג און וואָלקנס
און ווײַטע הימל־שטיקער
און שוואַרצעביימער שטייען
און שאָקלען זיך ווי שיכּור.

די וועגן ליגן ליידיק
אין דרויסן אין דער פֿינצטער,
אין כאַטע שטייט נישט קיינער
און קוקט נישט דורך די פֿענצטער.

דער מעטאַפֿער "דער דרויסן" וואַקסט דאָ אויס צון אַן אייגענער זאַך, וואָס עקזיסטירט אַפֿילו, אַז קיינער קוקט נישט אַרויס פֿון די פֿענצטער פֿון דער כאַטע. און ווי ווייט סע טוט אונדז אויף די וועגן, וואָס שטייען **איינזאַם ליידיק אין דרויסן** אין דער פֿינצטער, נאָר אַרומגענומען מיט שוואַרצע בערג און וואָלקנס און ווײַטע הימל־שטיקער און שוואַרצע ביימער שטייען און שאָקלען זיך ווי שיכּור. דער ספּעציפֿישער מעטאַפֿער פֿונעם "דרויסן" חזרט זיך אין חרצס לידער אַ סך מאָל איבער:

אינעם קליינעם געסל גרויס
שטייט אין דרויסן אונדזער הויז.
הימל, וואָלקנס אויפֿן דאַך
מיט אַ זונפֿאַרגאַנג פֿאַר נאַכט.
— — — — — — — — — — — — — — — —
מיט אַ בוים פֿון רעכטער זײַט,
מיט אַ וועג און מיט אַ ווײַט — —

דער ייִדישער דרויסן...

אַ מאָל איז געווען אַ ייִדישער דרויסן
מיט ייִדישע קינדער פֿול.
אין דאָזיקן דרויסן, אין דאָזיקן גרויסן
געשטאַנען אַ ייִדישע שול.

אין שול האָבן ייִדישע קינדער געלערנט,
אין דרויסן זיך ייִדיש געשפּילט,
בײַ נאַכט איז דער הימל געווען צעשטערנט
מיט ייִדישע שטערן גאָר פֿיל.

בײַ נאַכט האָט די ייִדיש פֿאַרטראַכטע לבֿנה
געוואַכט אויף אַ ייִדישן דאַך,
נאָר ערגעץ־ווו האָבן ייִדישע שׂונאים
אין פֿינצטערניש בייז געטראַכט.

זיי האָט זיך אין שאָטן געדאַכט, אַז צעשניטן
האָט עמעץ די רוימען אויף צוויי
און אַז די לבֿנה איז מיטן פּנים צו די ייִדן
און מיטן הינטן צו זיי.

אַז ניט דער חושך פֿון אייגענער שׂנאה
האָט זיי זייער שײַן פֿאַרשטעלט,
אַז ניט זייערע אויגן זעען פֿול קנאה
די ייִדישע שײַן צו העל.

זיי האָבן דעם ייִדישן דרויסן געצונדן
און אויסגעברענט פֿונעם רוים,
נאָר ס'הענגען נאָך הײַנט אינעם רוים די ווונדן
ווי די שקיעה אויף אַ בוים.

אַלע די מעטאַפֿערן אייגענע און ספּעציפֿישע פֿאַר חרצן זענען שוין דאָ אין זײַנע ערשטע לידער. אָט האָבן מיר אַ פּאָר פֿערזן פֿון זײַנע ערשטע לידער:

שלאָפֿט דער סטאָ אויף אונדזער דאַך,
אויף דער פּריזבע שלאָפֿט די זון
און דער הימל אויפֿן באַרג
קוקט זיך גרין און בלאָ אַרום

זעט ער: אונטן, טיף אין טאָל
ליגט אַן אַלטער שווערער שטיין
האַלב אין שאָטן, האַלב פֿון גאָלד
און ער פֿילט זיך אויפֿצושטיין.

אויפֿן דאַך **שלאָפֿט** דער סטאָ (שילף) און דער הימל קוקט זיך גרין און בלאָ אַרום און דער שטיין פֿילט זיך אויפֿצושטיין.

מאַרק

רעדלעך ייִדן דרייען זיך
מיטיק־צײַט אַרום אין מאַרק,
איבער זייערע קעפּ די זון
דרייט זיך אויך און היצט זיך שטאַרק.

קומט פֿון ווײַטן אָן אַ וועג
און פֿאַרקערעוועט אַהער,
דרייט זיך דאָ אין מאַרק אַרײַן,
ווען די ווײַטקייט ווערט אים שווער.

דעם וועג ווערט שווער, פֿאַרקערעוועט ער אין שטעטל אַרײַן.

בײַם פֿאַרמאַכן

ער האַלט דאָס לידערבוך שוין בײַם פֿאַרמאַכן,
אין זײַנע אויערן רוישן שטילע טײַכן
לבֿנה־שײַן און אויפֿן טיש די זאַכן —
לבֿנהס קליינע דורך די נעבט זיי וואַכן.

אין דרויסן שטייט פֿאַרמאַכט אַ שורה שטיבער
און אויף די גראָזן קלינגען שטילע לידער,
זיי ענדיקן זיך, הייבן אָן זיך ווידער
און חזרן אַ גאַנצע נאַכט זיך איבער.

דאָס ספּעציפֿיש חרצעשע זען די וועלט, דאָס פּאָעטישע באַנעמען די זאַכן דערפֿירט אים צו דערקענען פֿון דער סתּירה פֿון דעם ווידערשפּרוך פֿון זײַן זען די זאַכן און דעם שׂכלדיקן ראַציאָנעלן באַנעמען די וועלט. זײַן דיכטעריש זען נעמט זיך פֿונעם אַזוי גערופֿענעם איראַציאָנעלן "און דאָס הייסט פֿון דער חושים־וועלט פֿון דער באַוווּסטער און אַזוי גערופֿענער "אומבאַוווּסטער" געפֿילס־וועלט, — חלומות וואָס דרינגען דורך דאָס באַנעמען דורך די חושים און איז נישט קיין שׂכלדיקע דערקענטעניש.

דאָס ספּעציפֿישע חרצישע זען די וועלט דערפֿירט אים צון אַ קלאָרער פֿאָרמולירונג פֿון דער סתּירה צווישן זײַן געפֿילס־וועלט און דעם וואָס מיר ווייסן דורכן שׂכל און אַזוי טוט ער דאָס אינעם ליד "עס ווייסן שוין אַלע". אין די ערשטע צוויי שורות פֿון יעדער סטראָפֿע זאָגט ער, וואָס מיר ווייסן דורכן שׂכל און אין די אַנדערע שורות דאָס וואָס ער זעט:

עס ווייסן שוין אַלע

עס ווייסן שוין אַלע — אַרום דער זון
דרייט זיך די ערד אַ קליינס ווי אַ שרעטל,
נאָר הייב איך די אויגן אַרויף צו דער זון
דרייט זיך די זון אַרום דעם שטעטל.

עס ווייסן שוין אַלע — די שטערן אין רוים,
ריזיקע וועלטן מיט אייגענע געטער,
נאָר הייב איך די אויגן אויף צו אַ בוים,
ציטערן די שטערן אויף זײַנע בלעטער.

עס ווייסן שוין אַלע, אַז אָן אַ סוף
ציִען זיך אייביק די ליידיקע רוימען,
נאָר הייב איך די אויגן אויף פֿונעם שלאָף,
זענען זיי פֿול מיט מײַנע טרוימען.

די זון באַוועגט זיך און דרייט זיך עפּעס מאָדנע אַרום דעם ייִדישן שטעטל און די שטערן ציטערן אויף די בלעטער פֿונעם בוים — — — און די ליידיקע רוימען זענען פֿול מיט זײַנע טרוימען.

Wer das Dichten will verstehen
Muss in's Land der Dichtung gehen
Wer den Dichter will verstehen,
Muss in Dichters Lande gehen.

דעם דיכטערס לאַנד פֿון חרצן איז טשערנאָוויץ. חרץ איז אַ טשערנאָוויצער דיכטער, וואָס שטאַמט פֿון באַסאַראַביע, פֿון מאַרקולעשט:

יאָ מאַדאַם, איך בין אַ באַסאַראַבער,
איך שטאַם פֿון יענער אָפּגערוקטער געגנט,
איך בין געבוירן דאָרט אין אַ סענטיאַבער
און דאָרט געוואַקסן, ווען ס׳האָט דאָרט גערעגנט. (״יאָ, מאַדאַם״)

פֿון אַלע דיכטער, וואָס האָבן דאָס ייִדישע באַסאַראַביע, די באַסאַראַבישע ייִדישע היים אין דער דיכטונג אַרײַנגעבראַכט, וואָס האָבן אַ מצבֿה געשטעלט דעם ייִדישן חרובֿ־געוואָרענעם באַסאַראַביע מיט זײַנע מענטשן און גאַסן איז חרץ איינער פֿון די וויכטיקסטע. אין אַ סך לידער זײַנע ווערט דאָס ספּעציעל באַהאַנדלט און אין אַלע לידער אָטעמט דאָס ייִדיש באַסאַראַבישע דורך אַלע זײַנע ״פּאָרן״, ריטמען און ס׳איז אמת, וואָס ער זאָגט אין אַ פּאָרטרעט וועגן אַן אַנדערן אַז כאָטש:

כאָטש אויסגעטאָן איז ער פֿון דער קאַפּאָטע
און פּטור פֿון דער שטעטלדיקער בלאָטע,
וואָס ער געדענקט זי פֿון די קינדער־יאָרן,
איז מיט דער שול און מיטן שטילן שבת,
מיט זײַנע ביידע תּחינהדיקע באָבעס
דאָס שטעטל אים אין שטאָט אין גרויסער נאָכגעפֿאָרן.

חרצן איז נאָכגעפֿאָרן דאָס ייִדישע באַסאַראַביע. איך וועל זיך אויפֿן ייִדישן באַסאַראַביע הײַנט נישט אָפּשטעלן און ווי אַ טשערנאָוויצער וועל איך אײַך צוויי לידער זײַנע וועגן טשערנאָוויץ הײַנט לייענען דאָ. דאָס ערשטע הייסט ״די טשערנאָוויצער ייִדן־גאַס״ און דאָס צווייטע ״דורך וויזשניץ״.

די טשערנאָוויצער ייִדנגאַס

די טשערנאָוויצער ייִדנגאַס —
אַ קורצער און אַ שמאָלער פּאַס.

אַ הויז אויף לינקס, אַ הויז אויף רעכטס
און דאָ אַ זיפּץ און דאָ אַ קרעכץ.

אין קעלערס שפּרינגען מײַז און פֿרעש
און אויף אַ בוידעם וויגט זיך וועש.

אַ שילדל זשאַווערט אויף אַ דאַך,
אַ קרעמער גענעצט, שפּילט אין שאַך.

און קינדער שפּילן זיך אויף טרעפּ
און ווייסן גאָרנישט פֿון קיין סטעפּ.

זיי זעען פֿורלעך, פֿרעמדע לײַט
און ווייסן גאָרנישט פֿון קיין ווײַט.

זיי לויפֿן באָרוועס אויפֿן מאַרק
און זינגען "אויפֿן הויכן באַרג".

נאָר ווו איז באַרג און ווו איז טאָל?
די ייִדנגאַס איז קורץ און שמאָל.

אַ יעדער הויז מיט וואַנט און דאַך
זעט אויס, ווי גלײַך מ'האָט זיי געבראַכט

פֿון אַלטע צײַטן, אַלטער וועלט
און מ'האָט זיי דאָ אַוועקגעשטעלט.

די אַלטע געטאָ אומעטום,
פֿון אָנהייב אָן, אָן ליכט, אָן זון.

דאָ זעט מען ווענט און שאָטנס בלויז.
דאָ הערט מען אַ געזאַנג פֿון קלויז.

די ייִדן נעמען זיך צונויף
אין קלויז און אויף די טרעפּ אין הויף

און פֿאָרנט אויף אַ באַנק אין גאַס
און בײַ די ווענט, וואָס זענען נאַס.

צו פֿערצן ייִדן אויף אַ באַנק,
די גאַס איז קורץ, דער גלות לאַנג.

די ייִדן קלאָגן אויף די בענק,
די גויִים טרינקען ווײַן אין שענק.

און גייען פֿון דער שענק אַרויס,
די וועלט אַרום דער גאַס איז גרויס.

זיי פֿאָרן היים צו דאָרף און פֿעלד,
צו ברייטן פֿעלד, וואָס שמעקט מיט וועלט

און נעמט אַרום די ייִדן־גאַס
מיט טויזנט צוימען און מיט האַס.

דורך וויזשניץ

מיר זענען אַריבער די וויזשניצער בריק,
מיר זענען קיין קיטעוו פֿאַרפֿאָרן,
נאָר וויזשניצער ברעג רופֿט מיך צוריק,
די גרענעץ פֿון נעכטיקע יאָרן.

געווען איז אַ מאָל אַ גרענעץ אַדאָ,
ס'האָט וויזשניץ געחלומט אַ חלום,
אין חלום — אַ בלאָע שפּיצבאַרגיקע שעה,
וואָס לאָזט זיך אַראָפּ אין די טאָלן.

פֿאַרזונקען אין דר'ערד די בערג ביזן בויך,
דער וועג ציט זיי אײַן ווי אַ גאַרטל,
דער טשערעמוש זידט אַזוי ווי אַ יויך
פֿון שלײַען, פֿון העכטן און קאַרפּן.

ס'האָט איינס נאָר געפּעלט, דאָס שטיקעלע ברויט,
דאָס שטיקעלע ברויט האָט געפּעלט דאָרט,
די שעה פֿאַלט אַראָפּ און זיך ציט אויס טויט,
אַ צווייטע קומט אָן פֿון די וועלדער.

און ס'קומען מיט איר אין אַ טאַנץ, אין אַ ראָד
די חסידים צום וויזשניצער רבין,
בײַם טשערעמוש טאַנצט אַ ייִדישע שטאָט,
דאָס אָרעמע פֿריילעכע לעבן.

דער חלום צערינט, דאָס לעבן פֿאַרגייט,
דער חלום פֿון נעכטיקע יאָרן,
קיין סימן פֿון ייִדן, פֿון חסידישער פֿרייד,
ווען איך בין דורך וויזשניץ געפֿאָרן.

חרץ האָט אָנגעשריבן ערגעץ אין דער צווייטער העלפֿט פֿון די 50ער יאָרן אַ סעריע לירישע פּאָרטרעטן, ווי ער האָט די סעריע אָנגערופֿן, פֿון אייניקע ייִדישע שרײַבערס. דער עיקר דעמלט טשערנאָוויצער און באַסאַראַבער. שפּעטער האָט זיך די סעריע אויסגעברייטערט און אָט ווי אַזוי ער צייכנט זיך אַליין אין דער דאָזיקער סעריע:

אין שפּיגל שרײַב איך מיט דער לינקער האַנט,
אין שפּיגל שילט מײַן אויג מײַן רעכטס אַ ביסל

נאָר מײַנע קינדער לאַכן נאָך אַנאַנד
ווי גלײַך צום אויסזוען מײַנעם ליגט בײַ זיי דער שליסל.

אין שפּיגל שרײַב איך, ווי די סבֿיבֿה וויל,
פֿון לינקס אויף רעכטס, ווי אַלע פֿעלקער שרײַבן
און קוק איך נאָך אַראָפּ צום שאָטן אויפֿן דיל,
דערזע איך דעם, וואָס אַלע המנס טרײַבן.

ווי איר זעט — אַ לײַכטע סקיצע מיט הומאָר, אַ פֿאַרצייכענונג, וואָס הייבט אַרויס מיט קוים עטלעכע שטריכן דאָס אויסערע, פֿיזישע און נאָר ברמזים דאָס שטוינען און דאָס שפּאַנען זײַנס אין דער וועלט ווי אַ ייִד, און נאָר ברמזים דאָס ספּעציפֿיש חרצישע מיט זײַן הומאָר. ווילט איר אָבער חרצס אופֿן פֿון הומאָר פֿון זײַן גאַלגן־הומאָר באַנעמען, זײַן לעבן און זײַן שמייכל דערצו, ווילט איר אים, חרצן אַליין דערקענען און זען וועל איך אײַך לייענען זײַן הומאָריסטיש ליד "געפֿונען", וואָס ער האָט איבער זיך געשריבן:

געפֿונען

ס'האָט אַמאָל מיט מיר געטראָפֿן
(ס'טרעפֿט מיט מיר זיך אָפֿט),
ניט געווען אים שטוב אַפֿילו קיין קאַרטאָפֿל
און דאָס געלט, וואָס כ'האָב געהאָפֿט
צו באַקומען,
איז ניט אָנגעקומען —
ס'האָט פֿאַרהאַלטן זיך דער האָנאָראַר פֿאַרן לעצטן נומער.
בין איך אומגעלאָפֿן ערגעץ באָרגן,
כאָטש אַ צענערל, אַ פֿינפֿערל ביז מאָרגן־איבערמאָרגן;
אומגעגאַנגען אַ פֿאַרכמורעטער פֿון זאָרגן,
אַ פֿאַרוואָלקנטער, פֿאַרשוואַרצטער און געשוויגן,
גיי דערווײַז דעם שכן, אַז ער זאָגט אַ ליגן,
ווען ער זאָגט, ער וואָלט געליגן,
נאָר ער האָט ניט איצטער.
אומגעגאַן בין איך אין אַ קאַלטן רעגן אַ פֿאַרשוויצטער
און אַרײַן צום לעצטן שכן — זיצט ער
גראָד און ציילט ממתּקים מיט די פֿלינקע הענט
און די שאָטנס פֿון די הענט טאַנצן אויף די ווענט.
האָט ער מיר שוין אָפּזאָגן, פֿאַרשטייט זיך, ניט געקענט
און געגעבן מיר דאָס פֿינפֿערל און מיך גלײַך געבעטן,
אַז ווי נאָר כ'וועל באַקומען ס'געלט פֿון די גאַזעטן

זאָל איך תּיכּף ברענגען אים דאָס געלט,
ווײַל גראָד די פֿינעף רובל אים צום חשבון פֿעלט.
איך האָב אויבעט אַנדערש ניט געטראַכט
און געזאָגט אַ גוטע נאַכט.

כ׳בין אַרויס און כ׳האָב געפֿילט, אַז מײַן פּנים שײַנט,
אַז די שכנים אַלע זענען מײַנע פֿרײַנד,
אַז די מענטשן זענען גוט און צוגעלאָזט
און ס׳איז זיס דאָס ווינטל, וואָס סע בלאָזט,
און סע וואַקסן גראָזן אויף דער ערד
פֿונעם רעגן, וואָס האָט אָקערשט אויפֿגעהערט
און דער עיקר זי, דאָס גוטע ווײַבל,
וועט מיך מערער נאָך הלוואות שוין ניט טרײַבן;
וועל איך קענען זיצן רויִק און מיר שרײַבן,
רויִק שרײַבן דאָס איז דאָך דאָס שטרעבן
פֿון מײַן גאַנצן אומרויִקן לעבן,
פֿון די ערשטע טריט מײַנע ביז הײַנט.
גיי איך פֿריילעך מיר אַהיים, דאָס פּנים שײַנט,
כ׳פֿאַל אַרײַן אין שטוב אַרײַן מיט אַ מזל־טובֿ!
— כ׳האָב געפֿונען סוף־כּל־סוף...
פֿרעגט דאָס ווײַבל מיך: פֿאַר וואָס ניט אַ גוט יום־טובֿ!
זעסט דאָך אויס, ווי וואָלסט געירשנט אַ מאַיאָנטיק...
הער שוין אויף מיט דײַנע חכמות — זאָג איך צו איר שטרענג!
כ׳לייג אַרײַן די האַנט אין קעשענע און געפֿין אַ קרענק,
ניט צו אײַך גערעדט. ניט געלייגט, ווײַזט אויס, אַדאָ,
זוך איך אין דער צווייטער, איז דאָרט אויך ניטאָ,
ווערט פֿאַרכמורעט מיר דאָס פּנים ווידער,
ווי סע טרעפֿט אַ מאָל זיך, ווען איך זיץ בײַ מײַנע לידער —
און איך זוך דאָס וואָרט וואָס איך פֿאַרליר
אויפֿן וועג צו דעם פּאַפּיר.
איצט האָב איך דאָס פֿרעמדע געלט פֿאַרלאָרן,
וואָס איך קען עס ניט געפֿינען, ווי דאָס וואָרט מיטן זכּרון,
און איך פֿיל בפֿירוש: דער קאָפּ ער ווערט מיר גרוי
פֿון ניט וויסן ווען און וווּ און ווי אַזוי —
דאָס פּנים ווערט אַלץ טונקעלער, ווערט שוואַרץ
און סע לייגט אַ שטיין זיך אויפֿן האַרץ
און די הענט אַלץ זוכן, קערן אַלע קעשענעס מיר איבער,
ביז איך שרײַ אויס ווידער צו מײַן ליבער:

— מזל־טובֿ!
כ'האָב געפֿונען סוף־כּל־סוף!
— וואָס? דאָס געלט,
וואָס האָט אָקערשט דיר געפֿעלט?
— וואָסער געלט און וואָסער שמעלט, מײַן ליבע,
כ'האָב געפּאַקט אין קעשענע דעם לאָך, די סיבה —
און דאָס פּנים שײַנט מיר ווידער.

דאָס איז חרץ, אַזוי האָט ער געלעבט און אַזוי רעאַגירט. דאָס ליד איז מער ווי אַ סקיצע, ס'איז אַ פּאָרטרעט מיט שאַרפֿע כאַראַקטער־ליניעס. אונטער דער צעצוויגענער פּערזאָניפֿיצירטער און געגראַמטער דערציילונג וואַקסט אויס די געשטאַלט פֿונעם דיכטער מיט זײַן טראַגיק, מיט זײַן הומאָר, מיט דער ליבשאַפֿט, מיטן ווייטיק, מיט דער קייט פֿון זײַנע שטימונגען, סע שײַנט זײַן פּנים, סע הערט אַפֿילו דער רעגן אויף צו גיין און אַלע שכנים זענען גוטע — און צום סוף שײַנט ווידער זײַן פּנים — ווען די טראַגעדיע דערגרייכט דעם הויכפּונקט, קומט די איבעררעאַשונג — זײַן פּנים שײַנט, ווײַל ער האָט געפֿונען — נישט דאָס געלט, נאָר די סיבה פֿונעם פֿאַרלוירן גיין פֿונעם געלט, דעם לאָך אין קעשענע —

כ'האָב געפּאַקט אין קעשענע דעם לאָך, די סיבה
און דאָס פּנים שײַנט מיר ווידער.

און

ווידער וועגן זיך

כ'האָב ווייניק געלייענט און ווייניק געלערנט,
נאָר צרות געהאַט אויף מײַן קאָפּ גענוג.
די נאַכט איז מיליאָניק אויסגעשטערנט
און נאָר אויף מיר איינעם זי קוקט און קוקט.

וואָס לאָזט די נאַכט מיט איר קוקן מיך הערן?
מײַן לעבן לויפֿט דורך ווי דורך אַ בוך
און לויפֿנדיק טראָגט עס אַ זאַק אַ שווערן —
אַן אוצר, וואָס מײַן מאַמע האָט לאַנג געזוכט.

מײַן מאַמעס טעות: אָן צו באַקלערן —
דאָס נעמען מײַן טאַטן פֿאַר אַ מאַן,
אַ טעות איז אויך מײַן געבוירן ווערן
נאָך איידער זיי זענען זיךביידע צעגאַן.

איז קוק איך אויף זיך נישט איבעריק גערן,
ווי אויף אַ נישט געבעטענעם גאַסט,

נאָר אַנדערש קוקן אויף מיר די שטערן —
דאָס גאָלדענע צירונג, וואָס מיר פּאַסט.

מיט פֿיל יאָרהונדערטער פֿאַר מײַן געבוירן
האָט האַמלעט געפֿרעגט — זײַן צי ניט זײַן?
סע האָבן געוואָרט אויף מיר מײַנע יאָרן
און איך האָב געפֿאָלגט און אין לעבן אַרײַן.

איך וואָלט זיך פֿון לאַנג שוין אויפֿגעגעבן,
נאָר אַנדערש קוקן די שטערן דערויף,
זיי ציטערן, בעטן מיך ווײַטער לעבן
און פֿאַל איך, הייבן זיי ווידער מיך אויף.

אָדער:

מיטנוועג

מיטנוועג, דער וואָגן פֿאָרט ניט,
ניט פֿאָרויס און ניט צוריק,
ס'איז מײַן טאָג אַוועק מיט גאָרניט,
ס'האָט אין גאָרניט מיר געגליקט.

וואָס זשע טוט אַזאַ שלים־מזל,
וואָס איך בין שוין זעכציק יאָר?
כ'זעץ זיך איבער, די פֿאַנטאַזיע
יאָגט מיך, טראָגט מיך און איך פֿאָר.

אָנגעפֿאָרן זיך, דער וואָגן
שטייט דאָרט אויפֿן זעלבן פּלאַץ
און עס בלײַבט מיר נאָר צו זאָגן:
איי ביסטו אַ נאַר, הרץ. (7.1.1971)

ווילט איר אָבער דעם דיכטער הרץ זען, ווי ער זעט זיך ווי אַ דיכטער, ווו ער אידענטיפֿיצירט זיך מיט דעם וואָלקן ווי יענער גרויסער פֿראַנצייזישער פּאָעט ווו ער אידענטיפֿיצירט זיך מיטן וואָלף און מיט דער ליאַלקע און צום סוף איז ער אַ דיכטער, אַ ייִד, וועל איך אײַך לייענען דאָס ליד:

אָט בין איך

אָט בין איך אַ פֿויגל, וואָס פֿליט אין דער לופֿט
און זינגט אין די צווײַגן אין אָוונט און רופֿט,

אָט בין איך אַ וואָלף אין די וועלדער פֿאַר טאָג,
וואָס וואַרפֿט אָן אַ שרעק, אַ געיעג און אַ קלאָג.
אָט בין איך אַ פֿערד אויף אַ באַרגיקן וועג,
וואָס שלעפּט אין אַ רעגן אַ וואָגן מיט זעק.
אָט בין איך אַ וואָלקן, אָט בין איך אַ ים,
וואָס שפּיגלט דעם וואָלקן, אָט בין איך אַ פֿלאַם
פֿון שײַטער אין מיטן פֿון שנייִיקן וואַלד,
כ׳דערוואַרעם דעם וואַלד־שומר נײַנציק יאָר אַלט.
אָט בין איך אַ ליאַלקע אין די הענט פֿון אַ קינד
און אָט אין די האָר פֿון אַ מיידל דער ווינט
און אָט בין איך — איך, אַ דיכטער, אַ ייִד,
וואָס שפּילט מיט פֿאַרגלײַכן אין ייִדישן ליד.

חרץ ווייסט פֿון זיך ווי אַ דיכטער און קען זיך און קען אַנדערע דיכטער און אָט וואָס ער האָט דאָ אין ישׂראל שוין, אין יולי הײַנטיקס יאָר (1972) וועגן דעם געשריבן:

איך קען

איך קען אַזוי פֿיל סטראָפֿן,
וואָס האָבן צום האַרץ נישט געטראָפֿן.
איך קען פּאַטריאָטישע לידער,
וואָס זענען די פֿעלקער דערווידער
און אַרבעטער־געזאַנגען,
וואָס זענען צום פֿאָלק נישט דערגאַנגען.
איך קען דעם זויערן טרויער,
וואָס איז נישט דערגאַנגען צום טויער,
צום דאָרפֿישן טויער פֿון פּויער.
איך קען אויך ליבע־סאָנעטן,
די ליבע־לידער צום לעבן
פֿון זעלבסט־פֿאַרליבטע פּאָעטן,
וואָס קענען קיין קוש נישט געבן,
נאָר זיך דאַרף מען קענען קודם
און כ׳קען מײַן אייגענעם פֿעלער
צו שרײַבן וועגן אַ בוידעם
און ווינען אין אַ קעלער.

וועגן חרצס לידער געווידמעט דעם חורבן ייִדיש־באַסאַראַביע דורך די היטלעריסטן, וועל איך הײַנט דאָ נישט רעדן. וועגן חרצס ראַנגלען זיך מיט די

קייטן פֿונעם סאָוועט־רעזשים, זײַן קאַמף, זײַן לײַדן, זײַן בענקען אַרויס אַהער, וועל איך אויך נאָר עפּעס דערמאַנען. ער האָט דאָרט ווי כ׳האָב שוין דערמאָנט געשריבן:

איך זינג און איך וואַרג זיך מיטן געזאַנג — — —

אָדער:

איך גיי בײַם זײַט פֿון גרויסן וועג,
פֿון פֿרעמדן וועג
און האַלט אין שאָטן מײַנע טעג,
די לעצטע טעג.
מײַן ייִדיש וואָרט — דערשראָקן שטום,
איך שווײַג אין הילכיקן אַרום.

און ווידער האָט ער נאָך געשריבן:

דאָס וואָרט דאָס געטראַכטע אין האַרץ האָט געשריגן
אויף ליפּן פֿאַרמאַכטע, וואָס האָבן געשוויגן,
דאָס וואָרט דאָס געטראַכטע האָט קבֿרים געריסן
און האָט מיט די ציין דאָס געוויסן געביסן,
ביז ווייטיק, ביז בלוט דאָס געוויסן געביסן.

חרצס דעוויז איז תּמיד געווען:

נישט קיין ליגן זאָגן צוליב ברויט —
ס׳לעבן איז אַ ווידוי זאָגן ביזן טויט — — —

נישט קיין ליגן זאָגן צוליב גליק —
ס׳לעבן איז אַ ווידוי זאָגן פֿון דער סאַמע וויג! — — —

נישט קיין ליגן זאָגן צוליב פֿאַלשער פֿרייד —
ס׳לעבן איז אַ ווידוי זאָגן טאַנצנדיקערהייט. — — — —

צו סאָוועט־רוסלאַנד געווענדט, וואָס האָט אַ סך, אַ סך ייִדן געראַטעוועט פֿון אומקום אין די היטלעריסטישע לאַגערן און וואָס האַלט זיי הײַנט, די ייִדן און וויל זיי נישט אַרויסלאָזן שרײַבט חרץ אַזוי:

דײַן נאָמען איז מיר ליב,
דײַן נאָמען איז מיר טײַער,
דו האָסט אַרויסגעטראָגן מיך פֿון פֿײַער
און דיר אַ דאַנק איך לעב.

דו האָסט פֿון וואַסער מיך אַרויסגעשלעפּט
און ממש ביַי די האָר פֿון קאָפּ,
נאָר איינס פֿאַרשטיי איך נישט, מײַן פֿרײַנד,
פֿאַר וואָס דו האַלטסט זיי מיר ביז הײַנט
און לאָזסט זיי מיר נישט אָפּ.

און וואָס איז דאָרט מיט די שכנים?

שטיל, די שכנים זענען מיד

שטיל, די שכנים זענען מיד,
דאַרף מען, הייסט עס, האַלטן ס׳ליד
אין די אייגענע פֿיר ווענט,
אײַנוויגן אויף די אייגענע הענט,
לייגן עס אין אייגענעם בעט,
עס פֿאַרדעקן מיט אַ גלעט,
ס׳זאָל ניט וויינען אויף אַ קול
ווי געטראָפֿן שוין אַ מאָל,
ווען די שכנים האַלבע נאַכט
האָבן זיך אין שלאָף פֿאַרמאַכט
טויבע ווי די גראָבע וואַנט
און געציטערט האָט מײַן האַנט,
ווען געשריבן און געלייענט,
ביז דאָס ליד האָט זיך צעוויינט.

די גאַנצע צײַט זײַענדיק "דאָרט" חלומט ער דער דיכטער, דער ייִד אפֿשר ווי יענע חובֿבֿי ציון פֿונעם פֿאָריקן יאָרהונדערט — וועגן ארץ־ישׂראל. ער, דער ייִד, דער **וואַנדערער** מיט זײַן בינטל קומט צו גיין לייגט זײַן בינטל אַנידער און רעדט:

ער האָט גערעדט, זײַן בינטל האָט געשוויגן,
נאָר מיר האָט זיך געדאַכט, אַז ס׳האָט געשריגן,
אַז ס׳וויל נישט דאָ, אין פֿרעמדן ווינקל, ליגן
און אָנגעהויבן מיטן דיל זיך קריגן —
געבעטן זיך אַהיים, אַהיים צו זיך,
דאָס בינטל מיט אַ העמד, צי שיך. ("דער וואַנדערער")

נאָך "דאָרט" זײַענדיק שרײַבט ער אָן דאָס ליד "ניט אין דײַנע בערג", ווו ער דערציילט, אַז כאָטש ער איז נישט דאָ געבוירן (אין ארץ־ישׂראל) פֿילט ער אין זיך, אין זײַנע בלוטן די גלות פֿון די הייסע זאַמדן און די נאָענטקייט פֿון דער לאַנדשאַפֿט:

ניט אין דײַנע בערג

נישט אין דײַנע בערג בין איך געבוירן,
נישט געזויגן כ'האָב פֿון דײַנע קי,
נישט פֿון דײַנע שאָף האָב איך געשוירן
זיך אַ מאַנטל ביז איבער די קני.

נישט געגעבטיקט כ'האָב אין דײַנע היילן,
נישט געוואַנדערט איבער דײַנע שטעט,
נישט געהערט, וואָס דײַנע נעבט דערציילן,
אויך דײַן לשון האָב איך נישט גערעדט.

נישט דערעדט און נישט געטראַכט דײַן לשון
דײַנע פֿאַרבן פֿריִער נישט געפֿילט,
דײַנע קוואַלן האָבן נישט געלאָשן
מיר מײַן דאָרשט און נישט מײַן קאָפּ געקילט.

וואָס זשע פֿיל איך איצט, ווי מ'וואָלט געשאָטן
דײַנע הייסע זאַמדן אין מײַן בלוט,
גלײַך מײַן קינדהייט וואָלט אויף זיי געטראָטן
און פֿאַרהיט אויף שטענדיק זייער גלוט.

וואָס זשע פֿיל איך איצט אין מײַנע בלוטן,
גלײַך ווי עמעץ גיסט מיר פֿײַער צו
און ער ווינטשט מיר: זאָל דיר זײַן צו גוטן –
גלײַך ער איז מיט מיר שוין לאַנג אויף דו.

כ'זע אַצינד אין חלום אָפּט אַ מיידל,
וואָס אין לעבן האָב איך נישט געזען
און איך ווער מײַן עלטער־עלטער־זיידע,
ווען ער איז אַ יונגער־מאַן געווען.

די לעצטע סטראָפֿע דערמאַנט אָן ווערלענס באַקאַנט ליד:

Mon rêve familier

Je fais souvent ce rêve etrange et pénétrant
D'une femme inconnue, et que j'aime, et qui m'aime
Et qui n'est chaque fois ni tout à fait la même
Ni tout à fait une autre, et m'aime et me comprend

Ich treume wieder von der Unbekannten
Die schon so oft im Traume vor mir gestanden.

איך פֿאַרענדיק. חרץ שטייט איצט פֿאַר אַ נײַער ייִדישערווירקלעכקייט. ער ווייסט פֿונעם פֿענאָמען, אַז עפּעס ווערט דאָ אין ישׂראל בײַ די דיכטערס און בכלל קינסטלערס, וואָס קומען פֿון "דאָרט", אַז עפּעס ווערט דאָ דאָס ליד זייערס פֿון דאָרט ווי אויסגערונען? עפּעס זעט עס דאָ אויס ווי בלאַס און אָן כּוח דאָס גלות־ליד. אין אַ ליד, וואָס ער האָט שוין דאָ אין ישׂראל אָנגעשריבן טאַקע דאָ נישט לאַנג, אין חודש יולי הײַנטיקס יאָר לייענען מיר:

גלות־עפּל און קאַרטאָפֿל

גלות־עפּל און קאַרטאָפֿל
פֿון אַ ווײַטער גלות־ערד
וואַקסן דאָ. נאָר גלות־סטראָפֿן
ווערן פֿון דער זון פֿאַרצערט.

עפּעס קלינגט נישט דאָ דער גלות
אין דער היגער זײַן
און דער פֿלאַטער פֿון די פּאָלעס
פֿון קאַפּאָטעס שטילט זיך אײַן.

און דער ציטער פֿונעם פּחד
אין די אויגן פֿון אַ קינד
ווערט פֿאַרשלונגען פֿון ביחד
טאַנצן אינעם מדבר־ווינט.

כ'האָב די גראַמען פֿונעם גלות
ליד און ייִד און מיד
זיבן מאָל געגראַמט און אָט איז
אַלץ נישטאָ קיין ליד.

כ'שלעפּ די ווערטער פֿון די ווײַטן,
ווערטער שלעפּ איך מיט אַ פּאַק,
נאָר ס'איז אַלץ נישט ווי בײַ לײַטן,
בלײַבן זיי אין זריעה־זאַק.

אפֿשר שפּעטער? אפֿשר מאָרגן?
אפֿשר קיין מאָל נישט? קאָן זײַן
און איך זינג מיר אויס די זאָרגן
וואָס איך וואַרף אין ים אַרײַן.

מיר ווינטשן חרצן, אַז מאָרגן שוין זאָלן די "הײַנטיקע טעג" אין אַ נײַער פֿאַרטיפֿטער פֿאָרם אויסוואַקסן צו אַ ליד. אַ דאַנק.

דוד וואָלפּע / יאָהאַנעסבורג

מאיר חרץ — אין פֿולקייט און פֿילקייט

א.

מאיר חרץ איז געקומען קיין ישׂראל אין 1972 צו זײַנע 60 יאָר. ער איז געוואָרן אַ תּושבֿ פֿון ירושלים און גלײַך זיך גענומען שרײַבן ווײַטער זײַנע לידער. אין די צוואַנציק יאָר, ביז הײַנט, האָט ער עס געטאָן מיט אַ באַנײַטן, סטימולירנדיקן מוט און ס'איז געוואָרן די תּקופֿה פֿון פּראָדוקטיקסטן אויסשפּרייט און אויפֿשטײַג, וואָס מיינט: פֿולקייט און פֿילקייט. אין כּסדרדיקן שאַפֿערישן טראַנס האָט ער פֿון אייגענעם ייִדישקוואַל אָנגעשעפּט אַ געזאַנגיק עשירות, עס צוזאַמענגעקליבן אין ביכער — און קלײַבט נאָך. דאָס איז אַ פּראָצעס אין וועלכן זײַן דיכטערישע פֿיזיאָנאָמיע ווערט אויסגעוועבט אין דער פֿולקומקייט און פֿילפֿאַרביקייט. דער נשמה־פֿונק פֿון ליד איז חרציש, מיט קלאַנג, מיט עמאָציע מיטן אויסציטער פֿון זײַן ייִדיש האַרץ און לשון. עס איז אַ לאַנגער מאַרשרוט — קינדשאַפֿט, יונגשאַפֿט, שטעטל, מדינת־ישׂראל — און אויף יעדער סטאַנציע ווו ער פֿאַרהאַלט זיך איז ער — ער. אויף דער ברייטער סקאַלע פֿון מאָטיוון, יחידישע, אוניווערסאַלע און נאַציאָנאַלע דאָמינירט זײַן איך, וואָס אָטעמט מיט דער אַטמאָספֿער פֿון טעג און יאָרן אין דורכבליק און צוריקבליק. אַלץ איז לויטער און קלאָר, און אַלע סטרונעס וויברירן מיט אייגענע, עכטע קלאַנגען. ס'איז אַ מין אוניקאַט אין דער ייִדישער פּאָעזיע, ווו ס'קענטיקן זיך בולט אַרויס די האַרמאָניע פֿון אומעט און פֿרייד. דאָס איז די סוווערענע חרץ־לאַנדשאַפֿט, ווו עס שפּיגלען זיך איבער די אינזיכן און אַרומזיכן פֿון עבֿר און הווה, און די טאָפּל־רעאַליטעט, ווו חלום איז אויך וואָר גיט צו אַ דימענסיע פֿון עקזיסטענציאַליזם צום מאַסיוון לידער־כּינוס. לייענענדיק די לידער, לאָזט זיך עס מפֿרש זײַן ווי אַ קינסטלעריש אויטאָביאָגראַפֿישער קאַליידאָסקאָפּ פֿון אַ ייִד און זײַן צײַט, די ערבֿ־ און נאָך־חורבן עפּאָכע, צוזאַמענגעמײַסטערט מיט ייִדישע פּערזון. פֿון דער ראָם פֿון דער אומגעהײַערער ליד־מאָזאַיִק לויכט צו אונדז דער גײַסטיק־נשמהדיקער סך־הכּל — דער אימאַזש פֿון פּאָעט — מאיר חרץ.

זײַן געשטאַלט איז פֿון אַן אינטעגרירטער ליטעראַרישער פּערזענלעכקייט, אַ ייִדישע און אַ מענטשלעכע, וואָס גאַנצט זיך צוזאַמען פֿון פּשוטע און פֿאָלקסטימלעך־פֿאַנטאַסטישע וואָרט־קעמערלעך, וואָס ער בויט. זיי פֿינקלען ליכטיק און טונקל, זוניק און שאָטנדיק, און זייער סימן־מובֿהק איז אַלצקייט: צוזאַמענפֿאַס און צוזאַמענשטעל פֿון אַ שלל אָביעקטן, געפֿילן, וואָר און וויזיע. פֿון די לידער גופֿא קומט די עדותשאַפֿט: אַז דעם דיכטערס אויער איז פֿול מיט מוזיק, זײַן אויג — מיט קאָלירן, און זײַן האַרץ — מיטן אויפֿציטער פֿון יצירה. און פֿון די דרײַ עלעמענטן גליט אַרויס דאָס חידושמדיקע רעאַליסטישע ליד, אָבער לחלוטין אָן

מיסטיש־פֿאַרשלייערטע מיטלען וואָס בעטן זיך אויף אַ פּירוש. זײַן ליד איז לײַכט פֿאַרשטענדיק, אוממיטלדיק און דירעקט ווי די זאַכן, די סבֿיבֿה, דאָס האַרץ, וואָס פּולסירט, און דער דיכטער דערבײַ. די חרץ־סטראָפֿעס זענען דינאַמיש, חנעוודיק, מוזיקאַליש און טעאַטראַליש מיט שפּאָרע דראַמאַטישע עלעמענטן און אָנגעלאָדן מיט אַקציע און געמיט, ווי מיניאַטורנע טראַגעדיעלעך און קאָמעדיעלעך. דער נאַראַטיוו איז ס׳רוב מאָנאָלאָגיש, איביק און אינזיכיק, מיט איראָניע, הומאָר און ליריש צאַרטע טענער. די געזאַנגען שפּילן זיך אויס אויפֿן דעקאָראַטיוו־מאָלערישן הינטערגרונט פֿון דיכטערס געוועזענעם היימלאַנד און דאָרף – באַסאַראַביע און מאַרקולעשט, און די לעצטע צוויי דעקאַדעס – פֿון זײַן נײַער היימשטאָט: ירושלים. דער דערוויַליקער סך־הכּל לאָזט זיך אונטערציִען אין אַ לידער גערעטעניש אײַנגעזאַמלט אין ווערטיקע ווערק. בלעטערט מען זיי, ווערט מען דערשטוינט פֿון די הונדערטער כּישופֿדיקע לידער, וואָס בעטן זיך געלייענט צו ווערן. אונדזער פֿאַראַלגעמיינערטער אַנאַליז דאָ, קומט עלעהיי טרעפֿלעף צו חרצעס פּאָעזיע. אַ ייִחוסדיק סיסטעמאַטישע און קאָנצענטרירטע פֿאָרשטודיע פֿון דער שאַפֿערישער שפּע, וועט נאָך מסתּם קומען. איז קודם־כּל לאָמיר דאָ פֿאַרצייכענען דעם קוואַנטיטאַטיוון דערגרייך פֿונעם ביכער־אַרויסלאָז פֿון מ. חרץ. אַ פּאָר יאָר נאָך זײַן קומען אין ישׂראל, 1974–1978, האָט ער אַרויסגעגעבן פֿינף ביכער. 1982–1990 – פֿיר ביכער. און איצט, בײַם מאַכן דעם חשבון, האָט אונדז אונטערגעיאָגט נאָך אַ בוך – אַרויס אין 1992. צוזאַמען סומירן זיי זיך צו מער ווי 2500 זײַטן. בלויז דאָס זיבעטע בוך, 474 זז׳, איז אַן אָפּקלײַב פֿון פֿריִערדיקע זיבן ביכער. אָבער סײַ ווי ווײַזט עס דעם אויפֿשטײַג און אַרויסשטײַג פֿון מאיר חרץ – זײַן זעלטענע התמדה און אומאויפֿהעריקן כּוח־יצירה. ווײַטער וועלן מיר פּרוּוון מאַכן אַ קאָנדענסירטן אַנאַליטישן קווערשניט דורך די ביכער, אין ליכט פֿון די לידער וואָס רעפֿלעקסירן דעם אויסשפּרייט און אַרײַנטיף פֿון דעם מערקווערדיקן פּאָעט.

ב.

מאיר חרץ צייכנט אָפּ אין 1992 זײַן גבֿורה־עלטער בן שמונים. זײַן לאַנגער לידערוועג, קרובֿ צו 60 יאָר, איז צעשטעלט, אין אימפּאָזאַנטע מײַלשטיינער לענג־אויס די אָפּענע האָריזאָנטן פֿון דער ייִדיש־וועלט. געקליבענע לידער און געציילטע פּאָעמעס איז אַ גוט באַלאַנסירטער אָפּקלײַב פֿון 6 ביכער, אַ סאָרט חרץ־אַנטאָלאָגיע, וואָס ער אַליין האָט צוזאַמענגעשטעלט. שוין אין ערשטן ״ליד״ (טיטל), פֿון בוך ״אין פֿרעמדן גן־עדן״ זינגט אויף די ערשטע סטראָפֿע: ״זאָל אויפֿגיין די לבֿנה־שײַן / פֿון מײַנע קינדער־יאָרן, / עס איז שוין צײַט, דער נײַער ווײַן / איז אַלטער ווײַן געוואָרן״. ווי בעסער, עיצומדיקער, קלאָרער קען עס איינער זאָגן. גלײַך דערויף אַ ליד ״אָוונט״, ווען ״צײַטיק שוין די שוואַרצע טרויבן״. די מאָלערישע נאַטור איז קאָלאָרירט מיט פּאַסטאָראַלע בילדער. נאָך דעם – משפּחה. סבֿיבֿה. ״שרעק״ (טיטל) פֿאַר ״מײַן באָבען״ איז געמאָלן מיט פֿינצטערע שטריכן. ״חדר־

יאָרן": אַ קינד־פֿאַנטאַזיע, געשפּונען נאַטור־פֿעדעם. אַפּאָקאַליפּטיש "די זון אויפֿן הימל איז רויט / און אויפֿן בית־עולם איז טויט" (ז' 10). די איבערלעבונגען איבערגעציטערט דורך דער צײַט, רופֿן אַרויס אין זכּרון אײַנגעקאַרבטע פּחדים, בענקשאַפֿט און געדענקשאַפֿטן — אַסאָציאַציעס פֿון היים און שטעטל. ס'איז אַ קינדישער לאַבירינט פֿון זינגזאַנג, אפֿשר נאָך פֿון מאַמעשער זינגוויג, טראַנס־פֿאָרמירט אין קורצן חרץ־ליד. באָבע. זיידע. הונגער. דלות. אַ נישט פֿאַראַניקער טאַטע און אומעטום — ייִדן. טשיקאַווע. נאָענט. פֿאַרבליפֿנדיק. זײַן קינדשאַפֿט — אַ גרויסער פּרק פֿון אַ קליין ייִדעלע. מאיר חרץ איז שפּעטער אַריבערגעשפּרונגען אַלע אומגליקלעכע יאָרן. זײַן מזל האָט אים געפֿירט. דער גורל האָט אים געשאַנעוועט, און די חכמה האָט אים געדינט אויך זיך דורכשאַנצן אַ לעבעדיקער דורך די שמאָלע מיקלט־שפּאַלטן פֿון "פֿרעמדן גן־עדן" ביז צו די "אייגענע" — "צו די ישׂראל הימלען". און דאָ האָט פּאַסירט אַן איינציק סימבאָלישער מעטאַמאָרפֿאָז דער גילגול־השם — דער סאָוועטישער כאַראַץ איז פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ ישׂראלדיקן חרץ. אָבער אין תּוך און תּוכן האָט זיך פֿאַרהיט די גאַנצקייט און זײַן איינציקייט. צוזאַמען מיט די געשריבענע אין, און אַרויסגעשמוגלטע פֿון דער פֿרעמדשאַפֿט, איז זיך זײַן יצירה אין ישׂראל צעוואַקסן צו גאָר באַטײַטיקע נאָרמעס. טאָ זאָל די לידער־דימענסיע אים דערפֿרייען — אַ ייִדיש־טורעם וואָס ער האָט אַליין געבויט — צו זײַן 80סטן געבוירן־יאָר.

די אָ פּאָעטיק־פּראָדוקציע זעט מיר צו מאָל אויס ווי אַ טאָגבוך פֿון דיכטערישע אימפּראָוויזאַציעס און כּל־מיני איבערלעבונגען. אַנטפּלעקונגען, וויזיעס און זעונגען, וואָס אויג־און־האַרץ כאַפּן אויף. דער ייִדיש מעדיום, ס'רובֿ אין פֿאָלקישן נוסח איז געמײַסטערט און ראַפֿינירט, דורכזעיִק קריסטאַליזירט. חרציש. מיט זײַן אָנקום אין ישׂראל איז חרץ ווי איבערגעבוירן געוואָרן מיט די דורות, אַ מין כּישוף וואָס האָט אים פֿאַריונגט: "און איך ווער מײַן עלטער־עלטער־זיידע, / ווען ער איז אַ יונגערמאַן געווען" (115). און — "דײַנע הייסע זאַמדן אין מײַן בלוט / גלײַך מײַן קינדהייט וואָלט אויף זיי געטראָגן". "לידער צו אייגענע". דאָ שײַנט ווידער אויף אין איר פּראַכט די מאַמע־געשטאַלט. ווי אַ תּפֿילה הערן מיר: "אָ, הימלען, גיט מיר אָפּ אַ פּלאַץ / איך וויל מקבר זײַן מײַן מאַמען. / זאָל איר מצבֿה — ברײַנע חרץ — / אין די ירושלים־וואָלקנס פֿלאַמען" (116). דער זון טוט אָן אַ קרוין אויפֿן מאַמע־קאָפּ. דער מאַמע־קינד־קנופּ איז אַ צוזאַמענבינד פֿון ליבשאַפֿט און מסירות. אַזאַ איז דער ציקל לידער — עמאָציאָנעלע ליב־צאַפּלדיקע. אויך די הומאַנע עלעמענטן פֿון ליבע — צום חבֿר, צום מענטש, צו דער פֿרוי — זענען הנאהדיק באַלזאַמיק. דער קרײַז פֿון דער לידער־פֿולקייט און — פֿילקייט ברייטערט זיך אויס, אַז ס'וואָלט געווען אַ מיצווה אַז יודעי־ייִדיש און אוהבֿי־פּאָעזיע זאָלן זיך אַליין אָנגיסן כּוסות לחיים — ווײַן לכּבֿוד חרצן און פֿאַר זיך! און זאָל מיר דאָ דערלויבט זײַן אַ קליינע דיגרעסיע, אַ מין באַלויכט צום ערשט געזאָגטן, טאַקע לגוף הענין: אין אַ סוף אָקטאָבער 1990, אַ פֿרײַטיק נאָך האַלבן טאָג, בין איך געווען דער גאַסט פֿון אַ חבֿר אין ירושלים. איך האָב טעלעפֿאָנירט צו מאיר חרץ. ער איז געלעגן

קראַנק און כ׳האָב זיך געקליבן אין מבֿקר־חולה זײַן. עפּעס אַ סיבה האָט צו נישט געמאַכט מײַן קומען צו אים. פֿאַר שקיעת החמה און נאָך היפּש פֿאַר ליכטבענטשן האָט מיר מאיר טעלעפֿאָנירט, ס׳איז געווען געגנוג פֿון וואָס צו רעדן, אָבער מיט אַ מאָל האָט ער אָפּגעהאַקט און געפֿרעגט: ״אויב מיר זעען זיך נישט איז אפֿשר גאָר לייענען פֿון מײַנע פֿרישסטע לידער״? די פּלוצעמדיקע שאלה האָט מיך אויף אַ מאָמענט צעטומלט, אָבער גלײַך דערויף האָב איך זיך אַ ניכטער געטאָן און אַפֿילו געוואָרן נײַגעריק: ״אַוודאי וויל איך הערן. וואָס פֿאַר אַ סורפּריז?״ און ס׳איז באמת געווען די פֿאַנטאַסטיש־שענסטע רעציטאַציע וואָס כ׳האָב ווען געהערט. אפֿשר איז עס געווען דער האַרציק עלעקראַנישער ריטעם פֿון ייִדישע ווערטער, נאָר איך בין געווען עקזאַלטירט. ס׳איז געווען אַן אומפֿאַרגעסיקער חרץ־רעציטאַל!

ג.

״הימל און ערד״: אין די צוועלף שורות פֿון ליד ״פֿרעמדס״ נאָטירט חרץ די כּל־המינים שלעק, וואָס האָבן זיך אָנגעזעצט אויף אים — ״אויף אָט דער פֿרעמדער וועלט״ פֿון אָרט און דאַטע — טשערנאָוויץ 1947 — טוט ער אַ 25 יאָר־שפּרונג, צו חיפֿה 1972, און שוין דערקענען מיר דעם מהלך־רבֿ: עס פֿירט צו אומבײַט און באַנײַטקייט פֿון נוסח און טעמאַטיק: שוין דערציילט ער ווי ער פּראַקטיצירט דעם ״שבת״ (טיטל): ״ווי אַ קינד, וואָס מ׳האָט עס אײַנגעשלעפֿערט / שלאָף איך אויך. ס׳איז שבת אין מײַן לאַנד״ (200). גייט איבער פֿון אידילישן שבת־בילד צו אַלעגאָריע, צו ראָמאַנטישע לידער, נאַטור און נאָך אינטערעסאַנטן אַלערליי־יִקס. ״שטערן אויפֿן הימל״ שײַנען אויף מיטן אָנזאָג פֿון ליריק. בכלל קלינגען זיך צוזאַמען אַ סך לידער פֿון די אַנדערע אָפּטיילן מיט זייערע לירישע און צײַט־מאָטיוון. ״די עפּל פֿאַלן ווידער אַראָפּ״. דער פּראָצעס בײַם מענטשן איז, ווי בײַ די עפּל ״ווידער רײַף״ — און אַזאַ איינער ״וועט איצטער אויף די עלטערע יאָר / דערהערן זײַן אייגן קול, / דאָס קול פֿון אַמאָל אַמאָל״ (231). בענקשאַפֿט און חורבן. ״דאָס רעדל״ (טיטל) וואָס איז פֿאַרבליבן נאָכן ״וואָגן פֿון שטעטל... געיאָגט איבער באַרג און טאָל״ — ״ליגט״ פֿאַרלאָזן. איבעריק. אין דער נײַ־אויפֿגעקומענער וואָר רײַסט זיך דער דיכטער ״שטורעמדיק ווער איך קומען״ — קעגן די אים נאָענטע חבֿרים, ״דיכטער״. ״ער וועט קלאַפּן אויף זייערע טישן״ און מאָנען: ״איר האָט זיך פֿאַרזאָרגט מיט פֿאַרדינסטן / ווי פּריצים מיט אַל דאָס גוטס / און ס׳האָבן אײַך קנעכט און דינסטן / געשײַערט די נעמען, געפּוצט״ (269). ס׳איז טאַקע אַן ערלעך געשריי פֿון אַ באַוועלטן, וואָס אַפּעלירט צו גערעכטיקייט, נאָר עס בלײַבט דער נאָכטעם פֿון פֿאַרביטערטער אומבאַהאָלפֿנקייט, ווי ס׳וואָלט פֿאַרגעסן דעם אייגנדיקן נוסח. בעסער איז צו הערן און פֿילן די ערשטע חרצישע לידערטריט אין דער ישׂראל־מדינה: ״אַרויף אויף דער אייגענער ערד״: ״לוד 1972״ (279). באַטראַכטעריש קוקט ער אָן די לאַנדשאַפֿט, די שטעט: חיפֿה, באר־שבֿע, ירושלים. ער שפּאַצירט דורך די ״הייליקע ערטער פֿון טויזנטער יאָרן״ און זאַפּט אײַן די

אײַנדרוקן און קלאַנגען פֿונעם אַלט־נאָענטן לאַנד און נײַ־דערקענטער היים. אָבסערוואַציעס, מעדיטאַציעס, שטימונגען. און צווײ יאָר שפּעטער אין ירושלים זינגט ער: "און דאַנקען גאָט, די שטערן האָבן ווידער / באַוויזן זיך אין הימל ווי אַמאָל" (282). און ער זינגט ווידער און ווײַטער נײַע און "אַלטע שטערן־לידער". "דאָס 5טע ראָד" הייבט זיך אָן מיט אַ דיכטערישן אַרײַנבליק "אין פֿרעמדן גן־עדן". וואָס איז כּולו אמת און אימה. אין אים "איז נישטאָ קיין עץ־הדעת" און עס "וועלקט און פֿוילט דער עץ־החיים". די סדרה דאָ דערציילט רישעות פֿון "די סטאַלינישע ריטער", וואָס ווײַנט אויס פּאָלקיש: "אוי איז ביטער!" (314). און פֿאַר דעם פֿאַרטרערטן, פֿאַרקראַטעטן גן־עדן גילט אַפֿילו נישט דער געטלעכער "ויגרש": "מיר שטייען בײַם טויער און בעטן זיך / אָ, טרײַבט אונדז אַרויס פֿון גן־עדן" (326). פֿאַרמישפּט, צו קײַען די ערד דאָ. "גרינער ווינטער": די מיינסטע לידער געשריבן אין די 80קער יאָרן, אין ירושלים. פֿײַנע לידער, מיט ליבשאַפֿט און צער. אויך די נאַטור: "אַ מזלדיקער רעגנדיקער ווינטער / אין פֿענצטער שטיפֿט אַ דרויסן אַ צעגירנטער". אָבער אויך דאָ "שלאָגט זי דורך" די אַסאָצאַציע פֿון ..."ווײַסע וועגן, / אַ ווײַסן וואַלד אין צפֿון מיר שטייען מיט די זעגן / פֿאַרשנייטע אַרעסטאַנטן. כ'בין דאָרשטיק נאָך אַ רעגן" (371). נאָך דעם קומט "עפּעס פֿון דער פּאָעמע "מאַרקולעשט" צו לעצט פֿון די ציקלען "אַנפּאַס און אין פּראָפּיל". די דרײַ לעצט־דערמאַנטע אָפּטיילן זענען דאָ בלויז פֿאַרצייכנט, די אַלע פֿריִערדיקע — דראַסטיש געקירצט. די פֿולקייט און פֿילקייט פֿון די חרצישע לידער־דימענסיעס, האָבן צום באַדויער נישט געקראָגן די פֿאַרהעלטעניש־פּראָפּאָרציע, ווי מיר האָבן לכתחילה געפּלאַנט, בפֿרט האָבנדיק אין פּערספּעקטיוו די נײַע ביכער. און דאָס גערעטעניש, קיין עין־הרע, האַלט כּסדר אין וואַקסן, ווי דער פּאָעט וואָלט זיך פֿאַרמאָסטן אין אַ מאַראַטאָנישן לידער־געלויף מיט דער קריטיק. וויסנדיק די חרץ־נאָרמעס האָבן מיר נישט בדעה זיך אַרײַנציִען אין אַזאַ יאָגעניש. פֿון דער אַנדער זײַט ווילן מיר אָנמערקן, ווי נייטיק ס'איז דאָס דאָזיקע פּאָעטישע עשירות אויסצוסאָרטירן על־פּי וויסנשאַפֿטלעכע און קינסטלערישע כּללים. ווײַל ווי חרץ אַליין זאָגט און פֿילט עס: "שיריים ליגן אויפֿן טיש צעשיט און וואַרטן". און די שיריים פֿון זײַנע ייִדיש־שירים דאַרפֿן קריגן אַ תּיקון. ווען "אין דרויסן בלאָנדזשעט אום אַ ניגון אַ ליד / און זוכט דאָס קול פֿון זינגער — און דאָ האָבן מיר אי דעם ניגון אי דעם קול,ביידע פֿון מאיר חרץ. איז לויט דעם לידערישן שולחן־ערוך איז שוין דערלויבט די "עסערס"־געניסערס צו "בענטשן" אויפֿן יבֿול־השירה, און זאָל עס שוין זײַן אײנציִיטיק אַ ברכה־כּפֿולה — צום יובֿל־המשורר.

("לעצטע נײַעס", 11טער סעפּטעמבער 1992)

א. שעדלעצקי

מאיר חרץ — צו זײַן ווערן אַ בן־שמונים

און וועגן זײַן נײַעם לידערבוך ״נאָכן סך־הכּל — דרײַ״

דער דיכטער מאיר חרץ ווערט אַ בן־שמונים, בעת ער האָט הינטער זיך אַ רײַכן שעפֿערישן עבֿר פֿון איבער אַ האַלבן יאָרהונדערט, זינט זײַן אויפֿשפּראָץ און אַרויספּאָר אין די דרײַסיקער יאָרן — ווי דער ייִנגסטער דעמאָלט פֿון דער ליטעראַרישער גרופּע יונג־רומעניע.

חרץ איז אַרײַן אין דיר ייִדישער ליטעראַטור גלײַך ווי אַ רײַפֿער פּאָעט מיט אַן אייגענעם סטיל און אייגענעם דרך. הגם אַ שטיק צײַט אונטערן סאָוועטישן רעזשים איז ער ווי געוועזן אין חרם, איז אָבער קיין סוד נישט געוועזן אַז זײַנע שופֿלאָדן זענען אָנגעפּאַקעוועט מיט כּל־טובֿ. זײַנע כּתבֿ־ידן האָבן אים משך פֿון יאָרן געוואַרט אויף זייער צײַט, ואמנם כּן — בײַ דער ערשטער געלעגנהייט פֿון זײַן עליה, אין 1972, קיין ישׂראל האָבן דאָ אָנגעהויבן דערשײַנען זײַנע פּאָעזיע־זאַמלונגען, איין בוך נאָכן אַנדערן. און איצט בלויז עטלעכע חדשים פֿאַר זײַן דערגרײַכן די גבֿורות, האָט ער אונדז מזכּה־געווען מיט זײַן צענטן בוך ״נאָכן סך־הכּל — דרײַ״ — דאָס הייסט די דריטע זאַמלונג לידער נאָך זײַן בוך ״געקליבענע לידער און געציילטע פּאָעמעס״, וואָס שטעלט מיט זיך פֿאַר אַ מין אַנטאָלאָגיע פֿון זײַן ליטעראַרישן שאַפֿן בכלל.

אין דער אמתן געזאָגט האָט דער דיכטער קיינעם נישט איבערראַשט ווען נאָך זײַן ״סך־הכּל״ האָט ער שוין באַוויזן אַרויסצוגעבן צוויי נײַע פּאָעזיע־ביכער און איצט דאָס דריטע, וואָרעם דער דיכטער איז אויך בײַ זײַנע אַכציק אין פֿולן ברען פֿון זײַן שאַפֿן. אויך די לעצטע ביכער זײַנע שטייען נישט אָפּ פֿון די פֿריערדיקע, אין קיין שום זין נישט. אַדרבא — זיי זענען מוסיף און מחדש, זיי פֿאַרטיפֿן און ברייטערן אויס דאָס אַלגעמיינע בילד פֿונעם דיכטערס שאַפֿערישן וועג.

צום נײַעם בוך זײַנעם האָט מאיר חרץ מוסיף געווען עטלעכע צוגאָבן — אָפּטיילונגען מחוץ דער פּאָעזיע: ״אַ ביסל פּראָזע״, ״סענטענצן״, און ״אויף מײַן חשבון״. דאָס לעצטע איז אַן אָפּקלײַב פֿון דעם וואָס אַנדערע האָבן געשריבן וועגן אים און זײַן שאַפֿן. אין ערשטן מאָמענט ווען איך האָב געבלעטערט דאָס בוך פֿון 250 זײַטן האָב איך געהאַט דעם רושם אַז די אָפּטיילונג האָט נישט געדאַרפֿט אַרײַנגעבראַכט ווערן צווישן די טאָוולען פֿונעם דאָזיקן בוך. אין לערבֿ מין בשאינו מינו. ליטעראַטור־קריטיק און אָפּהאַנדלונגען וועגן אַ שרײַבער (חוץ קורצע אַרײַנפֿירן) מעגן געבראַכט ווערן באַזונדער. אַז מען נעמט אַ בוך פֿון מאיר חרץ אין האַנט דאַרף דער לייענער לייענען אים גופֿא, זײַן פּאָעזיע, און נישט אַנדערע מחברים וואָס שרײַבן וועגן אים. ווען מען נעמט אָבער אין אַכט די פֿײַערלעכע

געלעגנהייט צו װעלכער דאָס בוך איז אַרויס, די יום־טובֿדיקייט צו זײַן יובילײ, קען מען דעם "פֿעלער" מוחל זײַן. אין אַ באַזונדער בוך, אָן דער אַפּוטרופּסות פֿון פֿאַרלאַג ("אײַגנס"!), װאָלטן די אַרבעטן בעוונותינו הרבים קיין מאָל די ליכטיקע שײַן נישט דערזען. דאָס װאָלט אין סך־הכּל געװען אַ גרויסער שאָד, װײַל דאָס זענען ערנסטע אַרבעטן װאָס באַלײַכטן דעם שרײַבערס שאַפֿן און שטעלן אים אַװעק אויפֿן ריכטיקן פּלאַץ. דאָס זענען כּלל נישט קיין שבֿחים לשם קורטואַזיע, און במילא אָן איבערטרײַבונגען...

מיר האָבן שוין בײַם סאַמע אָנהייב אָנגעװיזן אויף דעם אײגענעם דרך פֿונעם פּאָעט מאיר חרץ. דאָס איז דאָך אַ פּראָבעשטיין פֿאַר יעדן שרײַבער. דאָס איז אויך בולט און איבערצײַגנדיק אינעם נײַעם בוך. אָריגינעלקייט און אײגנאַרט שליסט אָבער נישט אויס השפּעות — השפּעות פֿון אַנדערע גרויסע שעפֿער און א.ג. אײגענע השפּעות פֿון פֿריערדיקע שאַפֿונגען און מאָטיװן װאָס הילכן אָפּ אויך אין נײַע שאַפֿונגען פֿונעם דיכטער. דאָס איז נישט בלויז מותּר, נאָר אַפֿילו געװוּנטשן. דאָס איז, פֿאַרשטייט זיך, װען דאָס װערט װי געהעריק פֿאַרדײַעט און דערלאַנגט דורכן מחבר.

"װאָס מער השפּעות אויף אַ שרײַבער, אַלץ מער אָריגינעל איז ער" — װערט געזאָגט אין איינער פֿון די: "סענטענצן" װאָס קומען אַרײַן אינעם בוך. װי אַ סך סענטענצן איז אויך אין דעם פֿאַראַן אַ סך אמת.

װאָס עס זענען די השפּעות אויף חרצן, קען מען נאַטירלעך לערנען פֿון זײַנע לידער. שוין אינעם ערשטן ציקל לידער װאָס טראָגט נישט צופֿעליק דעם נאָמען װאָס איז כאַראַקטעריסטיש פֿאַר אַ סך פֿון זײַן שאַפֿונג "צװישן שפּיגלען", זינגט דער דיכטער אינעם ליד "מע װעט אַ מאָל":

מע װעט אַ מאָל זיך נאָך באַװײַזן / אויף שׂמחות, אויף באַנקעטן, אויף אַ באַל / מיט רעדן מאַמע־לשון גאָר אָן גרײַזן, / מיט לייענען סוצקעװערן אין אָריגינאַל. / מיט אויסהערן יעקבֿ גלאַטשטיינס טענות / געבראַכט אויף אַ זילבערטאַץ צום טיש. / די אייניקלעך זיך קװיקן װי מיט מאַרצעפּאַנעס / און נישט די זיידעס, נעבעך, װאָס פֿאַרשטייען נישט. / מע קװיקט זיך װי מיט שטרודל, האָניק־לעקעך / און אַנדערע אַלטמאָדישע געבעקס / און געסט געקליבענע העבראיִש־קענערס / פֿאַרטײַטשן טבֿיהס פּסוקים צוריקצװועגס. / בײַ מאַנגערס חומש־לידער װעט מען לערנען חומש, / בײַ יהואַשן — אין גאַנצן דעם תּנ"ך / און נישט װי בײַ די איבעריקע אומות, / װוּ יעדער אומה רעדט נאָך אַלץ איין שפּראַך / און װייסן נישט דעם טעם פֿון צו איבערטײַטשן / אַ פּרשה חומש, אַ קאַפּיטל רות / מיט אַלע סודות און מיט אַלע קנייטשן, / װאָס זענען אונדז אַליין דאָך נאָר באַװוּסט. / אין טרויער־טעג מיר װעלן זיך פֿאַרזאַמלען / און יעדערער װעט שטיין מיט זיך אַליין, / מיט האַפֿשטיינס "פֿעלדער רוסישע", מיט זײַן "מיר שטאַמען", / מיט מאַרקישעס "אַ שפּיגל אויף אַ שטיין". / מע װעט אַ מאָל זיך נאָך באַװײַזן /

אויף שׂמחות אויך, מיט מזל און מיט פֿרייד, / מיט רעדן מאַמע־לשון גאָר אָן גרייַזן, / מיט לייענען יונגע שרייַבערס אין די "גאָלדענע קייט".

האָט איר אינעם דאָזיקן לייַכטן ליד די השפּעה־וועלט אויפֿן דיכטער אין מיניאַטור. ער דערמאָנט אויך דעם חומש, איז כּדאַי דאָ ציטירן זייַן פּרעכטיק ליד "דאָס גאַנצע חומש אויף איין פֿוס", אַ מין פּאַראַפֿראַזע פֿון חומש וואָס איז אַ וויכטיקע טעמע אין אונדזער פֿאָלקלאָר און דיכטונג:

און גאָט האָט באַשאַפֿן די גאַנצע וועלט / אין אַן איינציקער אַרבעטסוואָך — / די ערד און דעם הימל, די היץ און די קעלט, / אין הימל די שטערן, די תּבֿואה אין פֿעלד / און נאָך און נאָך און נאָך. / און ס'האָט געפֿלאַנצט אַ גאָרטן גאָט, / גן־עדן האָט מען גערופֿן דאָס אָרט, / נאָר ס'האָבן די מענטשן טראָץ דעם פֿאַרבאָט / געגעסן די עפּל און ס'האָט גאָט / אַרויסגעטריבן זיי פֿון דאָרט. / און גאָט האָט דער ערד אַ מבול באַשערט / אויף גאַנצע פֿערציק טעג, / דעם טורעם אין בבֿל איבערגעקערט, / סדום און עמורה פֿאַרברענט און צעשטערט, / לגמרי אָפּגעמעקט. / און קיין מצרים די בני־ישׂראל / אַרייַנגעפֿירט האָט גאָט, / פֿון דאָרטן געפֿירט זייַן פֿאָלק ישׂראל / און זיי געבראַכט קיין ארץ־ישׂראל / מיט פֿאַרטיקע צען געבאָט.

אָט דאָס זענען די מקורות פֿון השפּעה אויפֿן פּאָעט — די פֿאָלקסטימלעכקייט, די פּשוטקייט, די איינפֿאַכקייט. וואָס שייך זייַן קרעדאָ זאָגט דער פּאָעט צווישן אַנדערע שוין אין זייַן ערשטן ליד:

מייַן ליד איז קיין טאָרט נישט קיין זיסער / אויף נאָך די פֿיש און קאָטלעטן, / מייַן ליד איז אַ בולקע אַ פֿרישע / פֿאַר אַלטמאָדישע פּאָעטן / צו טונקען אין סאָוס פֿון סאַנעטן / אויף טישן פֿאַר געסט צו דערלאַנגען / בייַם אויסהערן מייַנע געזאַנגען. —

אויף דער טעמע פֿון זייַן ליד, און זייַן גורל בכלל, זינגט דער דיכטער צווישן אַנדערע אין אַ ליד אינעם ציקל "די וועלט איז פֿול":

אין קיין זייַדן העמדל / בין איך נישט געבוירן, / פֿון קיין זייַדענע פּעדים וועבט זיך נישט מייַן גורל — — —

און לסוף:

...אים (דעם גורל) געמוזט אַליין איך אויסוועבן פֿון לידער / און זיי אויסנווייניק / זאָגן ווי פֿון סידור...

*

נאָכן איבערלייענען אַ שפּע אַזעלכע שורות און ענלעכע לידער אין דער זאַמלונג, בין איך לסוף אָנגעקומען צום לעצטן שוין דערמאַנטן אָפּטייל — אָפּהאַנדלונגען פֿון אַן ערך צוויי צענדליק שרײַבער און ליטעראַטור־קריטיקער וועגן דעם שאַפֿן פֿון מאיר חרץ. איך האָב זיך איבערצײַגט: נישט סתּם שבֿחים זענען דאָס, נאָר ריכטיקע און טרעפֿלעכע אָפּשאַצונגען און אָפּהאַנדלונגען. וויל איך פֿאַרענדיקן אַזוי ווי איך האָב פֿאַרענדיקט מײַנס אַ קורצע אָפּהאַנדלונג וועגן איינעם פֿון דיכטערס פֿריִערדיקע לידער־זאַמלונג וואָס קומט אַרײַן אין דעם אָפּקלײַב, וואָרעם דאָס נײַע בוך באַשטעטיקט און באַקרעפֿטיקט מײַנע ווערטער דעמאָלט, ווען איך האָב געשריבן:

"פֿאָלקסטימלעכקייט, עכטקייט, דירעקטקייט, געמיטלעכקייט, היימישקייט און אַ שלל הומאָר, אויך דאָס איז אַ וויכטיקער עלעמענט אין חרצעס ליד, — אָט דאָס אַלץ האָבן מיר בשפֿע אין זײַנע פֿריִערדיקע ביכער, און אויך דאָס נײַע בוך איז פֿול מיט דעם — — —".

("לעצטע נײַעס", 6טער נאָוועמבער 1992, ו' כסלו תשנ"ג)

פנחס ערליך

מאיר חרץ צו זײַנע גבֿורות און צום דערשײַנען פֿון זײַן "נאָכן סך־הכּל — דרײַ"

מאיר חרץ, דער רײַף און רײַך־שעפֿערישער דיכטער, איז געוואָרן אַ בן־שמונים. מאיר חרץ, במשך זײַנע פֿיל יאָרן פֿון שאַפֿן, האָט מיט זײַן דיכטערישן טאַלאַנט געזוכט אין זײַן ליד אַן אָנהאַלט, אַ זין און אינהאַלט פֿון זײַן לעבן, און געפּרוווט מאַניפֿעסטירן אין זײַן בשפֿעדיקער יצירה יעדע שטרעבונג פֿון מענטשלעכן גײַסט צו אַ העכערער אַנטפּלעקונג...

איצט, 1992, איז דערשינען מאיר חרצעס "נאָכן סך־הכּל — דרײַ", דערמאָן איך זיך, אַז ווען עס איז דערשינען זײַן בוך "נאָכן סך־הכּל — איינס", האָב איך געהאַט תּרעומות צום דיכטער, הלמאַי דער שטענדיק פֿריש־צאַפּלדיקער פּאָעט, פֿון וועמען מיר דערוואַרטן נאָך אַ סך פֿון זײַן דיכטערישן נשמה־פּלאַטער, פֿון זײַן פּאָעטישער פען, זאָל האָבן באַטיטלט זײַן בוך מיט "נאָכן סך־הכּל". — ווי קומט עס, וואָס דער קרעפֿטיקער דיכטער, וואָס איז אַ סינטעז פֿון פֿאָלקסטימלעכער פּאָעזיע מיט זײַן ראַפֿינירטן אויסדרוק, וואָס איז סײַ בצימצומדיק און סײַ ברייט באַרעדעוודיק, אָבער דורכאויס יחידיש, וועלכער האָט נאָך אין זײַן ערשטן סך־הכּל (1987) געשריבן: "נאָכן סך־הכּל שרײַבט מען זיך אונטער / און מע פֿאַרזיגלט די

אונטערשריפֿט / און מע פֿאַרזיכערט אַ פּלאַץ באַזונדער / פֿאַר דײַן סך־הכּל, פֿאַר דײַן באַריכט...״; און גרויס־פֿאַרנעמיק איז חרצעס באַריכט פֿון הונדערטער לידער, דורך וועלכע עס שנירלט זיך ווי אַ רויטער פֿאָדעם דער פּרינציפּ פֿון אַן ערלעך און יושרדיק לעבן, און וואָס שטעלן מיט זיך פֿאָר אַן אימפּאָזאַנטן ליטעראַריש־פּאָעטישן בנין — איז דאַרף זיך פֿרייען און זײַן צופֿרידן דער דיכטער, ווען דער ראַפֿינירטער לייענער און די ליטעראַטור־קריטיק באַוווּנדערט און לויבט די שיינקייט, וואָס חרץ ברענגט אַרויס דורך דעם מעדיום פֿון זײַן ליד; און נאָך נישט טראַכטן וועגן פֿאַרזיגלען זײַן אונטערשריפֿט מיט אַ סך־הכּל און מיט אַ באַריכט, סײַדן עס געפֿעלט דעם שעפֿערישן דיכטער צו טיטולירן זײַנע לעצט דערשינענע ביכער מיטן נאָמען ״סך־הכּל״ — זאָל אים ווויל באַקומען, אָבער מיר דערוואַרטן נאָך פֿון זײַן געבענטשטער פֿען נאָך פֿיל אַנדערע סך־הכּלען, ווי נומער 4, 5, אאַז״וו.

דאָס בוך ״נאָכן סך־הכּל — דרײַ״

באַציִענדיק זיך צום ספֿר גופֿא, לייען איך אין ערשטן קאַפּיטל פֿון בוך ״צווישן שפּיגלען״, ווי דער מחבר שפּיגלט אָפּ זײַן זאָרג און ליבע פֿאַר לשון ייִדיש, ווי למשל: ״כ׳שרײַב די לידער מײַנע אין אַ יונגער שפּראַך, / ביי וואָלט זי געלעבט פֿאַר צײַטן און געשטאַנען אויף דער וואַך / אויפֿן דאַך פֿון בבֿל־טורעם און נישט צוגעלאָזט / צו דער קאַשע פֿון די שפּראַכן... / און צום סוף... און מע מישט די שפּראַך פֿון מאַרק מיט לשון פֿון תּנ״ך / און די שפּראַך די יונגע ליגט אין קראַנקן־בעט / און בײַ איר צוקאָפּנס שטייט אַ ייִדישער פּאָעט — און ער גלעט זי בײַ די יונגע גראָע האָר / און ער וויינט אויף אירע יונגע יאָר״.

אָדער עס פֿאַרלירט נישט די האָפֿענונג דערדיכטער, טראָץ דעם, וואָס ער זעט: ״ווי ד שפּראַך די יונגע ליגט אין קראַנקן־בעט״ און... ״מע וועט אַמאָל״ (זײַט 25) ״מע וועט אַמאָל זיך נאָך באַווײַזן / אויף שׂמחות, אויף באַנקעטן, אויף אַ באַל / מיט רעדן מאַמע־לשון גאָר אָן גרײַזן, / מיט לייענען סוצקעווערן אין אָריגינאַל / בײַ מאַנגערס חומש־לידער וועט מען לערנען חומש, בײַ יהואשן — אין גאַנצן דעם תּנ״ך / און נישט ווי בײַ איבעריקע אומות, ווו יעדער אומה רעדט נאָך אַלץ איין שפּראַך... און אין דעם קאַפּיטל ״אַביסל פּראָזע״ באַציט זיך דער דיכטער צו דער זעלבער טעמע, זאָגנדיק: ״פֿאַר קיין שום ליטעראַטור פֿון יעדער אַנדער לשון אין דער וועלט איז ניט אַזוי לעבנס־וויכטיק די קלאָרקייט און אָפּגעהיטנקייט פֿון דער שפּראַך, ווי פֿאַר דער ייִדישער ליטעראַטור. די מערכה פֿון ייִדיש הײַנט צו טאָג איז גאָר נישט קיין פֿריילעכע, אַזוי ווײַט, אַז אַפֿילו נעבעטיקע קעגנער פֿון ייִדיש האָבן זיך אַרומגעקוקט, אַז זיי זענען גלײַכע שותּפֿים צום גרויסן שאָדן פֿונעם אונטערגיין פֿון ייִדיש. ווי ווײַט די קוואַליטעט פֿון אַ ליטעראַטור און די דערגרייכונגען אין דער אַנטוויקלונג פֿון אַ שפּראַך קענען העלפֿן זי צו ראַטעווען, איז אַ באַזונדערער ענין... (זײַט 103).

פּראָבטפּולע דיכטונג און קלאָרע פּראָזע

מאיר חרץ דער דיכטער און פּראָזאַיִקער, וואָס וואָרצלט מיט זײַן שירה מיט אַלע חושים אין דעם אמת פֿון לעבן און אין דער ווירקלעכקייט און באַלעבט דאָס מיט ציל־באַוווסטקייט און מיט קלאָרן אויסדרוק, נישט נאָר אין זײַן פּראָבטפּולער דיכטונג, נאָר אויך אין זײַן קלאָרער פּראָזע, שרײַבט מ. חרץ אַ "פֿעליעטאָן וועגן ליטעראַטור" (זײַט 106). ווער האָט עס למשל, אין סאַמע קלענסטן ייִדישן שטעטל אַפּילו, נישט געוווּסט, וואָס סע מיינט מענדעלע מוכר־ספֿרימס "די קליאַטשע" אָדער "פֿישקע דער קרומער". ווער האָט עס נישט געקענט דעם נאָמען שלום־עליכם, און וואָס סע שטעלט מיט זיך פֿאָר זײַן "טוביה דער מילכיקער"? אָדער, וואָס ס'איז אַ מנחם־מענדל? דער גרעסטער גראָבער יונג אין שטעטל, אַז ער פֿלעגט אַ זעץ טאָן אין טיש מיטן פֿויסט, פֿלעגט ער דעם זעץ באַגלייטן מיט אַ — וואָס מיינט איר? "איך בין אייך אַ באַנציע שווייג פֿון יצחק לייבוש פּרץ"... משפּטים זענען דאָרט פֿאָרגעקומען נאָר ליטעראַרישע. אַשס מאָטקע גנבֿ האָט מען כּמעט יעדעס יאָר געמשפּט און יעדעס יאָר באַפֿרײַט, ווײַל נישט ער איז שולדיק, נאָר די געזעלשאַפֿט. אָדער וואָס שטייסטו, ווי לייוויקס גולם... אָדער, אַז איינער פֿון די שוחטים פֿלעגט אַדורכגיין די גאַס, פֿלעגט מען זיך גלײַך דערמאָנען אין שטיינבאַרגס אַ משל: "און אַ שאַרפֿער חלף האָט הצלחה, אי ער קוילעט, אי מע מאַכט אויף אים אַ ברכה..."

זעען מיר דאָ דעם שרײַבער מאיר חרץ, בײַ וועמען פּאָעזיע און פּראָזע זענען אַ גליקלעכער זיווּג. ער האָט זײַן אויסגעשפּראָכענעם אייגענעם סטיל, זײַן סטיל איז קלאָר, געשליפֿן און טיף אינדיווידועל אין זײַן פּאָעזיע ווי אין זײַן פּראָזע.

אַ נײַ געביט בײַם דיכטער חרץ, וואָס איז מיר ביז איצט נישט געווען באַקאַנט, זענען זײַנע "סענטענצן". דאָס זענען טיפֿע געדאַנקען, וואָס ער האָט זייער טרעפֿלעך אויפֿגעכאַפּט און כאַראַקטעריזירט. סענטענצן אויף אַלע געביטן פֿון דער ייִדישער קולטור, ייִדיש לעבן, ייִדישן און אוניווערסאַלן געדאַנק, ווי: ווער סע פֿאַרגעסט זײַן מאַמע־לשון, פֿאַלירט זײַנע קינדער־יאָרן. דאָס בעסטע פּלאַץ פֿאַר אַ ייִדן צו זײַן אַן אינטערנאַציאָנאַליסט איז נאָר צווישן ייִדן. אָדער, דאָס בעסטע פּלאַץ פֿאַר אַ ייִדן נישט צו זײַן אַ ציוניסט איז... ארץ־ישׂראל. נישטאָ קיין שענער אָרט אין דער וועלט־געשיכטע, ווי אַ שיין אָרט אין דער געשיכטע פֿון ייִדישן פֿאָלק. איך האָב פֿון די פֿולע 12 זײַטן אויסגעשיילט בלויז אַ פּאָר געציילטע סענטענצן, וואָס זענען בלויז אַ מוסטער פֿון אַ טייל פֿון דער פֿרוכטבאַרקייט פֿון מאיר חרץ.

דאָס וואָגיק וואָרט פֿון ליטעראַטור־קריטיקער

אין דער פֿערטער אָפּטיילונג "אויף מײַן חשבון" געפֿינען מיר אַ גאַנצע ריי אַרבעטן פֿון באַוווסטע שרײַבער און ליטעראַטור־קריטיקער, וועלכע שרײַבן וועגן חרצן: "יונג־ייִדישע דיכטונג אין רומעניע" שרײַבט הערש סעגאַל. אַזוי מאָלט מאיר

חרץ די לאַנדשאַפֿט. דער מאַרק איז דאָס וויכטיקסטע אין שטעטל. אויך ער איז אָבער איין גאַנץ מיט דעם וועג, מיט דער לאַנדשאַפֿט. יעקבֿ שטערנבאַרג באַגריסט חרצן, זאָגנדיק: מיט אײַך מאיר חרץ, איז צוגעקומען אין אונדזער פּאָעזיע נאָך אַ פֿאַרליבטער ריטער פֿון דער "גאָלדענער פּאַווע", נאָך אַ "גאָלדגרעבער" אין פֿאָלקס־געמיט, וואָס בלײַבט פּאָעטיש אומדערשעפּלעך... אַ לענגערע אָפּהאַנדלונג שרײַבט יאָסל לערנער (טשערנאָוויץ). אין סוף פֿון די צוואַנציקער יאָרן האָט זיך באַוויזן די שרײַבער־גרופּע "יונג־רומעניע". צו אָט דער גרופּע איז דער דיכטער מאיר חרץ צוגעקומען דער לעצטער. געקומען מיט אַן אייגענעם פּענדזל און פּאַליטרע, געקומען און אַ שפּיל געטאָן — און עס האָט זײַן אינסטרומענט אַרויסגעבראַכט פֿון זיך קלאַנגען דינע, איידעלע, פֿײַנע, גלעטנדיקע... ישׂראל אַמיאָט רעדט וועגן דעם פּאָעט חרץ, זאָגנדיק: ער געהערט צו דער ייִנגערע גרופּע "מאָלדאַוויש־ייִדישע" שרײַבער, און ער איז טאַקע דער טאַלאַנטפֿולסטער צווישן זיי. צו זײַן גרופּע האָבן געהערט: דער טראַגיש אומגעקומענער אין די סאָוועטישע לאַגערן הערץ ריווקין, דער באַקאַנטער דיכטער מאָטל סאַקציער, יאַנקל יאַקיר, און נאָך אַנדערע. די דאָזיקע גרופּע איז געווען אַ נאָכוווּקס פֿון דער פֿריִערדיקער שרײַבער־פּלעיאַדע, וואָס האָט אַזוי באַרײַכערט די ייִדישע ליטעראַטור: ד"ר שלמה ביקל, יעקבֿ שטערנבערג, איציק מאַנגער, אליעזר שטיינבאַרג און משה אַלטמאַן... יעקבֿ גלאַטשטיין זעט אין חרצן, קודם־כּל אַ גוטן בעל־מלאָכה מיט זײַנע לידער־סעריעס, וואָס מאַכן תּמיד אַן אײַנדרוק מיט זייער זעטיקער שפּראַך און מיט זייער פֿערזן־קענטשאַפֿט. ער לאָזט זיך נישט באַהערשן פֿון דער גרינגער בעל־מלאָכהשאַפֿט, ווערט ער אַ מײַסטער פֿון דער מוזיקאַלישער שורה, און די מוזיק איז אַ פֿרײַפֿליסיקע, אָן שום צוואַנג... עס קומען אַרײַן אין דער אָפּטיילונג "אויף מײַן חשבון" צוויי מניינים וואָגיקע ייִדישע שרײַבער (פֿון די איבער 60 אָפּשאַצונגען), וואָס באַהאַנדלען חרצעס רײַכן ליטעראַרישן פֿאַרמעג.

פֿון מלך ראַוויטשעס אַן אַרבעט אין בוך, ווערן מיר געוואָר, אַז מאיר חרץ איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1912 אין אַ באַסאַראַבער דאָרף, דעם גרעסטן טייל פֿון זײַנע יאָרן געוווינט אין טשערנאָוויץ, בוקאָווינע, חוץ אין די יאָרן פֿון מלחמה און תּפֿיסה, אין מערץ 1972 איז ער געקומען קיין מדינת־ישׂראל. צו ערשט געוווינט אין חיפֿה, און איצט וווינט ער אין ירושלים. איז צו די גבֿורות פֿון מאיר חרץ, דעם טאַלאַנטפֿולן דיכטער און פּראָזאַיִקער, וואָס האָט במשך זײַנע לאַנגע יאָרן פֿון שאַפֿן באַוויזן אויפֿצובאַפֿן אויף אַן אימפּרעסיאָניסטישן אופֿן די רעאַלע ווירקלעכקייט מיט אַ זעענדיקן אויג און מיט אַ לירישן האַרץ, ווינטשן מיר נאָך פֿיל געזונטע און שעפֿערישע יאָרן...

("נײַע צײַטונג", 9טן אָקטאָבער 1992, י"ב תּשרי תּשנ"ג)

אָפּגעהיטע ווידמונגען אויף מײַן אַדרעס

מ. אָליצקי

איך וועל שטאַרבן אין דער שטאָט ניו־יאָרק

פֿאַר מאיר חרץ

...און איך וועל שטאַרבן אין דער שטאָט ניו־יאָרק,
בײַם איבערגיין די גאַס, בײַם סאַמע ראָג,
פֿאַרקוקט אין הימל צו דעם הויכן הויז,
אין אַ שיינעם זומערדיקן טאָג.

פֿאַרקוקט אין הימל צו דעם הויכן הויז —
אַ שלאַנקער דריידל מיטן קאָפּ אַראָפּ,
צו כוואַליעס מענטשן ווי זיי שטראָמען אָן,
צו כוואַליעס מענטשן ווי זיי שטראָמען אָפּ.

צו אויטאָס ריזיקע, וואָס בלײַבן שטיין
פֿאַר רויטער שײַן, אַ פֿינטעלע די גרויס —
דאַן וועט אַ שיכּורע צעווילדעוועטע קאַר,
אַרויפֿפֿאַלן אויף מיר מיט אָטעם הייס.

צי אפֿשר שטאַרבן וועל איך גאָר בײַ נאַכט,
ווען לאָמפּן ברענען ליכטיקער פֿון שטערן.
אויף די פֿינצטערניש אין שטײַג פֿון מײַנע ריפּן
וועט פֿון אַ מעסערשטראַל באַלויכטן ווערן.

רבֿקה באַסמאַן

*

פֿאַר מאיר חרץ, צו זײַן ווערן אַ פֿינף און ציבעציקער
און צום דערשײַנען פֿון זײַן זיבעט בוך לידער.

„אַ טענצל מיטן גורל"
אַ טענצל מיט
אַלע באַגלייטער
אין וועג

אַ זמרל מיט
קינד און קייט
אַ פֿריילעך אומעטיקס
צום טאָג וואָס פֿאַרגייט
אַ ליכטיקן מבול
רייד
צוויי שווערע קאַראַמיסלס
אויפֿן יידישן קאַרק
דער דאַשעק פֿאַרדרייט
ווי פֿון אַ גוטן מאַרק
דאָס היטל אויפֿן קאָפּ
פֿון אַ קלוגן ייִד
און איבער דעם
אַ הימל מיט שטערנדלעך שניי
וואָס שיט
און אַלץ וואָס אין לעבן
פֿאַרלויפֿט —
אין אַ ליד.

נחמן בליץ

דער זקן און דאָס ייִנגל

פֿאַר מאיר חרץ

— ווער איז דײַן גרעסטער שונא, זיידע? —
האָט געפֿרעגט דאָס ייִנגל.
— די צײַט און דער שפּיגל, — זיי ביידע.
די צײַט, ווי וויכער, זי לויפֿט אַזוי שנעל
און לעשט הינטער זיך אויס
די רעשטלעך ליכט פֿון מײַנע טעג
און שיט מיר גרויען אַש בלויז
אויף מײַן לעצטן וועג.

— און פֿאַר וואָס דער שפּיגל?
איך האָב דווקא ליב צו שטיין

פֿאַר אים אַנטקעגן
און זען אין זײַן זילבערשײַן
מײַן גליק, דעם העלן, ראָזע מאָרגן,
וואָס וואַרט אויף מיר — דער ווײַל פֿאַרבאָרגן
אויף אַלע סטעזשקעס גרינע
און ברייטע, בלײַענדיקע וועגן,
וואָס פֿירן, ליבע מײַנע, צו דיר —
צו דײַן פֿאַרכּישופֿטער מדינה...
דער שפּיגל אַנטפּלעקט פֿאַר מיר
מײַן מילדן, גאָלדענעם גורל;
ער פּראַלט פֿאַר מיר אויף אַלע טירן
און זיבן קעניגלעכע טויערן.

... — און איך, מײַן ייִנגל, זע נאָר קנייטשן
אויף מײַן גסיסה־פּנים
פֿון אַלטקייט דעם מיאוסן זיגל —
דאָס נאָר זע איך אין דעם שפּיגל.

... — און וואָס איז דײַן גרעסטע פֿרייד,
ייִנגל? ענטפֿער מיר דערויף.
— דאָס מיידל אין דעם בלויען קלייד,
וואָס פּלימפּט אַן עמער וואַסער
בײַם פּלומפּ אין מײַן הויף,
אירע רויטע ליפּן און די שוואַרצע צעפּ,
איר האַלדז, ווײַס און שלאַנק
און איר וויגנדיקער גאַנג,
די רונדע היפּטן, ווען איך זע,
ווי זי קלעטערט אויף די טרעפּ.

— און וואָס נאָך, ייִנגל, האָסטו ליב?
— אַלץ, וואָס איז שיין; יעדן טאָג, וואָס קומט אויף אויפֿסנײַ
מײַן לאַנד, מײַן היים, די סאָסנעס און די בערג,
דעם פּרדס און דעם ווײַן;
דעם גאָרטן בײַ מײַן שטוב,
דעם צויבער פֿון פֿרילינג, דעם חלום פֿון מאַי,
דעם ווינט, דעם רעגן, דעם זיסן ריח
פֿון בלייכע קאָנוואַליעס,
דאָס קראַקען פֿון זשאַבעס גרינע בײַם טײַך,

דאָס גראָז פֿאַרנאַכטיק־צעכוואַליעטע
אין פֿעלד,
דעם האָניק־זיסן זומער, דעם תּבֿואה־שניט,
פויערן־געזאַנג, קאָסע־קלאַנג
און פֿולע וואָגנס קאָרן און ווייץ אויפֿן שטראָז.
דערנאָך, ווינטער; ווײַס, גליטשיק גלאָז,
ווייבע, שטומע טריט
אויף פֿינקלדיקע שטערנדלעך שניי,
שליטנס, זילבערנע גלעקלעך און באַפּליגלטע פֿערד
געשפּאַנטע זאַלבע דרײַ.

— און וואָס נאָך? — פֿרעגט דער זיידע.
— אָך, מער ווי אַלץ — דאָס מיידל
אין דעם בלויען קליידל,
איר פּנים קושן — גלאַט, ווי סאַמעט
און עפּעס נאָך, וואָס נעמט דעם אָנהויב
פֿון דעם אות "למד" —
דאָס שענסטע,
וואָס האָט גאָט דעם מענטשן געגעבן:
ליבע און לעבן,
זיידע, זיי ביידע...

— דער שפּיגל הענגט דאָ מער, ווי הונדערט יאָר,
איך האָב געשפּיגלט זיך אין אים, ווי דו.
ייִנגל, זײַן בילד איז נאָר דעמאָלט וואָר,
ווען דער זייגער קלינגט די יונגע מאָרגן־שעה...
איך האָב געזען זיך אין זײַן פֿאַלשן גלאַנץ
יונג, שיין, קלוג און שמשון־שטאַרק
אויפֿן קאָפּ אַ לאָרבער־קראַנץ,
דער האַר פֿון דער ערד, ימען און שטערן
גרייט די וועלט צו איבערקערן...
גלויב נישט, ייִנגל דעם זלודנע שפּיגל,
וועסט בלײַבן, ווי אַ בוים אין האַרבסט־טעג שטיין
אָפּגעפּליקט פֿון בלעטער, —
נאַקעט, ווי אין דער מאַמעס וויגל.

— זיידע, ביטער זענען דײַנע רייד,
טראָגסט אין זיך אַ גרויען אומעט, ביסט אַ שוואַכער זקן.

נאָר מיר, יונגע, מיט אילוזיעס פֿאַרבלענדט
אין געיעג נאָך ליבע, גליק און פֿרייד
וועלן גראָד ווי דו אַ מאָל אין דעם זלודנער שפּיגל קוקן...

פֿריד ווײַנינגער

דוינע, דוינע

מאיר חרצן
צום אָנדענק פֿון די בוקאָווינער־באַסאַרבער יאָרן

דוינע, דוינע,
ווינט און רעגן,
נאָר איך לאָז זיך
אויף די וועגן...
שפּאַן און שפּאַן
אַ גאַנצע צײַט,
און די אומעט־לעמער
פּאַשען,
פּאַשען מיט מיר
זײַט בײַ זײַט.
דוינע, דוינע,
ווינט און רעגן,
קומט אַ באַרג
מיר איצט אַנטקעגן,
מיט דער נאָז
אַזש אין די וואָלקן,
און איך האָב דאָ
מײַנע ציגן
אינעם טאָל
נאָך נישט געמאָלקן.
חלום איך, אַז
דאָרטן, דאָרטן —
אויפֿן סאַמע שפּיץ
דעם הויכן —
איז פֿאַראַן אַ

שטערן־גאָרטן,
אײַנגעהילט אין
בשׂמים־רויכן.
פֿיר איך מײַנע
לעמער־לידער
ווײַטע אַלץ אַרויף,
אַרויף כּסדר.
דוינע, דוינע,
ווינט און רעגן,
ס׳האָט די אומרו
מיר געעפֿנט
אין די וואָלקן
אירע וועגן.

דוינע, דוינע,
ווינט און כמאַרעס,
בענק איך דורך די
נעפּל־שפּאַרעס...
נאָר די סטאַדע מײַנע
פּאַשעט,
ליד אין האַרץ,
דערצו אַ ניגון —
אומעט־שאָף
און חלום־ציגן
בענקן מיט מיר
זײַט בײַ זײַט.

דוינע, דוינע,
דמיון־כמאַרעס...
פֿלי איך,
ווערט מען אָפּגעפֿרעמדט
אין צײַט.
איבער בערג,
דורך וואָלקן־שפּאַרעס,
פֿול מיט שטערן,
שוין דער קאָפּ,
בענק איך... אוי ווי
לאָזט מען זיך אַראָפּ

אין די לאָקעס
דאָרט אין טאָל,
אין די לאָנקעס
אין די גרינע,
ווי אַמאָל אין דער מדינה
פֿון דער שיינער
בוקאָווינע...
ווי אַמאָל, אַמאָל,
אַמאָל.

כ"ד בתּמוז, תּש"מ

חיים זעלצער

דער נס פֿון קאַרטאָפֿל

פֿאַר מאיר חרץ

ס'איז קאַלט — אַ פֿאַרע גייט פֿונעם מויל, עלעהיי פֿון אַן אָפֿענער טיר זעצט אַ פֿאַרע. כאָטש נישט געהייצט איז די שטוב און דאַך, אַ בעלעמער האַרץ איז מחיהדיק וואַרעם... קאַיאָר. דער מאַן איז אַוועק אין שיל, די עלטערע קינדער — אין חדר. פֿאָרעט זיך שוין מיט די קאַלטע טעפּ די ייִדענע מרת פֿריידל. אין קאַלטן קיכל שטייט זי און טראַכט: ווו נעמט מען אויף מיטאָג קאַרטאָפֿל?... קלאַפּט מען אין טיר — עפֿנט זי אויף. אַ גוטן מאָרגן! — די שכנטע רחל.

גאָט האָט געהאָלפֿן — טראַכטן אין צווייען, פֿאַרשטייט זיך איז לײַכטער ווי איינעם: ווו נעמט מען קאַרטאָפֿל? — טראַכטן שוין ביידע. באַווײַזט זיך אַ דריטע שכנה. בײַם פּריפּעטשיק שטייען שוין איצטער דרײַ ווײַבער און טראַכטן: ווו נעמט מען — ווו נעמט מען?... יאַוועט זיך פֿון קעגן איבער אַ שכנה — די פֿירזאָגערין מרת יענטל.

טראַכטן פֿיר ווײַבער: ווו נעמט מען קאַרטאָפֿל? אַ ציבעלע קאָן אויך נישט שאַטן... קומט אונטער אַ פֿינפֿטע — אַ מאַמע פֿון קינדער, וואָס לאָזט נישט אַרויס פֿון האַנט די שמאַטע... פֿינף ייִדענעס טראַכטן וועגן קאַרטאָפֿל בײַם פּריפּעטשיק קאַלטן אין קיכל. אַ רעדל — אַ קאָשיקל שטייט אין דער מיטן פֿאַרדעקט מיט אַ קאָפּנטיכל...

מע כּישופֿט? — חלילה. אין בעלעמער שטיבער קאָן נישט געמאָלט זײַן קיין כּישוף; איידער פֿאַרקויפֿן דעם שד די נשמה, פֿאַרמשכּונען ליבערשט אַ קישן... אַ

קונץ? – נישטאָ דאָ קיין קונצן־מאַכערס... אַ נס? – איצט האָט איר געטראָפֿן! – –
– פֿינף ייִדענעס טראַכטן **בציבור** – זײַט זיכער, אַז זײַן וועט קאַרטאָפֿל. אַ ציבעלע
איך, ווי פֿון אונטער דער ערד באַקומט מען – יאָ, איר מעגט לאַכן – אין קאָשיקל
שיקט מען אַ מעשׂה פֿאַרזעצן, און אָפּקאָכן וועט מען אַ מאכל.

יאָסל לערנער

ווי אַ קינד

פֿאַר מאיר חרץ

ווי אַ קינד עס שמייכלט, גוגערט
דער קאַיאָר.
איך גלעט זײַן קעפּל בלאָנדע האָר
און געהיט,
איך לערן אים צו מאַכעניון
די ערשטע טריט.

דערצייל אים מעשׂהלעך פֿון "טויזנט
און איין טאָג",
ווינטש אים זײַן באַהיט פֿון פורעניות
און פּלאָג,
זײַן זאָל ער אַ ליכטיקער, מיט זון
און הימלבלוי –
כּה לחי!

אַ גאַנצן טאָג פֿאַר יעדערן ווי אַ קאַיאָר
און נישט, חלילה, איבעריק,
צעצויגן –
אַ טאָג – אַ יאָר...

1973, מעלות

יאָסל לערנער

דער דיכטער

פֿאַר מאיר חרץ צו זײַן ווערן אַ בן־שבֿעים

דאָס זען פֿון אויג העלפֿט נישט,
ווען דאָס האַרץ איז בלינד. —
אַ דיכטער מיט אַ קאָפּ גרויע האָר אַפֿילו,
איז אַ תּמימותדיק קינד.

וואָס ער זעט און וואָס ער הערט,
מיט זײַן האַרץ ער נעמט דאָס אויף.
ער זעט די טיפֿענישן ביז אַראָפּ,
און די הויכקייטן — ביז אַרויף.

ווײַל אומעטום איז גאָט פֿאַראַן,
וואָס האַלט אויך אים די רעכטע האַנט.
די בענקעניש וואָס ליגט אין דעם אַרום
האָט ער צום רײַטוואָגן פֿון דיכטונג זײַנער אײַנגעשפּאַנט.

ער זעט אַז ס׳איז דער ליגן, ווי דער קעניג נאַקעט,
און דער אמת בלאָנדזשעט אום אויף אונדזער וועלט.
נאָר אויב ס׳איז נאָך פֿאַרכמאַרעט דער אַרום,
דאָך — אַ פּאַסמע זון דעם וועג זײַנעם באַהעלט.

יוסף קערלער

*

מאיר חרצן

דאָס דינע, צאַרטע גראָז
קאָן שפּאַלטן האַרטן שטיין.
וואָס מיין איך מיט מײַן ליד?
אָט דאָס טאַקע איך מיין.

דער שטילער קילער קוואַל
פֿאַרענדיקט זיך מיט ים.
ווו ענדיקט זיך מײַן ליד?
געוויס אויך ניט מיט "סתּם".

נאָר ווײַט איז צו דער ענד,
עקשנות קאָווע איך.
ווי זעט מיר אויס מײַן ליד?
לחלוטין אומגעריכט!

יוסף קערלער

ווידער פֿרילינג

מאיר חרצן

1

אויב האַלטן כ'וועל אַפֿילו שמאָל,
בלײַבט אויך מיר דאָס געווינס —
ס'בליט יעדעס מאָל צום ערשטן מאָל
אויף צווײַגעלעך דאָס גרינס,

און ס'לײַטערט זיך די האַבע פּײַן,
ס'ווערט גרינג דער שווערסטער עול,
ווײַל וואָס און ווי סע זאָל ניט זײַן —
איך לעב צום ערשטן מאָל!

איך שפּאַן פֿאַרטיפֿט ביז העכער־האַלב
אין לופֿטיקייט אַרײַן,
צוזאַמען מיט דער ערשטער שוואַלב
דער הימל שלינגט מיך אײַן,

צוזאַמען מיטן ערשטן טוי,
מיט ערשטן דונערקנאַל —
אויף אָט דער ערד, וואָס איז נאָך רוי —
צום ערשטן מאָל איך פֿאַל.

פֿאַרפֿאַלן כ׳ווער, נאָר ס׳קלינגט מײַן קול
מיט בענקשאַפֿט און געבענטש:
— שטיי אויף אויף ס׳נײַ צום ערשטן מאָל
בן־אָדם, מענטש!

2

עס טריפֿן שוין די צעפּלעך אײַז
מיט ריינעם הימלבלוי
און ס׳פֿינקלט פֿײַערלעך די זון
פֿון יעדן טראָפּן טוי.

און יעדע פֿײַכטע ווערבע־צווײַג
הערט אײַן זיך שטיל פֿאַרטיפֿט
און וואַך — צו יעדער פֿליגלפּאָך,
צו יעדן פֿרישן טריף...

און איך אַליין, און איך אַליין,
ווי נאָר אויף גאָטס באַראָט —
כ׳ווער פּלוצעם פֿריי פֿון שטאָל און שטיין,
כ׳ווער פֿרײַ פֿון שטײַג און שטאָט
און כ׳ווער אַליין ווי יענע צווײַג,
ווי טראָפּנטריף — איך ווער
און, ערן וואָרט, עס דאַכט זיך מיר,
איך דאַרף שוין גאָר ניט מער —

אַבי נאָר וואַרטן יעדן טאָג
אויף עפּעס אומדערוואַרטס —
דער קנאָספּ זאָל פּלאַצן צו דער צײַט
און צו דער צײַט — דאָס האַרץ.

רבֿקה קאָפּע

געמיטלעך

דעם דיכטער מאיר חרץ

כ׳וואַרט עמעצן אָפּ,
ס׳וועט עמעצער זײַן.
ס׳פּלאַטערט מײַן ווילן
אינעם שפּעטער אַרײַן.

דער ניקלנער זייגער,
האַלט מיך געשפּאַנט
און פֿירט מײַן געדאַנק
אַרום בײַ דער האַנט.

עס פֿינטלט דער פֿאָספֿאָר,
ווי פֿליגעלעך זשאַר, —
אָפּט איז דער פֿינקל,
הוילער גענאַר!...

ווען פּולס איז געמיטלעך
און טיקטאַק באַרוט,
פֿליסט די דערוואַרטונג
מיט טעם אינעם בלוט.

רבֿקה קאָפּע

נוסח חרץ...

ווען ס׳קלינגט זײַן גראַם אַרויס פֿון שאַנק,
איז דאָס פֿאַר מיר אַ רוף, אַ צייכן.
אין די אויגן גיט מיר אַ פֿאַרבלאַנק,
כ׳פֿלי דעם זיבעטן הימל גרייכן —
און אפֿשר טיפֿער נאָך, העט־העטער:
בײַם לייענען „מאַרקולעשט״־פּאָעטער.

אַזוי אין די הימלען פֿאַרטראָגן,
געוואָלט כ׳האָב אים נאָך עפּעס זאָגן;
נאָר ניט פֿאַר דער וועלט צו צעברײַען.
ביז ס׳נעמט מײַן העפֿט די שטאָט באַטאָגן —
איך האַלט אָפּ די פֿעדער פֿון קײַען...

רבֿקה קאָפּע

לייענענדיק "גרינער ווינטער" און "מאַרקולעשט" פֿון מאיר חרץ

פֿון אַ קוואַל פֿון פֿרייד כ׳שפּרייט אַ קלאָרן הימל,
ווי דער לידער־בלענדער שטעלט מיר אויף אַ פּאַלאַץ.
דער פֿרילינג פּוצט פֿון ווינטער אָפּ דעם שימל
און זינגט פֿון מיר אַרויס צום דיכטער חרץ.

ווען מײַן בליק אין מײַן ביכער־שענקל לאַנדעט,
דאָרט הייבט זיך דאָך אַ באַרג מיט מײַנע כּתבֿים.
אַ שטראַלנקראַנץ פֿון דיכטערס ביכער וואַנדערט —
און ווײַסע פֿליגל פֿון געטלעכע כּרובֿים.

כ׳בין מקנא דאָס פּאַפּיר אונטער דער פֿעדער
און זוך אַ סינאָנים צו מײַן באַוווּנדער.
מיט פּענעס מוז באַזאָרגן אים אַ צעדער,
נאָר קנאה — דאַרף אַ גראַם דאָך אַ באַזונדער!...

רבֿקה קאָפּע

מאַרקולעשט לעבט

לייענענדיק "דאָס פֿינפֿטע ראָד" פֿון דיכטער מאיר חרץ

אַ לויב דיר, פּאָעט, פֿאַרן טיילן פֿאַרגעניגן,
שיק איך דער וועלט דערפֿאַר, מײַן שמייכלדיקן ניגון.

אַ טייל באַקומט פֿון דיר אַ שטעכלקע, אַ ראַנצע,
דו קאָנסט אויך אַ פֿעלדערוויש מאַכן פֿון אַ וואַנצע.

אין דײַנע גראַמען שפּילן דיכטערס זייערע ראָלן,
און ווו מען דאַרף — אַ לויב ביז הימלישע קופּאָלן!
יעדער מיט זײַן קנייטש, אָפּגעסטעמפּלט ליטאָגראַפֿיש,
דעם פּאַס, צי אין פּראָפֿיל, דו פֿאַרגלאַנצט מוסטערטראַפֿיש!

"דאָס פֿינפֿטע ראָד" איז דער ציפֿערבלאַט פֿון וועלטס רעדער,
וואָס גנבֿעט אונדז דאָס לעבן מיט זײַן ווײַזער־פֿעדער. —
דער פֿעטער שלמה, אַ טיפּ, אַ כאַראַקטער־פּאָרטרעט —
אין אמתדיקן ליגן — איז גרויסאַרטיק דער פּאָעט!

אפֿרים רויטמאַן

דער מענטש וואָס גייט

מ. חרצן

דער מענטש וואָס גייט אַרויס אין וועג
און אַנט נאָך נישט וווּהין ער וועט אים פֿירן,
האָט הינטער זיך בלויז גאַסן, צוגעהאַקטע טירן.
כאָטש אָפֿן שטייט פֿאַר אים די וועלט, טאָ פֿרעג,
צי וועט זי איצט אים מיט איר רחבֿות רירן?

ער האָט פֿאַרלאָזט אַ גאַס, אַ טיר און וויל אַן אַנדערע דערגרייכן
(ער איז שוין צוגעוווינט צו פֿילן דורך דער שויב...).
און בעת ער האָט נישט וועמען צו דערציילן, איז ער טויב
און בלינד (אויסטערליש זעט ער הימלען בלויז ווי הייכן)
און דאָ און דאָרט אַ בוים, און ערגעץ ווען אַ טויב.

און אויב ער איז שוין אָנגעקומען אין אַ הויז,
און זײַנע אויגן טרעפֿן אָן אין אויגן,
טויכט פּלוצעם אויך די נעסט וווּהין די טויב איז צוגעפֿלויגן; —
און אַז דער בוים, וואָס שטייט, נישט סתם שטייט, — זינגט זיך אויס,
אין שטוב האָט ער צו אַלעם זיך דערקענט,
האָט אים דער הימל אויסגעשטרעקט פֿול פֿאַרבן זײַנע הענט
און ווי אַ שלום־צייכן געשענקט — דעם רעגנבויגן.